STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06161

# LIDER UN ESEYEN

B. J. Bialostotzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. י. ביאלאסטאצקי

# לידער און עסייען

## 2. עסייען

פארלאג „צוויי גן"
נויארק, 1932.

LIBRARY
FEB 21 1991
UNIVERSITY OF TORONTO

געזעצט און געדרוקט אין דער
דזשוירזי פרינטינג קאָמפּאַני
יוניאָן פּרינטערס
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL 18

10 וועסט 23טע סטריט, בעיאָן, ניו־דזשוירזי
טעלעפאָן: בעיאָן 4340־3

אין דער לענגערער שטודיום־עסיי: „די שייכעס פון ווארט צו ווארט" האב איך געפרווט דערגיין דעם זין און דעם א י נ ה א ל ט פון גראם. אויך זיין אפשטאם. איך האב פארטיפנדיק זיך אין דעם איניעו דערזען פאר זיך דריי באשטימטע גרופן פון גראם־גרופירונגען פון ווארט לויט'ן אינהאלט, זין און בילד־שייכעס צום גראם־ווארט.

דערביי האב איך זיך שוין אויך אפגעשטעלט ספעציעל אף דעם יידישן גראם, אף זיין אנטוויקלונג און געשטאלטונג פון אמאל ביז איצט.

אין דער אפטיילונג: „איך און מיין כאוועך" — גייען אריין (אויסער דער לענגערער עסיי: „אין די עווענום פון גרויסשטאט") א ריי קירצערע עסייען אין לירישן טאן, ווו עס ווערט מערסטנטייל ארויסגעבראכט די צווייי־קייט אין א מענטשנס נעשאמע, — דער וואס רייסט זיך צו נייקייט, און דער („דער שאטנדיקער כאוועך") וואס ציט אף צוריק, צו איינגעשטעלטקייט, צו טראדיציע.

„אין ליכט פון היינטיקע טעג"—מערסטנס באטראכטונגען איבער ליטעראטור פראגן, אלגעמיינע און יידישע, אין ליכט פון דער איצטיקער צייט. און אין אנהויב — די ערשטע עסיי פון דער אפטיילונג — א בליק אויף די אלגעמיינע ליניען פון דעם צוגאנג צו ליטעראטור וואס הערשט אין ראטן־פארבאנד.

די אפטיילונג „יידיש" — נעמט אריין שמועסן וועגן יידיש, שפראך, קולטור־לעבן, פאלעמיק, א ווארט אין דער דיסקוסיע ארום „יידישיזם", און אויך באמערקונגען וועגן אייניקע שריפטשטעלער.

עסייען וואס זיינען פריער שוין געדרוקט געווען זיינען אפסניי באארבעט געווארן. די לענגסטע עסיי אין בוך: „די שייכעס פון ווארט צו ווארט" איז אינגאנצן ניי.

ב. י. ב.

א. איך און מיין כאַווער
בּ. די שייכעס פון וואָרט צו וואָרט
ג. אין דעם ליכט פון אונדזערע טעג
ד. שאַרזשען
ה. יידיש

# א. איך און מײַן כאַװער

# אין די עווענוס פון גרויסשטאט

## 1. די וואָס שעלטן און די וואָס בענטשן

איך לייען און לייען שוין צום טויזנטסטן מאָל לידער און שטי־מונגען וועגן שטאָט און איך זע, אַז שטאָט איז באַ אונדז נאָך אַלץ אַ סענסאַציע. איך מיין: שטאָט — ווי אַ באַגריף, ווי אַ דער־פאַרונג. און וויבאַלד אַ סענסאַציע קומען אייניקע און צעשרייען זיך:

— שטאָט, מאַכשייפע דו, מיט דיינע פאַרפירערישע פייערן!

— שטאָט — איינשלינגערן פון מיליאָנען מענטשן!

— שטאָט — דו צעמענטענער, שטיינערנער ריז, וואָס שפּרייזט איבער קנעכט געפאַלענע, אונטערטעניקע, צעטראָטענע!

און אַנדערע, מיט אַן אַנדער קאָל, אָבער מיט דעמזעלביקן סענ־סאַציאָנעלן אימפּעט, צעזינגען זיך:

— קאָדעש, קאָדעש, קאָדעש!

— שטאָט, דו מאַיעסטעטישע!

— ריז, ווי פעסט און שטאַרק עס איז דיין קאַרק; פון לאַנד צו לאַנד — דיין ריזן האַנט!

— שטאָט — ווונדער; שטאָט — נעס! מיר בוקן זיך פאַר דיר, מיר קושן דיינע טריט!...

איינער שעלט, אַ צווייטער בענטשט; איינער אַנטלויפט, דער צווייטער *לויפט נאָך*; איינער האָט מוירע, ווי אַ קינד פאַר אַ כאַיע, פאַר אַ גאַליעס, און דער צווייטער קניט, ווי אַ קינד פאַר אַ מיילעך, ווי אַ מאַנאַשקע פאַרן געקרייציקטן, ווי אַן אַראַבער אין מעקאַ...

אָבער סיי פאַר די שעלטער און סיי פאַר די בענטשער; סיי פאַר די דערשראָקענע און סיי פאַר די אַנטציקטע, איז שטאָט נאָך אַלץ אַ סענסאַציע בלויז, ניט קיין איבערלעבונג, דערפאַרונג, ווי אופגאַנג פון זון, ווי נידערונג פון אָוונט — ווי *מענטש* פון *צווייטן הויז* — נאָר סענסאַציע!

* * *

ס'איז שוין אָבער צייט, אַז שטאָט און גרויסשטאָט, זאָל בּאַ אונדז ווערן אַן אַלטעגלעכקייט; אַ זאַך וואָס איז געווען, איז, און וועט זיין; שוין צייט שאָלעם צו מאַכן מיט שטאָט, ווי גלייכע מיט גלייכע, שוין צייט לעבן, אויסלעבן זיך אין שטאָט, און נִיט נאָר קוקן אַף דער שטאָט!

איך האָב געזען אַ מוראשקע־נעסט און געטראַכט:

אַ מאָדנע זאַך: זיי, די מוראשקעס, האָבן זיך שוין לאַנג צו־געוויינט צו „שטאָט", צום מאַסן־לעבן, צום רויש און הו־האַ. אַזוי אויך בּינען אין בּינשטאָק, אָבער מיר? מיר קענען אַלץ ניט צורעכט קומען מיט דער שטאָט, צוקומען צו דער שטאָט. מיר בּויען דעם טורעם און בּאַשפּייען אים; מיר צעמענטירן די ווענט און שרעקן זיך — אַט פאַלן זיי! מיר פּלאַסטערן די עוועניוס און בּלאָנדזשען אַף זיי און מיר בּוקן זיך פאַר אונדזער אייגן געצייג ווי געצנדינער. מיר, סענטימענטאַלע, צעריסענע, צעקראָכענע נעפּאַשעס! מיר טאַצנפּויקער, בּאַרימער; מיר שוישפּילער, שוימשפּילער, פּליענדיקע ליכטער, שויפּער־בּלאָזער, סענסאַציע־זוכער, מיר — וואָס מיר קוקן נאָך אַלץ אַף זיך אַליין, ווי אַף עפּעס אַ סענסאַציאָנעלער בּאַשעפעניש!...

און אַט אַזוי, לעבנדיק אין אייביקער סענסאַציע, קלייבן זיך אָן בּערג מיט פאַלשע רייד, פאַלשע לידער, פאַלשע אויסגעשרייען, פאַלשע איבערגעטריבענע נעוויעס פון יעשאַיען אָן און בּיז איצט!

* * *

איז דען שטאָט, דער צוזאַמענזיין פון מענטש מיט מענטש, די עמאַציע פון שטאָט, אַ נייעס? און נינווע? און רוים? און אַטען? אין דעם פאַרנאַכט אַמאָל בּאַם גאַנגעס, ווען מענטש איז אויס איינזאַמקייט, צי אויס מוירע פאַר דער כאַיע, צו מענטש געגאַנגען, — אין יענעם ווייטן פאַרנאַכט איז דאָך שוין געלעגן די פּאָטענץ, דער כיזויען, דער מאָרגן פון שטאָט און גרויסשטאָט.

וואָס האָט יעשאַיע זיך אַזוי צעשריען: „הוי, מגיעי בית אל בית!" וואָס האָט ער זיך אַזוי געריסן די האָר פון קאָפּ אַף די וואָס בּויען אַ הויז בּאַ אַ הויז, אַ גאַס בּאַ אַ גאַס? ! פאַרוואָס

האָט ער ביכלאַל אַזוי דונערדיק געוואָרנט מיט דעם אונטערגאַנג פון שטאָט?

אומזיסטער געשריי. שטאָט איז געבליבן! שטאָט האָט דעם מענטש פון מידבער אוועקגענומען; שטאָט האָט פון מידבער אַ יישעוו געמאַכט; אין שטאָט איז דער איצטיקער מענטש געבוירן געוואָרן! שטאָט האָט וואָרעמקייט אין דעם מענטשנס בלוטן אַריינגעגאָסן; שטאָט האָט אונדזער טראָט פאַרשנעלערט, שטאָט האָט מענטשן פון שטויב אופגעהויבן, דערהויבן!

יעשאַיע האָט — אין קאַס ווערנדיק אַף די רייכע, אַף די כוינפים, אַף די לעסטערער; נאָענט שטייענדיק צום פראַסט־פּאַשעטן אומוויסנדיקן אַקערער — אַף דער שטאָט זיך צעשריען און אַלע נאָך אים, אין אַלע ליטעראַטורן, בא אַלע פעלקער, ווער ס'האָט נאָך געהאַט אַ וואָרט אין מויל, האָט דעם געשריי נאָכ־געשריען, נאָכגעליאַרעמט, מיט פאַרבּיליקונג נאָך, — ביז דער געשריי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וווּלגאַרער באַנאַליטעט!

* * *

און אָט אַזוי איז שוין באַצייטנס אויך געוואָרן אַ באַנאַליטעט דער ליוב־געשריי צו דער מאַיעסטעטן, שטאָט!

פאַרוואָס בעסער ניט שטיל ווערן אַף אַ ווײַלע און זיך פאַר־טיפן אין שטאָט, זיך צוהערן צו שטאָט; אַריינזאַפּן אין זיך דעם פיל־קלאַנגיקן ריטם פון שטאָט; עפּשער וואָלט מע דאַן דערזען דעם אמת, אַז שטאָט איז „ניט קיין קרעץ" און ניט קיין „געץ", נאָר אַז שטאָט איז שטאָט, וואָס זי איז אַמאָל געוועזן און וואָס זי וועט זיין! שוין צייט שאָלעם צו מאַכן מיט דער שטאָט!

מיר וועלן שוין פון איר קיינמאָל ניט אַוועק, און מיר זאָלן ניט אַוועק.

די שטאָט גייט אונדז נאָך.

אין זיין „טאַאיס" דערציילט אַנאַטאָל פראַנס:

אַ פּאָרעש, אַ הייליקער, איז אַוועק פון די מענטשן, פון שטאָט, צו לעבן ביעכידעס. ער איז אַפילע אַוועק פון דער ערד. אַף דעם שפּיץ פון אַ הויכן טורעם איז ער אַרוף, געהייליקט זיך, אַף די הויכע לייטער־שטאַפּלען זיך געלייטערט — און פון דאָרט ניט

געוואָלט אַראָפּ. געמיינט האָט ער אַז אים האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון שטאָט און פון זינד.

און אַז אין דער אַרומיקער געגנט איז זיך צעגאַנגען די נייעס וועגן דעם אָפּגעזונדערטן הייליקן, האָט מען אָנגעהויבן פון אַלע זייטן צו קומען צום טורעם נאָך „וואונדער“, נאָך הייליקע שפּרוכן, נאָך אייצעס, נאָך רעפואס. דער הייליקער קומט ניט אַראָפּ, אָבער דער אוילעם וואַרט. די צאָל פון די וואַרטער ווערט אַלץ גרעסער.

וויבאַלד אַזוי, וויבאַלד עס איז שוין געוועזן אַ גרויסער אוילעם, האָבן זיך דאָרט באַוויזן בעטלער מיט וווּנדן, מיט צאָרעס, מיט אויסגעשטרעקטע הענט. די זוינע האָט זיך דאָרט אויך באַלד באַוויזן מיט אירע סאַמיקע אייגעלעך.

עמעצער האָט הייסע באַב גענומען פאַרקויפן; הייס וואַסער; ברויט, שיך, קליידער...

און אַז דער הייליקער, דער אָפּגעזונדערטער, דער אַנטלאָפענער, האָט איינמאָל אַ קוק געטאָן פון טורעם־שפּיץ אַראָפּ האָט ער צו זיין גרויסער פאַרוווּנדערונג דערזען, אַז אַרום טורעם האָט זיך שוין צעלייגט אַ היבש שטעטל...

די שטאָט האָט אים נאָכגעיאָגט.

* * *

מע קען אַמאָל מיינען: בלויז די וואָס זיינען אין אונדזערע טעג פון דאָרף געקומען, פון קליין שטעטעלע אַרויס; בלויז די וואָס קומען נאָך מיט דעם „גערוך פון פעל און ערד אָף זיך“ קענען זיך צעשרייען ווי מ. ל. האַלפּערן אַז: „איבער אַלץ צו־זאַמען דונערט ווילד דאָס ליד פון שטיין און שטאָל — דער גרויסער וואַנזין פון דער ריזן־שטאָט“; אַז: „די שטאָט בראַמשקעט מענטשן־פלייש מיט פוילע ציינער“. אָבער אָט איז מיט אַ צייט צוריק מאַקסים גאָרקי אויך אַריינגעפאַלן אין באַנאַלן געשריי ווען ער האָט, דערזעענדיק נויאָרק און נויאָרקער וואַסערן געזאָגט: (אין זיינע „איינדרוקן איבער נויאָרק“.)

— ציען זיך די פינצטערע געביידן פון דער שטאָט! געביידן — טפיסעס!

— שיפן קריכן אַרום ווי מעשונעדיקע ברוים.

— עפּעס אַ צעדולטע, פון טומל באַטויבטע צוויי־פיסיקע באַשעפעניש — דו, שטאָט־מענטש!

— שטאָט־שפּיצן פון דער ווייטנס קוקן אוים ווי אַ גרויסע מויל מיט אומגלייכע, שוואַרצע ציין.

— שטאָט האָט איינגעשלונגען מיליאָנען מענטשן און קאַכט זיי איבער.

— און איבער אַלץ און אַלעמען קריכן לאָקאָמאָטיוון — ווי ווערים!"

איז דאָס טאַקע די שטאָט, אונדזער שטאָט? איז דאָס אַ קינסטלערישער, עמעסער באַנעם פון שטאָט? אָדער איז דאָס ניט מער ווי באַנאַלער קאַס, שוין טויזנט־מאָל־אַרויסגעשאָסענער, אַרויסגעשפּיגענער? איז דאָס טאַקע אַן עמעסער אַריינבליק אין שטאָט, אָדער זיינען דאָס בלויז רייד פון אַ טוריסט? איז דאָס אַ ניצעץ פון די סענטימענטאַלע טאָלסטאָיִשע רייד וועגן אומקערן זיך צו דער ערד, — צו ערד וואָס איז ניטאָ מער, — אָדער איז דאָס טאַקע דער קאָל פון דער ערד אַליין?...

אַ מאָדע אַזאַ צו ליאַרעמען אַף דער שטאָט!

כ'האָב געלייענט אַן ענגלישע לידער־זאַמלונג, אַן אַנטאָלאָגיע וועגן שטאָט און —

אַלע זיינען אין קאַס!...

וווּ ניט ווו קומט איינער מיט זיין לעצט־מאָדישער „מאַיעסטעטישער שטאָט", אָבער צום מערסטן איז די שטאָט אַ „מאַכשייפע מיט צעקודלטע לאָקן".

* * *

מאַני לייב האָט אַמאָל אין אַ זאַמל־בוך „אינדזל" (1918) אויך צונויפגעשטעלט געאיילט אַ זאַמלונג פון שטאָט־לידער. לאָמיר זען וואָס דאָרט טוט זיך:

עס רוישט און גוואַלדעוועט ווי אין אַ שלאַכט!
עס לויפן די מענטשן אַרום אין דער נאַכט,
די שטאָט ברענט, די שטאָט איז אין פלאַמען!

(מאָרים ראָזנפעלד.)

און ווייטער:

— עס רוט דער ווילדער טאָג־געררויש.

(יהואש.)

— פאַרשטיינערט ליגט די גרויסע שטאָט.

(ה. רויזנבלאַט.)

בּאַ י. ראַלניקן איז די שטאָט אַ „צימער פון אייזערנע ווענט"; בּאַ מאַני לייבּן איז די שטאָט עפּעס אַ מין „מאַכשייפע פון וועמען ער אַנטלויפט אין מיטן טאָג און פאַר וועמען ער באַהאַלט זיך אונטער פאַרהאַנגענע פענצטער"; בּאַ ר. אייזלאַנדן „רעגנט עס אין שטאָט" (שיער ניט ווי בּאַ שאָלעם אַלייכעמען ווו עס האַלט אין איין רעגענען, ווען עס ציט נאָר דורך אַ לעוואַיע פון אַן עוויען). און ז. לאַנדוי פרעגט: „צו וואָס דאַרף מען אַרומגיין אין די רוישיקע גאַסן"? נו, וועגן האַלפּערן האָב איך שוין גערעדט. ניט קיין בּעסער אַפּקומעניש דורכשניטלעך, האָט די „ריזן־שטאָט" בּאַ מענאַכעם בּאַריישאַן; בּאַ י. י. שוואַרצן, בּאַ דילאָנען, בּאַ ב. לאַפּינען (בּאַ אים איז די שטאָט גאָר אַ מין „גאַסן־פרוי..."). בּאַ מילערן, בּאַ גלאַטשטיין, נ. גראָסן, בּאַ בּאָסינען, בּאַ לייוויקן (בּאַ וועמען „אַלע גייען אין גאַס ווי נאָך אַ טויטן"). בּאַ נאַדירן (וועלכער זאָגט איבּער דזשיימס אָפּענהיימערס ליד, אַז: עס „צוקט די מעשוגע־געוואָרענע שטאָט" און אַזוי ווייטער.), אַזוי בּאַ א. בּערגערן, בּאַ א. לעיעלעסן; בּאַ א. ניסנזאָנען (ער, ווי נאָך אַ פּאָר פון אונדזערע דיכטער, האָט שוין דורכגעמאַכט בּיידע מאָדעס: די מאָדע פון שעלטן די שטאָט און די מאָדע פון בּענטשן די שטאָט — און איצט?): בּאַ ווינפּערן; בּאַ א. אויערבּאַכן; בּאַ אַפּראַנעלן, וועלכער נאָענט צו דער שליסונג פון דער אַנטאָלאָגיע רופט אָן די שטאָט: „טומע־שטאָט"... בּאַ ל. פיינבּערגן, פאַר וועמען די שטאָט איז שיער ניט געראָטן אין „אַ מעצוירע"...

אָט האָבּן מיר דעם אָטעם פון אַ גאַנצער זאַמלונג און — אויך פון אַ צייט, שוין נאָך דער זאַמלונג. עפּעס פילט זיך בּאַם יונגן דאָר דיכטער יע אַ שטיקל פּאָשעטע דערנענטערונג צו שטאָט — אָבּער נאָך אַלץ — ווי צו אַ בּייז־וווּנדער.

ש ע ל ט ע ר!

י. קיסין ווידער און י. סלאָנים (אין דער דערמאָנטער אַנטאָ־לאָגיע) זינגען אָדעס צו דער שטאָט און קענען זיך גאָר פון איר ניט אָפּלויבן, עס פילט זיך די שייכעס צום צווייטן עקסטרעם: — „מאַיעסטעטישע שטאָט".

און דאָס איז, ווידער אַמאָל, ניט נאָר בײַ אונדז, געקומענע, פרעמדע אין דער וועלט־שטאָט, נאָר דער זעלבער קאָל הערט זיך אויך אַרויס אין דעם אַמעריקאַנער ליד און אויך אַנדערשוואו. האָט דען סערגעי יעסענין ניט פאַרשאָלטן די שטאָט? און אַפילו אייניקע פון די עמעס־סאָוועטישע דיכטער, וואָס — „ווי באַ־שלאָסן" — פאַרהערלעכן די שטאָט, — דעם שטאָט־קאָלעקטיוו, פאַרגעסן זיך אָפּט אויך און — צעשעלטן זיך...

## 2. גרויסשטאָט

איך גיי איבער עוועניוס פון גרויסשטאָט. שטאָט רוישט. ס'איז אָבער ניט די שטאָט פון אַמאָל. די שטאָט פון 18טן יאָר־הונדערט, וואָס האָט, אַרויסוויקלענדיק זיך פון דאָרפישקייט, גע־האָט געבראַכט מיט זיך: די האַרמאָניע פון גרויסקייט; די פרייד פון וווּקס; די זיכערקייט פון צוזאַמענזיין, דעם עקסטאַז פון רב עם — נאָר דאָ ליגט דאָך פאַר מיר די היינטיקע שטאָט, גרויסשטאָט. עפּעס פיל איך איז דאָך צוגעקומען צו דער היינטי־קער שטאָט לעגאַבע דער פאַרצייטיקער שטאָט. און בעמיילע זיינען שוין בײַ די אומצופרידענע, בײַ די גריבלער, אויך צוגע־קומען היינטיקע טיינעס, צו יעשאַיעס זיינען נאָך טיינעס צו־געקומען.

אַז מע זאָגט היינט „שטאָט", דערמאָנט מע זיך גלייך זיינע סינאָנימען.

שטאָט: אינדוסטריאַליזם, גאַנג פון מאַשינען, מאַכט פון ריזיקן ראָד, וואָס דרייט זיך מיט אַלע זיינע שרייפעלעך און רעד־לעך איבער מענטש און צייט.

סטאַנדאַריזאַציע. צעשפּליטערטקייט פון מענטש. יעדער

שפליטער איז אַ שטרויכלונג, פאַרגליווערונג פון יעבידישן איני־ציאַטיוו, צוגעשניטענע מענטשעלעך . . .

כאַאָס פון דערפאַרונג. איין דערפאַרונג יאָגט נאָך דער צווייטער; איין איבערלעבונג קריכט אַף דער צווייטער.

טומל, געבראַזג, דזשעז (אַ, דו, „קול דממה דקה״.).

פאַרביליקונג פון וואָרט. ביליקער לעז־שטאָף, צייטונג.

ראַבים, האַמוין. מאַסן־ווילן. (אַ, דו אַמאָליקער, געאיינצלטער, פאַרעשדיקער יאָכיר ! . . .).

גרויסשטאָט מיט אַלע זיינע סינאָנימען.

שטאָט קען אופקאָכן, שטאָט קען פאַרטעמפּן.

שטאָט קען סטימולירן, און אויך דענערווירן.

שטאָט קען פירן — שטאָט קען אויך פאַרפירן.

ווי צעבראָכן עס איז דאָס די דעכער־ליניע ! די דעכער ווייזן וואָס ס'טוט זיך אונטן . . .

אויג קוקט און קלאַפּט זיך אָפּ אין די ניטגלייכקייטן פון דער דאַך־ליניע, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע טויב ; בליק שפּאַלט זיך, פּיצלט זיך, ווערט צעבראָכן.

* * *

איך גיי איבער די שטאָט עווענוס און טראַכט : ווו איז איצט פאַר דעם שטאָטיקן דער איינגעשטעלטער ריטם פון דעם גלייך־שטייענדיקן און גלייך־שווייגנדיקן וואַלד ? ווו איז איצט פאַר דעם שטאָטיקן דער איינגעראַמטער הימל־שפּיגל פון איינגעזאַמלטן און איינגעצאַמטן וואַסער־גאַנג ? ווו איז איצט פאַר דעם שטאָטיקן די גאַנצקייט פון זען, פון וואַקסן, די נאָענטקייט פון ערד, דער רייעך פון לעבן ? ווו איז דאָס אַלץ ?

און איך ענטפער זיך :

ס'איז דאָ. וואָס געווען איז נאָך אַלץ דאָ און וועט זיין, מוז זיין. מיין קליין מיידעלע, כאָטש אַ געבוירענע אין שטאָט, הערט מיך נאָך אַלץ ניט אוף צו פרעגן וועגן דעם פּאָנעם, דאָרט אויבן, די לעוואָנע . . . (פּונקט ווי איך, אַ געבוירענער אין דאָרף, אין ברעקעלע־שטעטעלע, האָב ניט אופגעהערט וועגן דער לעוואָנע צו

פרעגן.). א קאַץ וואָס שפּרינגט איבער אַ צאַם און פאַרשווינדט איז פאַר מיין קינד נאָך אַלץ מער וווּנדער, מער יעש, ווי אַן אוטאָ־מאָביל, וואָס לויפט דורך. איך זע: די קאַץ ווירקט אַף איר, אַף אירע כּושים מער ווי דער אווטאָמאָביל.

און אין דער זעלביקער צייט שפּיר איך, ווייס איך, אַז צו דער קאַץ און צו דעם פּאַנעם פון דער לעוואַנע זיינען נאָך פּ ע נ ע־מ ע ר צוגעקומען! דאַרפישקייט איז אויך אין שטאָט דאָ, נאָר צו דער לעוואַנעדיקייט, אָפּגעקילטקייט און א י י ב י ק ע ר ד אַ ר פ י ש ק י י ט איז אויך שטאָטישקייט צוגעקומען! נ י ט צ ו ב אַ ה ע ר ש ן, נ אָ ר צ ו ב אַ ה ע פ ט ן זיך איז שטאָט, גרויסשטאָט צוגעקומען. מענטש איז אַמאָל, אין אַנדערע דווירעס, פון וואַלקן צום מענטש־געדראַנג געלאָפן, פון וואַלד אין שטאָט אַריין און צוריק, אַזוי אַן אופהער, ביז — ביז שטאָט איז געוואָרן שטאָט און איז געוואַקסן און דערוואַקסן זיך צו אַ יעש, צו אַ זאַך פאַר זיך, צו אַ פּלוס! ס׳איז צוגעקומען נאָך אַ ליניע, אויב מיר זעען דאָס אין געאָמעטרישן בילד; ס׳איז צוגעקומען נאָך אַ נול צום ערשטן איינס, אויב מיר זעען דאָס אין ציפער־בילד; ס׳איז צוגעקומען נאָך אַ געשטאַלט, אויב מיר זעען דאָס אין דער פּאָעטי־שער בילדלעכקייט. נאָך אַמאָל: צוגעקומען! ניט צו באַ־הערשן, ניט צו באַזיגן, נאָר צו באַהעפטן זיך מיט אַ פריערדיקן יעש — איינס זאָל דאָס ווערן, אַ סינטעז, אַ גאַנצקייט, אַ ב אַ־ר ו י ק ו נ ג!

פּאַנעם על פּאַנעם מיט דער שטאָט שטיי איך איצט! ניט צו פאַרשעלטן זי, און ניט צו פאַרגעטערן, נאָר איינצוזאַפּן זי אין זיך, לאַנגזאַם־לאַנגזאַם, אַף אייביק און אייביק.

טיינעם? ווי גערעכט אַ טיינע זאָל ניט קלינגען איז עס דאָך די גרינגסטע זאַך אַ טיינע אַרויסצושטעלן. גרויסע טיינעס קען מען אויך צו דער אַמאָליקער איין־און־איינציקער דאַרפישקייט האָבן.

די שטאָט איז נאָך, קען זיין, אין דער פאָרם פון אַ הויפן אַנ־געוואָרפענע שטיינער פאַר אַ פּיראַמיד! דער פּיראַמיד בויט זיך — ווער ווייס וואָס פאַר אַ פּאַנעם דער ספינקס איבער אים וועט האָבן.

אָבער — אַ פּאַנעם קומט צו!
פּאַנעם על פּאַנעם מוז מען מיט דער שטאָט קומען.
דער שעפער ראַנגלט זיך? אים איז שווער די שטאָט בייצו־קומען? אָבער צי האָט ער זיך ניט אייביק געראַנגלט? צי האָט ער זיך מיט דעם מידבער ניט געראַנגלט? צי האָט ער מיטן תהו־ובהו זיך ניט געראַנגלט?! און דאָך: יקוו המים! די וואַסערן האָבן זיך אין ברעגן איינגעזאַמלט!

## 3. שטאָט און ליריק

מיין כּאַוואַער — מיט אָפענע לאַכעדיקע ציין — האָט פון הינטער מיינע פּלייצעס דורכגעלייענט וואָס איך האָב דאָ ביז איצט אָנגעשריבן און ער האָט זיך אָפּגערופן צו מיר:

— וואָס נעמסטו זיך דאָ אָן אַזוי פאַר דער שטאָט? דו, וואָס דו מיינסט אַז אַ ליד איז ווער ווייסט וואָס! דו וואָס דו גייסט אַרום און כּאַזערסט שטענדיק לידער, פּסוקים אַף אויסווייניק — צי ווייסטו ניט, אַז די שטאָט, און דערצו נאָך די איצטיקע גרויס־שטאָט, איז אין איר מעהום קעגן ליריק? צי ווייסטו ניט, אַז די ליריק קען בעשום אופן ניט געדייען אין שטאָט? דאָס ליד — איז שטילקייט; אויב דו ווילסט איז ליד — שווייגן. דער דיכטער שווייגט אויס אַ ליד! שווייגט אויס — ווי דער וואַלד זיין סאָד; ווי די וואָלקנס — זייער וואַנדער־אומעט: ווי די נאַכט — דעם שלאָף. ווי זשע קען דאָס ליד לעבן און אָטעמען אין דער ווילדער, קלאַפּנדיקער שטאָט? דאָס ליד קומט פון ווייטן, טיפן טאָל! דאָס ליד קומט פון אָפּגעזונדערטקייט, פון פאַר־טראַכטקייט, פון יענעם שטילן ווינקל וווּ דער הימל בייגט זיך, לייגט זיך, צו ערד אַראָפּ...

ליד, טפילע — האָט בלויז אין הייל געקענט געדייען; דאַן ווען מענטש איז יאָכיד געווען; דאַן, ווען ס'איז גלויבן געווען, געלייטערטקייט, טפילע און טווילע, גייסטיקע טווילע. אָבער ליריק אין שטאָט? ליריק צווישן די טראַמפּלדיקע טריט פון מאַסן און מאַשינען — ווי קאַמיש! אַזוי ווי אַ שעפעלע וואָלט מיט איר מ־ע צווישן שיסנדיקע הארמאַטן זיך פאַרבלאָנדזשען...

מיין כאַוועט האָט זיגעריש מיר אין אויער געשעפּטשעט:

— די צייט פון ליריק איז אַוועק! קיינער דאַרף ניט מער היינט דיין ליד! די שטאָט האָט דיין ליד דערשטיקט און דו שטעלסט זיך נאָך איין פאַר איר! נאַר איינער!

אַזוי האָט גערעדט מיין כאַוועט אין מיר...

איך האָב זיך פאַרטראַכט. איך האָב זיך דערמאַנט אַז אַ סאַך אַנדערע ענלעכע רייד. רילקע, דער פיינער דייטש, האָט דאָך אַזוי געטיינעט. די שטאָט האָט אים געשראָקן, זיין ליד „געלאָשן ווי אַ ווינט — אַ ליכט". און ווער האָט דען ניט אַזוי געטיינעט? קורט קראָנער, דער בערלינער סקולפּטאָר, דער פילאָזאָפישער קינסטלער, דער וויזיאָנער, האָט אין זיינער אַן עסעי זיך אויסגעדריקט, אַז: „ערגעץ אַן אַ זייט, ווייט פון הויפּטוועג פון געלאַף און גערויש זאָל שטיין דער טעמפּל פון קונסט — און ציען זאָל מען אַהין ווי אַמאָל די אוילערעגלניקעס קיין ירושלאַים, אָדער די פּערושים צו יעזוסעס קייווער".

און פּונקט דאָס זעלבע, נאָך מיט מער מוטלאָזיקייט, האָט זיך געהערט אַף אַ באַגעגעניש פון אַמעריקאַנער פּאָעטן און ליטעראַטור־קענער, קריטיקער, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט פּאָקיפּסי (פעברואַר 5, 1928). „די שטאָט — האָבן אייניקע דאָרט געזאָגט — האָט דער פּאָעזיע קיין טוייווע ניט געטאָן. די יאָגעניש נאָך שטאָט מאָטיוון שטעלט מיט זיך פאָר אַ שוואַכן פּונקט אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע."

איינער, דאַכט זיך אַ געוויסער אוניווערסיטעט־לערער און פּאָעט, וו. דייווידסאָן, האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי: „שטאָט איז ווי אַ הויכער באַרג און פּעגאַז קען איבער אים ניט אַריבערשפּרינגען".

אַן אַנדערער האָט דערביי אַרויסגעבראַכט דעם פאָלגנדן זייטיקן געדאַנק, וואָס האָט אָבער אַ נאָענטע שייכעס צו דער טעמע „שטאָט און ליריק". ער האָט געזאָגט: „דער שטאָט־מענטש ווערט עגאָצענטריש, ווייל ער איז אין אַ לאַגע צו רעוואָלטירן קעגן קלאַל, וואָס וויל אַלץ פאַרשלינגען, אָפּווישן יעדנס יעכידעשאַפט און דעריבער איז די שטאָטישע פּאָעזיע אַזאַ „עגאָצענטרישע".

— די שטאָט איז ניט מסוגל פאַר עמעסער ליריק!

מיין כאַוועך מיט זיינע אָפּענע, לאַכנדיקע ציין, — און פאַר־רויס, פאַר אים, און הינטער אים, די אַלע פּראָפּעסאָרן, פאַר־טרעגער, אידיליע־בענקער, און פאַרזאָרגטע פּאָעטן־ברידער.

* * *

אָבער אין די אַלע רייד שטעקט אַ גרויסער, עצעמדיקער טאָעס. דאָס ליד, דאָס היינטיקע מאָדערנע ליד („מאָדערנע" — מיין איך: אַלץ וואָס עס איז אין דער וועלט געשריבן געוואָרן נאָך דעם אַמאָליקן, גאָר אַמאָליקן פּרימיטיוון פּעריאָד, ווען מענטשן זיינען נאָך בא טייכן געזעסן און פון הויפּטלינג מייסעס געהערט...), די היינטיקע פּאָעזיע וואָס רעדט פון מענטש צו מענטש איז סאַך־כאַקל גאָר אַ פּראָדוקט פון — שטאָט! ניט אין שטילקייט, ניט אין אָפּגעזונדערטקייט, ניט אין דאָרף האָט זיך דאָס ליד אַנט־פּלעקט, נאָר אין שטאָט, אין געזעמל, אין דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, ארום טעמפּל און אין טעמפּל, אַף פּראָצעסיעס, אַף פאָלקס־פּאַראַדן! די גאַנצע לעגענדע וועגן דער שטילקייט און אָפּגעזונדערטקייט פון ליד איז טאַקע מער לעגענדע ווי עמעס. דאָס ליד זינגט פון שטילקייט, איז עפּשער אַליין שטילקייט. אָבער צום מערסטן איז דאָס אין רוישיקייט געבוירן געוואָרן. אַ שטילקייט וואָס ווערט אין רוישיקייט געבוירן, ווי לערמאַנטאָווס זעגל... עס זיינען געווען אַף דער וועלט אַלערליי אַנטלאָפענע מידבער־מענטשן; פּרושים, סעקטעס, פאַסטער, וואַלד־וווינער; הייל־הייליקע. פּאָעטן אָבער האָבן זיך צו רוישיקייט געריסן — צו דער שטאָט, צום געזעמל. דאָס היינטיקע ליד, אונדזער ליד, איז אַ פּויעל־יוצא פון שטאָט, פון דער שטאָטישער קולטור.

האָמער, אַט דער בלינדער פאָלקס־זינגער, האָט זיין ליד אַף די רוישיקע פאָלקס־יאַנטוון אַנטפּלעקט. דאָרט איז זיין ליד ספּאָנטאַן געבוירן געוואָרן.

יעשאַיע האָט געהאַט טיינעס צו דער שטאָט — אָבער ער איז אין שטאָט געווען, צו שטאָט געקומען. ניט פאַרעשדיקייט, ניט אָפּגעשיידקייט איז זיין וואָרט־כויסעם געווען, נאָר פאַרקערט, שטאָטיקייט, צוגעהעפטקייט צום קלאַל צו די רוישיקע גאַסן.

דאַנטע איז אַ שטאָטיש קינד, געבוירן אין שטאָט און געלעבט אין שטאָט. גייענדיק איבער די גאַסן פון פלאָרענץ און רוים האָט ער זיין „געהענעם" דערזען...

און געטע, אַט דער עמעסער שטאָטישער אינטעלעקט: דער פּאָעט פון דער היפּער־מאָדערנער, פון דער נייער שטאָט, האָט ער דען ניט דערזען דעם גילגל פון זיין פאוסטן אין דער גרויסער שטאָט?

די גאַנצע פּאָעזיע אונדזערע, די היינטיקע, איז אין טאָך אַ שטאָטיקע — אפילע די בענקשאַפט נאָכן פעלד און וואַלד איז דאָך אַ שטאָטיקע...

אַ פּאָר טריט נענטער:

פּושקין. דער אָטעם פון שטאָט, דער ריטם פון שטאָט. פּעטערבורג, מאָסקווע.

און וויליאַם בלעיק.

און אַפילע — אַ שפּרונג איבער דוירעס, בלאָק און יעסעניז. אַלע האָבן זייער ליד אין שטאָט געשמידט. אין דאָרף האָט זיך „פּעגאַז" עפּשער מיט „היי" אָנגעגעסן, אָבער אַוועק אין אַ גאַלאָפּ איז עס איבער די שטאָטישע גאַסן דאַווקע.

אַפילע די שטילע זינגער פון אַמאָליקן פּערסיען, רומי, סאַיד, האַפיז, האָבן אין די דאַמאָלסדיקע גרעסטע שטעט געלעבט. ווער זשע וויל דאָס דעם פּאָרעש־קוויטעלע אָפּ דער פּאָעזיע אָנקלעפּן? פּאָעטן זיינען צום גרעסטן טייל שטאָט־מענטשן געווען, די פּאָעזיע איז אַ שטאָט־געוויקס, מיט דער שטאָט איז זי געוואַקסן, געפאַלן, און ווידער אופגעקומען, און אַזוי וועט עס זיין מיסטאָמע אַד סאָף קאָל האַדוירעס.

נעמט נויאָרק. האָט דען פּאָו ניט דערזען זיין „שוואַרצע ראָב" פליען דאַווקע איבער נויאָרק?

און וויטמאַן — ער איז דאָך לעכאָלאַדייעס אַ שטאָטיקער (עפּשער שוין צו שטאָטיק...).

און בייראָן, און טיוטשעוו, און ווערלען, און לאַמאַרטין, און היינע, און ווערהאַרן — אַלע האָבן זיי זיך אין די שטעט, אין די גרעסטע שטעט, זיך פאַנאַנדערגעזונגען.

און אונדזערע אייגענע: איז דען אונדזער ליד ניט געבוירן

געוואָרן און זיך אַנטוויקלט אין די גרעסטע שטעט פֿון אונדזער צעשפּרייטקייט?

דאָרף האָט אונדז שווייגן געבראַכט. דאָרף האָט אונדז ערשטן איינדרוק געגעבן: שטאָט — אויסדרוק. און וואָס איז וואָרט אויב ניט אויסדרוק? שטאָט האָט אונדז ריטם געגעבן. דער ריטם ענדערט זיך, דאָס ליד ענדערט זיך — ענדערט זיך, אָבער פֿאַרשווינדט ניט!

אין דעם געדראַנג און גאַנג פֿון דער שטאָט: אין דעם סינטעז פֿון שטאָט מיט דאָרף, אין דעם יעש פֿון שטאָט, פֿון מענטשלעכן באַשאַף, וואָס בלויז די גרויסשטאָט האָט דערגרייכט, אין דעם זע איך די געבורט, דעם אופֿגאַנג פֿון נייעם ליד! ביסלעכווייז. לאַנגזאַם, ווי דער אופֿגאַנג פֿון זון!

## 4. ניי-לאַנד — ניי-ליד

מיין כאַווער, וואָס איז אַ ווײַלע לעבן מיר, מיט אַ פֿאַרמאַכטן מויל געזעסן, האָט ווידער די ציין געעפֿנט און גענומען שמייכלען:

— אָבער ווי קען דאָס ליד לעבן אין ניכטערקייט? יעדע פֿאַנטאַסטישקייט איז דאָך פֿאַרשוווּנדן: יעדע ווייטקייט ליגט דאָך אָף דער דאַלאָניע: יעדער סאָד ווערט דורך ראַדיאָ דער־ציילט... יעדע מיסטעריע איז דאָך אַן אָפֿן קאָרט געוואָרן!... ווי קענען זעונגען, כאַלוימעס, וויזיאָנען, פֿאַטאָסדיקייטן, פֿאָעטישע נאַיוויטעטן, נעווועס, — געדייען אין אַזאַ ניכטערקייט?

כאַווער מיינער, עפּשער וואָלסטו איבערגעקערט דיינע רייד און גאָר דערזען, אַז די ניכטערקייט האָט אונדז באַפֿרייט פֿון אַזוי פֿיל שפּינוועבסן מיט וואָס איך און דו האָבן זיך דורך דוירעס אַרומגעוועבט, אָדער זיך געלאָזט אַרומוועבן. אומזיסטע מייסעס: נאַרישע לעגענדעס: אַבערגלויבן, קישעף! שוין גענוג! זייט באַ זייט מיט דעם קלאָרן, אָריגינעלן, דירעקטן נעווייַשן וואָרט, וואָס איז אַזוי זעלטן געהערט געוואָרן, האָבן זיך דוירעס, אַ דאַנק דער ניט־ניכטערקייט, דורך דער אַרופֿגעצוווּנגענער געהיימניס־פֿולקייט, מיט אַפּאָקאַליפּטישע ניט־קלאָרקייטן, ווילדע כעזיוינעס אַרומגעהילט. איצט ווערט דאָס אַלץ פֿאַרשוווּנדן! צו זיך.

נענטער צו זיך — נאַקעט, אָפן און הויל, אַז מיסטעריעס, אַז סוידעס, פּראָסט און מענטשלעך וועט דער מענטש צו זיין אייגן האַרץ קומען; קומען און זיך פּאַנאַנדערעפענען עפּשער צום ערשטן מאָל; קומען און אָנהייבן זינגען זיין ליד, זיין עמעס ליד, זיין איינציק ליד פון אַרבעט, מי, לייטערונג, ניסיוינעס פון זיין צייט, לעבן, זיין אָפן ליד פון ליבע, פרייד, לייד און טויט!

איבער מיר פליט אַן עראָפּלאַן. פּאַרלייפּיק איז ער נאָך סענ־סאַציע. אָבער באַלד, באַלד, וועט ער, ווי די שיף פריער, ווי די רעלס דערנאָך, אין אונדז אַריין, און בילד ווערן, כיזויען ווערן, וואָרט ווערן!

נייע בילדער, נייע מעטאַפאָרן, נייע בענקשאַפטן, אַפילע נייע ראָמאַנטישקייטן, נייע באַציונגען פון מענטש צו מענטש — דאַווקע ניט קיין עגאָצענטרישע — האַלטן אין געבוירן ווערן. און גע־בענטשט איז דער וואָס זעט דאָס, וואָס הערט דאָס!

כאַווער, לאָמיר בעסער אופהערן צו קוקן, לאָמיר גיין אין שטאָט, אין שטאָט אַריין!

זע! אַ לאָמפּ — פאַר יעדער מאַכשייפע וואָס איז פאַרברענט געוואָרן!

הער! אַ מאָטאָר־האָרן — פּאַר יעדן אַמאָליקן אַלכעמיסט וואָס איז אויסגעגאַנגען זוכנדיק אומזיסט דעם קוואַל פון עמעס.

זע! אַ טונעל פון שטאָט צו שטאָט — פאַר יעדער גייסטער־הייל וואָס מיר האָבן פאַרשאָטן!

זע! אַ טאָג פון אָפענעם ליכט פאַר צען טויזנט יאָר פון קישעף און אַבערגלויבן, וואָס מיר אַליין האָבן אָנגעהאַלטן קעדיי צו באַהאַלטן פון זיך, ווי פון קינדער, דעם עמעס פון טויט!

ניט מאַלאָכים, ניט טייוואָלים — זאָגט אין אַ ליד דער אַמערי־קאַנער פּאָעט דזשים גולד פלעטשער — לעבן אַליין זאָל אין פאָרויס גיין!

מענטש אַליין!
איך אַליין!
גיין, וווהין?
אַהין!

ערגער ווי געוועזן וועט דאָך שוין געוויס ניט זיין.

מיר אַלע, מיר מאָדערנע, מיר היינטיקע, פאַרויס, זינגענדיקע, גלייביקע, מיט דעם ריטם פון דער שטאָט, פון נייעם מענטשן, לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, ניט געאיילט. דאָס קערנדיקע פון פריער זאָל זיך מיטן קערנדיקן פון היינט באַהעפטן! טאָג איז ליכטיק. נאַכט איז אויך שוין ניט אַזוי פינצטער. און זאָל די ברענענדע שטאָט אין דער באַנאַכטיקער צוועלפטער שאָ פון ווייטן אונדז לייכטן ווי אַן אָנגעצונדענער, וונדערלעכער פאַקל.

# דער מאַרש פֿון די טויטע

און אַז איך האָב דורכן טאָג זיך אָנגעהערט מיט אַלערליי כאָכ־מעס וועגן דעם, אַז עס זיינען דאָ צופּיל ביכער אויף דער וועלט: אַז מע דאַרף אַלץ פֿאַרניכטן און פֿון אַלע טויזנטער ביכער בלויז איבערלאָזן אין אַ גאָלדן שראַנקעלע אַ צען־צוועלף מייסטערווערק: אַז איך האָב זיך מיט דעם אַלץ אָנגעהערט — — האָב איך פּלוצ־לונג דערזען:

— פּאָר מיינע פֿענצטער גייען־גייען געשטאַלטן מיט רייכערנ־דיקע שטורקאַצן אין די הענט, טונען שוואַרצע פּעך אויף הויכע פֿלעקער אָנגעטאָן.

אַ כאָלעם אַזאַ.

אַ כאָלעם האָט זיך מיר געכאָלעמט.

וווהין ציען זיי?

גיי איך פֿאַמעלינקערהייט נאָך נאָך זיי, גאַנווע איך זיך טראָט־טראָטנווייז פֿון געסל צו געסל, דורך נאַכט און כווישעך און זע:

פֿון אַלע געסלעך, פֿון אַלע סטעזשקעס קומען זיי, אַלע מיט רויך און פֿלאַם, און אַלע ציען זיי אהין צום בעסוילעם, באַם בעסוילעם.

מיסטעריעזע געשטאַלטן.

אָבער באַלד הייבט די מיסטעריעזקייט אָן צו ווערן בלאַסער, די פּענעמער ווערן שאַרפֿער, קענטיקער, געזיכטיקער. איך קוק און שטוין:

— יע צי ניין?

אָט יענער, דאָרט, וואָס פֿאָכעט מיט זיין פּעך־שטורקאַץ אַזוי לולעוודיק פֿון רעכטס צו לינקס און פֿון לינקס צו רעכטס, איז ער אָקאָרשט ניט מיין אַלטער באַקאַנטער, דער דאָקטער־פֿאָרשער פֿון אַלטע אָריענטאַלישע ספֿאָרים, שטיין־קריצונגען, היעראָגליפֿן? וואָס טוט ער דאָ צווישן די מאָדנע גייער?

העל־כאָלעם מיינער! איך זע און דערקען דאָך נאָך געזיכ־טער. אָט גייט דאָרט דער מאַן פֿון טאַט, דער מאַסן־פֿירער.

וואָס האָט אַלץ געטיינעט, אַז ביכער מאַכן אומגליקלעך די וועלט, אַז ביכער נעמען מענטשן צו פון מייסים, וואָרט פאַרשווענקט טאַט און אַז מע דאַרף אַמאָל אין אַ מיטן מאַרק פאַרברענען אַלע ביכער, אַלע ביכער פון אַלע שפּראַכן.

איך קוק: ווי אַזוי איז ער דאָ פּלוצלונג אויסגעוואַקסן?

נאָך געזיכטער שניידן זיך מיר שאַרף אין פּאָנעם אַריין:

אָט איז דער מאַן מיט דער שיינער האַנטשריפט, מיט די סויפּרישע ברילן אַף דער נאָז און מיט דער גענדזענער פעדער אין האַנט, דער וואָס שרייט אַלץ, אַז אויסער דעם טאַנאַך דאַרף מע ניט האָבן קיין אַנדער בוך אַף דער וועלט.

ווי האָבן זיי זיך דאָ אַלע צונויפגעטראָפן?

און די שטורקאַצן צעפלאַקערן זיך אַלץ שטאַרקער און דער רויך ווערט אַלץ קנוילנדיקער. ריי־נאָך־ריי גייען זיי, אויסגע־שטעלטע, אויסגעמוטשטירטע.

אָט איז דאָך אויך ער, דער פּאָעט, וואָס קען ערגעץ ניט דער־גרייכן, וואָס ציטערט איבער זיין שוואַך ליד ווי אַ גערטנער איבער זיין צעבראָכן ביימל און האָט שטענדיק מוירע פאַר נייע ליטע־ראַרישע ווינטן.

פעטער פּאָרטפעל אין איין האַנט, און אַ שטורקאַצל אין דער צווייטער האַנט — קומט אויך אָן ער, דער וועלטלעכער מאַן, פּראָ־פעסאָר, מיטן קלויסטערישן היילעך און מיטן מאָנאַכישן אויס־דרוק אין פּאָנעם, ציטאַטן־קעניג! וואָרט, וואָרט, וואָס האָט וואָלטעיר געזאָגט? וואָס האָט שעקספּיר געזאָגט? וואָס האָט מילטאָן געזאָגט? וואָס האָט מאַכמעד געזאָגט? — !

— געזאָגט, געזאָגט, געזאָגט!

און אָט גייט דער צייטונגס־מאַן מיט דער פּיפּקע אין מויל און מיט דעם ראַדיאָ־הערער באַם אויער;

און אָט דער ציניקער מיט אַ געלעכטערל אַף די ליפּן און מיט פיר קאָרטן־טרומפן אין האַנט;

און אָט גייט דער סטודענט, אַלט און גראָ, וועמען איך טרעף אַלץ שלאָפנדיק אַף די טרעפּ פון דער גרויסער ביבליאָטעק. ער, וואָס טראָגט זיך אַ לעבן־לאַנג אַרום מיט אַ קאָמפּאָזיציע איבער דאַנטען — — —

נאָך גייער, נאָך פלאַמענדיקע פעך־טונען.

קומט אָן אַ קרוין פון 14טן יאָרהונדערט, אַ מיילעך וואָס האָט אַלע ספאָרים פון זיין מעדינע — אויסער די הייליקע — אין מיסט־קאַסטנס צונויפגעוואָרפן:

און גלייך נאָך אים אַ מאָדנער דריילינג: דער פאַבריקמאַכער, דער גאַלעך און דער קרעטשמער פון סערוואַנטעסעס דאָן־קיכאָט. (אָ, איר שעפּסעלעך, וועמען דאָן־קיכאָט האָט אָנגענומען פאַר ריזן!...). קריג באַם דריילינג: דער גאַלעך הייסט פאַר־ברענען די ביכער וואָס האָבן אין זיך פאַנטאַזיע, פאַטאָס, שווונג, בלויז די ביכער מיט פאַשעטע פאַקטן, באַשרייבונגען וויל ער זיך איבערלאָזן. דער קרעטשמער ווידער, אַליין שוין אַ שטיקעלע דאָן־קיכאָט, זאָגט אַז אַלע פאַקטן־ספאָרים דאַרפן פאַרניכטעט ווערן און בלייבן דאַרפן נאָר די ביכער מיט פאַנטאַזיע. און דער דריטער, דער פאַבריקמאַכער, ער, מיט דער צוגעקלעפּטער באָרד, ער וואָלט אַלע ביכער פאַרברענט. האָט זיך זיין באָרד פון דער צוגעקלעפּטקייט אָפּגעריסן און זי הענגט אַזוי שפּיציק אַף איין בּרעג. ווײ, ווײ, איבער זיין באָרד איז אים דער שטורקאַץ שיער ניט פון האַנט אַרויסגעפאַלן.

אַ מאָדנער געמיש, אַ מאָדנע שטורקאַצן־מאַכנע.

באַם בעסוילעם זיינען זיי שטיין געבליבן. קאָפּ אַף קאָפּ אין רעדער זיך צעשטעלט, מיט די שטורקאַצן אין די הענט.

גלאָקן קלינגען.

שופרעס בלאָזן.

דערשראָקענע הינט וואָיען.

— פאַרברענען! אַליץ פאַרברענען! — שרייען קוילעס.

איך זע:

אַ טיפע גרוב, אַ גרויסע גרוב מיט ביכער פול. און מע ברענגט נאָך. די מאַסע קומט! מענטשן און מענטשעלעך הייבן זיך אָן צו שיטן פון אַלע זייטן, פון אַלע ווינקלען. דער גוי וואָס נעמט אַראָפּ די שאַבּעס־לייכטער גייט צוזאַמען מיטן שאַמעס. דער באַלעגאָלע איילט צוגלייך מיטן וואַלד־שוימער. אָפענע מיילער, ווילדער געשריי, פעק מיט ביכער טראָגן זיי — פולע פאַלעס, פולע קעשענעס, פולע אָרעמס.

איך דערקען זיי די אומגליקלעכע, די צונויפגעשלעפטע קאַר־באַנעס: ביכער וואָס זיינען געשטאַנען אַף די פּאָליצעס פון די ביבליאָטעקן; ראָמאַנען וואָס זיינען געלעגן אַף די טישן פון מויכער־ספאָרים; לידער־בוך וואָס איז געלעגן באַ ציפּקע די זאָקן־שטריקערן — אַלע, אַלע ביכער זיינען אַהער צו דער טיפער גרוב געבראַכט געוואָרן.

שפּראַך מיט שפּראַך געמישט, בוך מיט בוך פאַרפּלאָנטערט.

אַ שאָט אין גרוב אַריין און אַ פּאַטשעריי מיט די הענט.

אַ וואָרף אין גרוב אַריין און אַ פּאַכעריי מיט די פּעך־שטור־קאַצן.

כי־כי.

כאַ־כאַ.

געלעכטער, — נעצאַכן! זיי זיגן!

וואַרפן די שטורקאַצן פון זיך די פּעכיקע קעפּ אַראָפּ, אין גרוב אַריין, און עס זעצן אוף, אַרוף פּלאַמיקע זיילן.

ביכער — אויסיעס ברענען. און די מאַכנע אַרום טאַנצט און יובלט.

רויך און פלאַם.

איך זע:

פון גרוב שפּרינגען אַרויס, ווי זיך צו ראַטעווען, מיינע נאָענט־סטע אויסיעס, יידישע אויסיעס. טאַנצט אַרוף אַ קעפּל פון אַ שין און וויל אַנטלויפן אַף אַ רויכיקן בעזעם; יאָגט אים נאָך אַ פּיסל פון אַ לאַמעד און הינטן פליט אַ פלאַמיקע בייטש; טונקט זיך אין רוי־רויך אַרוף און אַראָפּ אַ כוט־האַשעדרע פון אַ בייס, ביז — ניטאָ מער! קייקלט זיך, ווי אַ רייפעלע, אַ ברענענדיקער סאַמעך פון רויך־זייל צו רויך־זייל און פאַלט צום סאָף אין פלאַ־מיקער מויל אַריין.

און אַ קליינער יוד, אַ פונק די גרייס, יאָגט זיך נאָך אַ גאַנצע סטאַדע אַנדערע קליינע יודעלעך, פונקען, פונקען, פונקען, איבערן רויך, איבערן פלאַם און איבער דער גרוב.

די סרייפע ברענט אוים; די מאַכנע צעגייט. מיך שווינדערט.

איך זע: קוואָרים עפענען זיך; איבערן פּאַרקן הייבן אַז ווייסע

סקעלעטן צו קריכן: ביימיק און שפיציק, הענט און פיס, און זיי זעצן זיך רונד־ארום דער גרוב מיט פארמאכטע אויגן־לעכער און ווארעמען זיך באם אש פון די פארברענטע ביכער.

איך לויף צו מיין היים.

נאך אלץ נאכט. און פון מארק ארוים דורך נאכט און כווישעך דערטראגט זיך צו מיר א גרילצעריי, א קריגעריי: דאס קריגן זיך די שטורקאצן־טרעגער, וואס זיינען ערשט מיט א ווייל פריער אזוי שאלעם געווען.

**ערשטער געשריי:**

— פארוואס האסטו מיר פארברענט פערעצעס אינטעלעקטואַ־ליטעט!?

**צווייטער געשריי:**

— גיט מיר צוריק מענדעלים פיקכעס, מענדעלים קאל־יישראעלדיקן פישקען — דאס האב איך אייך ניט געהייסן פאר־ברענען.

סערוואנטעסעס גאלעך מאנט עפעס באם קרעטשמער און דער קרעטשמער מאנט עפעס באם גאלעך. איינער האט דעם צווייטנס הייליקייט פארברענט. **אין נעצאכן — זיך גאר ניט צונויפגערעדט.**

אין מארק רוישט.

איך קום צו זיך אהיים. די טיר אופגעריסן: די הויז צע־ווארפן. **ווער איז דא געווען? איך כאפ זיך:** מע האט אויך מיין בוך־שראנק אויסגעליידיקט; פון הויז צו הויז איז מע דאס געגאנגען און יעדנס ביכער צו דער סרייפע פארשלעפט.

שרעק און אומעט.

אף דער ערד באַ מיר וואלגערט זיך א „מא״.

ביאליקס „מא״ און „מא־מא״ — ניט דערענדיקט.

א רוקן פון פערעצעס „גאלדענע קייט״ ליגט אף דער ערד באַ א טאוול פון ווארשאווסקיס „שמוגלערס״; א צוויט פון יעהויאשס „געוועב״ ליגט באַ א שורע פון פינסקיס „אויצער״, א פאדער־בלעטל פון וויסנבערגס „א טאטע מיט באנים״ ליגט באַ א גע־בליבן בלעטל פון אינגנאטאַווס „גאלדן יינגעלע״ — —

איך זע: אין א ווינקל שראנק האבן זיי מיר דאנטעס „אינ־

פערנאַ" איבערגעלאָזן. אַף דער איבערשטער דעק — די נעווי־ים, און אַפן טיש ליגט האַמערס „איליאַדאַ" אַז אָפענע.

שווער און אומעטיק.

וואָס וועט איצט זיין מיט מיר?

וואָס טויג מיר דאַנטע, ווייטער וואונדער־מאָנומענט, איבער־בלייב פון נעכטן, ספינקס אופגעגראָבענער אין לאַבירינט פון דוירעס, אַז זיי האָבן פון מיר מיין היינט, מיין היינטיקן לעבעדיקן אָטעם צוגענומען; ליכטיק אָבער פאַרגליווערט בלייבט מיר זיין פּאָנעם ווען דאָס ווערט ניט אופגעשיינט, דורכגעשיינט דורך מיינע כאַוויירים וואָס האָבן זיך געשפּילט, ווי עס האָט זיך געדאַכט, מיט בלענד־שפּיגעלעך בלויז. כיזויען יעשאַיאָע! — אָבער וואָס טויג מיר יעשאַיעס דערווייטערטע כעזיונעס און זיינע קלאָלעס ווען זיי האָבן מיר שאָלעם־אַלייכעמס „בוזי" אין אַש פאַר־וואַנדלט, ווען זיי האָבן פון מיר זיין נאָענטן געלעכטער אָפּגעטאָן: וואָס טויגן מיר די רייד פון יענעם דאָר, אַז זיי האָבן מיין דאָר שטום געמאַכט.

איך שטיי און קוק אַף מיין אויסגעליידיקטן ביכער־שראַנק, קאָפּ־געבויגן, ווי אַ בעטלער אַף זיין אויסגעליידיקטער טאָרבע און טראַכט: וואָס וועל איך איצט טאָן אָן אַשס זייד־געבעטע שליאַכן; אָן בערגעלסאָנס אָנגעשפּיצטן שפּיזלדיקן צאַר: אָן מ. ל. האַלפּערנס רייטער, וואָס יאָגט אין דער נאַכט אַריין, און אָן זיין קליין מענטשעלע, וואָס גייט אין שטאָט־גאָרטן אַרום? וואָס וועל איך טאָן אָן ענלעכע מיר נאָענטע אין אַנדערע לעשוינעס?

ווייי, וויי! וואָס וועל איך איצט טאָן אָן לייוויקס ליימיקער געשטאַלט, וואָס אָט פּאַשעט ער פי אַף סיבירער סטעפּעס, אָט ליגט ער אַף אַ טורמע־נאַרע און אָט גאַר שלאָגט ער זיך מיט אַ ווילעמשער האַק אין האַנט... וואָס וועל איך טאָן אָן מאַני־לייבס גאַזלען, וואָס ווייַנט פון דעם פאַרקישעפטן וואַלד אַרוים: אָן ראַבאָיס „ווילד לאַנד", אָן אָפּאַטאָשוס „וואַלד־לאַנד": וואָס טויגן מיר האָמער, סאָפאָקלס — ליכט, ווייטער ליכט, — אַז איך, איצטיקער, דאַיקער, דאַרף אַרומיקע וואַרעמקייט, נאָך מער ווי ליכט, דאַרף פרישן אָטעם האָבן! וואָס קען איך איצט טאָן אָן

שאַפּיראָס כאַלעף־גלאַנץ דורך רויך געוויזן; אַן איציק פעפערס יינגלשער „האָפּ־האָפּ־פרייד“, אַן י. י. סיגאַלס דורכזיכטיקן זיל־בער־טרויער; אַן לאַפּינס „ווילדן שאָטן“; אַן זישע לאַנדויס געצאַמטן שמייכל; אַן ז. ווײַנפּערס פרייד פון זײַן; אַן ראַוויטשעס געשריי אין דער נאַכט אַריין, אַן — — —

און ווייטער, און ווייטער.

איך קוק אַף די דריי־פיר געבליבענע אויסדערוויילטקייטן און איך פיל אַז אַלע זיי, מיינע פאַרבּרענטע נעכטיקע ראַביים און מיינע היינטיקע כאַווירים, אַפילע די יונגסטע, זיינען מיר נענטער, בלוט־און־פליישיקער, ווי יענע ליכטיקע אָבער ווייטע, ווי שטערן באַנאַכט, וואָס לייכטן אָבער וואַרעמען ניט, דריי־פיר ספאָרים, איבערגעלאָזענע פון דעם גרויסן אווטאָדאַפע. מיינע כאַווירים האָבן דאָך טאָג־טעגלעך פון יענע אַלטע ספאָרים דעם שטויב אַראָפּגעבלאָזן און איצט, אַז מיינע כאַווירים זיינען ניטאָ, קריכט דער שטויב אַזוי מילביק, גראַיק אַרוף אַף זיי, מער און מער, דיקער און דיקער, און דאָס ליכט זייערס ווערט נאָך מער דער־ווייטערט, פאַרהוילן, — פאַרגליווערטער ייכעס פון נעכטן.

און ווי איך פייניק זיך אַזוי אין העל־כאָלעם מיינעם, דערזע איך: אַ וואַנט עפנט זיך און עס קיילערט זיך אַרויס אַף אַלע פיר, ווי פון דר'ערד אַרויס, אַן אַלטיטשקע מיט אַזאַ געלב־אַרופּ־געצויגענער מאַכשייפע־נאָז, מיט אַן אָפענעם אָן־ציינינקן מויל, מיט ברילן אונטער די אויגן־לעכער. שפרינגט איר אַנטקעגן אַ שיווע־בענקעלע, זעצט זי זיך אַף אים; צינדט זיך אָן אַ כיילעוון ליכטל; עפנט אַ האַנט פאַר איר דאַנטעס „געהענעם“ אוף און זי הייבּט אָן פון אים אַרויסצולייענען פּאָסוק נאָך פּאָסוק מיט אַזאַ אומעטיקן מאַוור־יאַבעקדיקן ניגן.

און טאָך קעדיי דיבער באַווייזן זיך הינטער איר די פריער־געזעענע פענעמער, שטורקאַצן־טרעגער — דער דאָקטאָר־פאָרשער, דער צייטונגס־מאַן; דער ציניקער; דער מיילעך פון 14טן יאָרהונדערט; דער פאַבריקמאַכער מיט דער באָרד; דער גאַלעך מיטן קרעטשמער; דער קאַרליק־פּאָעט; דער מאַן פון טאַט;

דער סויפער מיט דער געגדזענער פעדער; דער ציטאַטן־קעניג:
דער פאַרגראַטער סטודענט — — אַלע, אַלע זיינען זיי דאַ.

זי ציקלט זיך:
— גיי איך מיט ווירגילן אַלץ נידעריקער פון טהאָם צו טהאָם.

און זיי אַלע ענטפערן אין כאָר:
— גיי איך מיט ווירגילן פון טהאָם צו טהאָם.

* * *

זיך אופגעכאַפּט.
אַ כאַלעם אַזאַ.

# דאָס אָפּגעשפּאַרטע

מײַן כאַווער מיט די שוואַרצע אויגן, שטייט, הויך און דין, איבער מיר געבויגן, און ער רעדט צו מיר:

— וואָס זוכסטו? נײַע ווערטער? נײַע טעמעס? אומזיסט! מיט אַלטע רייד, ווי מיט אַלטן שטערן־שײַן, לעבן מיר: מיט אַלטע רייד, געבליבענע ביערושע, אָפּגעשפּאַרטע פון דורעס. ווערטער אַרויסגעכאַפּטע פון בערג מיט פּסוקעס, פון בערג מיט אָפּפאַל; רייד, בילדער און סימבאָלן, דערפאַרונגען, איבערלעבונגען; ווערטער — אַנדערע שוין אָפּגעקילטע, אײַנגעשטילטע, ווי ערד־שיכטן, ווי פאַרשטיינערטע סקעלעטן, און אַנדערע נאָך גליענדיקע, טליענדיקע ווי לאַווע, וווּלקאַנען־אָטעם: מיט זיי לעבן מיר, מוזן מיר לעבן, מיט זיי, מיטן אָפּגעשפּאַרטן רעכוש.

קומט אַמאָל אין אונדזער לעבן אַ נײַ כאַלעם — אַ טויב מיט אַ בלאַט — אַ נײַ וואָרט אין מויל, אַ געראַטעוועט וואָרט, פונעם פריש אָנגעשווימטן ווערטער־מאַבל אַרויסגעראַטעוועט, קלאַפּט אין פענצטער אָן — ווערט ליכט, ווערט לײַכט! דערזעסטו אומבאַקאַנטע ביימער־שפּיצן שטערקן, רײַסן זיך פון מאַבל אַרויס און אַ נײַער ווינקל אַנטפּלעקט זיך אויף דער אַלטער שוואַרצער ערד — — — — —

טרעפט אַמאָל.

אָבער ווען טרעפט דאָס?

און פאַרוואָס זאָל עס אַזוי אָפט טרעפן? וואָס זעסטו? שטאָט? אָבער האָבן מיר דען איצט — אין אונדזערע יאָרן. אין די שטאָטישע יאָרן, אין די טורעם־יאָרן, אין די טונעל־יאָרן — נײַע כושים צוגעקראָגן? טאַפּן מיר דען אַנדערש מיט די הענט? הערן מיר דען מער פון אַמאָל, טיפער, דויערנדיקער? רונדיקט זיך דען ניט די וועלט, ווי אַלע מאָל, ווי אייביק, פאַר אונדזערע אויגן? וואָס יאָגסטו זיך נאָך נײַע ווערטער? עס האָבן געדאַרפט פאַרבײַגיין דורעס פון דערפאַרונגען, פון דערשײַנונגען איידער אַ וואָרט — יעדעס וואָרט — איז געבוירן

געוואָרן. און דו — אַ טראָט אין שטאָט, אַ שפּיי אויף גאָט און — שוין! נייע ווערטער, נייע ריטמען, נייע קלאַנגען זאָלן מיר זיין! עפּשער, עפּשער האַלט איצט ווו — ניט אין ש. פרוגס פינצטערן קעלער — „אין דער פינצטער קראַנק און בלינד", נאָר אין ווער־האַרנס „אָפּנקייט פון שטאָל" — עפּשער האַלט איצט יע אַ ניי וואָרט אין באַשאַפן ווערן. נאָר ניט אַזוי שנעל וועט דאָס פון שטאָל אַרויסלייכטן און אַרויסגליען. דער ריטם פון שטאָט מוז פריער אין דיין בלוט אַריין, דיין אויג מוז פריער צום וואָלקנ־קראַצער זיך צוקלעפּן, און אויסלעשן, מוזט פריער פאַרצערט און ווידער געבוירן ווערן אין שטאָט, און ערשט דאַן — אין שטאָט־גילגול, וועסטו דעם קלאַנג פון נייעם וואָרט דערהערן! אָבער איצט, אָבער דו — דו, יישוווניק איינער, קליינשטעטלדיקער „גאָוואָבראַנעץ" ווו יאָגסטו זיך אַזוי? דו, וואָס דו שטייסט מיט דיין גאַנצן דאָר, מיט מיר, מיט אַלעמען על פּרשת דרכים: דו, איבערגאַנגס־מענטש אין אַן איבערגאַנגס־צייט — דו, וואָס מיט איין פוס שטייסטו אין דאָרף און מיט דעם צווייטן אין שטאָט — דו, מיט וואָס האַלטסטו זיך אַזוי גרויס?

און מיין כאַווער ווי אַ זיגער, שאַרף און שפּיציק ווי אַ קריגער, האָט מיר גענומען אַריינלאַכן אין אויער אַריין:

— וואָס האָסטו דערזען? — דו שטייסט אויף דעם צענטן שטאָק ערגעץ אין נויאָרק און פאַרכלינעסט זיך מיט דיינע נייע ווערטער און מיט דיינע נייע דערשיינונגען. אָבער איך — איך. וואָס בין נאָר וואָס געקומען פון דער פינצטערער באַרג־הייל. וואָס קען מיר דער סאָבוויי־טונעל, לעמאַשל, געבן? איך מיין, וואָס קען איצט — היינט, צו מיינע כושים, צו מיין פרייד און שרעק צוקומען? וואָס ווייזטו מיר? וואָס? דעם דרייסיקסטן, דעם פופציקסטן שפּיץ פון אַ וואָלקן־קראַצער? אָבער איך וואָס בין נאָר וואָס אויף די בערג־אַראָרעט געשטאַנען — וואָס קענען די מויער־שפּיצן מיינען פאַר מיר? דער סאָבוויי־טונעל און דער טורעם־שפּיץ איז דאָך נאָך אַלעמען בלויז אַ קוריאָז. אַ קאַפּריז פון לעבן און ניט דאָס לעבן אַליין. פּונקט ווי די באַרג־הייל און באַרג־שפּיץ זיינען בלויז געווען אַ קאַפּריז פון דער נאַטור. לעבן אַליין איז נאָך אַלץ וואָס אַמאָל, ווי אַלע מאָל.

מיין כאַוועך רוט זיך אָפּ אַף אַ מינוט, קוקט און טראַכט און הייבט אָן רעדן רעזיגנירט און צאַרדיק:

— געוויין זיך צו צו דעם און זיי שטיל. בעטלער זיינען מיר. בעטלער. מיר בעטלען אוים בײַ אונדזערע טאַטעס רייד, שפּראַך, כאַלוימעס, האָפנונגען — אַליץ. מיר פאַרבינדן זיך די אויגן, גייען נאָך די זיידעס, שעפּטשען, בעטן, האַלב־שפּילנדיק, האַלב אין ערנסט: „האָב ראַכמאָנעס אַף אַ בלינדן". וואָס, דו שעמסט זיך, ביסט אין קאַס! פאַרפאַלן, אַזוי איז דאָס! און וועסטו אַנטלויפן פון טאַטנס הויז וועסטו מוזן צוריקקומען, אויב דו וועסט קויעך האָבן.

— געוויין זיך צו צו דעם און וויים: מיר לעבן בלויז אַף גרייטן, אַף אָ פּ גע ש פּ אַ ר ט ן — אַף דאָס וואָס דוירעס האָבן פאַר אונדז אָפּגעשפּאַרט. אַלטע צעטרייסלונגען, דערפאַרונגען, אַלטע זעונגען, אַלטע בילדער און סימבאָלן נערן אונדז, פאַרצערן אונדז.

לויפט, לויפט דער שטאָטישער פאָעט מיט זיין נייקייט און מיטאַמאָל:

— די אַקיידע שוועבט אויף פאַר די אויגן!
— סעזאַמע בײַם קישעף־שטיין באַווייזט זיך!
— אַהאַסוועך קריכט פּלוצלונג אַרוים פון אַ וואָלקנאַרט־קוימען!
— פראַמאָטעום רייסט זיך פון קייט אַראָפּ!
— קנעכט שפּאַלטן יאַמען און אַנטלויפן!
— איעוו רייסט זיך די וואונדן און האָט טײַנעס אין זיין ווײַ און אין זיין שפּאָט!
— דער באַלשעמטאָוו באַהעפט זיך מיט גאָט!

ווי אין אַ קאַראַהאָד קומען זיי צו דיר אין שטאָט אָט די אַלע אָפּגעשפּאַרטע אַלטע זעונגען, כאַלוימעס, לידער, בילדער, אייביקייטן; זיי קומען צו דיר ווידער און ווידער צוריק אין דיין ליד, אין דיין נייעם טרוים, אין דיין טאַט, אין דיין גאַנצן לעבן. און, העלך מיינער, אַדראַבע, לאָמיר זען ווי דו קענסט זיך באַפרייען פון זיי!

— נאַר איינער! ניט דו אַליין האָסט רעוואָליוציעס איבערגעלעבט! און ניט דו אַליין גייסט אונטער, ניט דו אַליין גייסט אויף.

ניט דו אַליין אַפּילע לעבּסט איבּער אַן איבּערגאַנגס־צייט. פונ־וואַנען האָט זיך צו דיר דער שטאָלץ, די כוצפּע, די פּאַריסנקייט גענומען? צי דען, אַז דו דאַרפסט דיין האַלדז אויסשטרעקן, ווען דו ווילסט צום העכסטן גאָרן קוקן מוזטו שוין מיט אַ פּאַריסענעם קאָפּ בּלייבּן? אַ קוק — און לאָז ווידער אַראָפּ דיין קאָפּ...

— פּאָעט מיינער, וואָס טומעלסטו אַזוי מיט דיין ניי ליד, אַז בּעסאַכאַקל מוזטו אין דיין יעדער רעגע פון לעבּן צו דיינע טאַטעס — צו זיי — צו די אַלטע רייד און צי די אַלטע אייבּיקייטן אָנקומען? וואָס צעטרובּעסטו אַזוי די נייקייט ווי דער ליגנע־רישער צירק־רופער, צירק־אַריינשלעפּער, זיינע קאַרליקעס, זיינע פּאַרזעעניש! ? אַדראַבּע, גיי אַריין אין צירק וועסטו זען: דער עלעפּאַנט גייט נאָך אַלץ מיט שווערע לאַפּעס; פון פּאַרנאַסע־ווענן גייען כאַזיירימלעך נאָך אַלץ ראָד־איין, ראָד־אויס: דער טונקל־הויטיקער הינדו שלינגט נאָך אַלץ זיינע פייערדיקע שווערדן: דער פּעמפּיק גייט, קייקלט זיך נאָך אַלץ געאָרעמט מיט דער דאַמע וואָס קוקט אויס ווי יעקאַטערינע... דער אַלטער אַפּגע־שפּאָרטער וויץ — לאַכט נאָך אַלץ. גיי אין צירק, וועסטו זען! צוגעבּן? העכסטנס אַ ניי־פאַרבּיק מיצל קענסטו צוגעבּן — דער־ווייל, איצט — און, וואָס איז דאָ די איילעניש, די צעטומלטקייט? דאָס נייע, דאָס עכט־נייע דאָס צוגעקומענע, וועט ערשט אַריין אין דיר ווען דאָס וועט אַ פּ ג ע ש פּ אָ ר ט בּלייבּן און אַריין אין דעם אָפּגעשפּאָרטן אויצער, אין דער גניזעס. די איילעניש העלפט ניט.

מיין כאַוער, — דאַרפישדיק און שטאָטיק, — בּלייבּט שטיל, קוקט מיר שפּיציק אָן און בּייגט זיך ווידער איבּער מיר שאַרף און דראַטיק:

— און עפּשער איילסטו זיך אַזוי ווייל דו האָסט מוירע? איך זע שרעק בּאַ דיר אין די אויגן. וואָס? דו האָסט מוירע די שטאָט זאָל דיך ניט פאַרשלינגען? מע האָט דיר אַפּאַנעם איינגערעדט אַז אין שטאָט בּיסטו — אויס! אויס לעריק; אויס הימל; אויס געפילן; אויס שטימונגען; אויס ערד: אויס מענטש! איילסטו זיך און יאָגסט זיך אונטערצוויאַכן און אונטער־צוכאַנפענען צו דער שטאָט? נאַר, וואָס דו בּיסט! שרעק זיך דאָך ניט! אויבּ דער זאַמדיקער מידבּער האָט דיך ניט איינגע־

שלונגען וועט אויף די שטאָט דיך ניט איינשלונגען; אויב די כּאַיע האָט דיך ניט פאַרצוקט וועט דיך אויף דער אייזן ניט פאַר־צוקן. אייזן איז שטאַרק. אָבער דו ביסט נאָך שטאַרקער. און ווידער: איז דען „שטאָט" אַ נייס אין דער וועלט? שוין געווען שטעט אויף פריער! דער מענטש איז שטראָמענווייז אַוועק: אָבער אומעטום, אַלעמאָל און אויף איצט, האָט אים אַ בוים, אַ קאַץ, אַ הימל, אַ פויגל, אַ זון באַגלייט. און צווישן זיך און זיינע באַגלייטער וועט ער, ווייסטו, שוין אייביק בלייבן. זיי רויק, זיי שטיל, און געוויין זיך צו צו דיין מאַזל. דער וועג איז דער זעלבער. דער טאָג איז דער זעלבער, דורך דערפער, דורך שטעט און דורך דוירעס — בלויז עטלעכע מייסעס אָפּגעשפּאָרט, בלויז עטלעכע בילדער, בלויז עטלעכע זעונגען. זייער אייביקייט איז דיין אָרעמ־קייט, — זייער אייביקייט איז דיין טרייסט. ערגעץ־ווו איז אַ קרייץ געשטאַנען — און דאָס גייט מיט מיר: ערגעץ־ווו איז דאַמאָקלעסעס שווערד געהאַנגען — און דו, דיין אויג, זעסט נאָך אַלץ דיזעלבע שווערד; ערגעץ־ווו איז אַ טרוים פון אַ צוגע־זאָגט לאַנד אופגעגאַנגען און דער טרוים גייט ווידער אוף פאַר דיר — — געשענקטע טעג, אַ געשענקטער וועג און געשענקטע, אָפּגע־שפּאָרטע כאַלוימעס.

אַזוי האָט צו מיר גערעדט מיין כאַוועך מיט די שוואַרצע אויגן — איבער מיר געבויגן.

כוישעה, שטילער, גים זיך איין דער טיף פון מיין נעשאמע...

פ. טיוטשעוו.

# נאכט

די זון איז שוין לאנג פארגאנגען.

נאכט.

אבער איך, שטאטיקער, גויארקער, בין פון דער נאכט שוין לאנג אפגעוווינט, אנטוויינט געווארן.

פייערן —

פייערן פון אלע זייטן ווילן די נאכט פאריאגן.

שטאטישע פייערן, שטאטישע שילדן — נאכטיקער טאג.

אמאל, אמאל, ווען איך בין א קליין יינגל געווען, האב איך נאכט געזען.

הייליקע נאכט. איך איין דער נאכט, — אלץ איין דער נאכט.

די נאכט האט מיך פון גאס צו זיך געפירט, מיין טאגיקע גאסיקייט איינגעהאלטן, אפן זיידעס שוים געזעצט: מוירע איין הארץ געווארפן, — מוירע, און דערפאר ליבשאפט.

אבער לאנג, שוין לאנג, האב איך נאכט, נאכט עמעסדיקע, נאכט מאמאשעסדיקע, ניט געזען. פארנדיק אמאל פארטאג מיט דער הויכבאן האב איך שטיקלעך נאכט, שטיקלעך פון צעבערעקלטער נאכט, צווישן הויכע מויערן געזוכט, פון צווישן וואלקן-קראצערס אפירגעשלעפט — זיי, די נאכט-פאסן וואס האבן זיך דארט איינגענורעט, באהאלטן. און אמאל האב איך — א, איר פרימיטיווע עמאציעס, — שטיקער נאכט, עמעסע נאכט, דורך די פענצטער פון א נאכט-סאבוויי אין טונעלן-לעכער געזוכט.

שטאט רוישט, שטאט ברענט, שטאט טאגט, אייביק טאגט. איך אויך.

אבער שטילערהייט האט זיך צייטנווייז — וואס איז זיך דא צו שעמען — נאך אמאליקער נאכט געבענקט, נאך דער גאנצקייט פון אמאליקער נאכט.

און מיטאמאל:

— נאַכט!

אַט שטייט זיך פאַר מיר אין מיטן שטאָט, זי, די אַמאָליקע, געדיכטע, טיפע נאַכט; זי — מיט איר גאַנצער אומהיימלעכקייט, מיסטעריעזקייט און הונדערט־אויגיקייט.

* * *

צווישן שוואַרצע שורעלעך פון אַ בוך, אַ לידער־בוך, האָב איך זי פּלוצלונג ווידער דערזען — פון טיוטשעווס געזאַמלטע לידער — פון טיוטשעווס פּערזן.

נאָך נאַכט, מער נאַכט — טיוטשעווס טפילע.

נאַכט, ברייטע נאַכט — טיוטשעווס שליאַך.

טיוטשעוו — דער רוסישער דיכטער פון אָנפאַנג 19טן יאָר־הונדערט.

ער זינגט:

ס׳גרייכט ביז די קני דאָס זאַמד אין וואַלדיק עק.
מיר פאָרן שפּעט. דער טאָג פאַרגייט.
די דעמבע־שאָטנס האָבן שוין אין וועג,
איניינעם אויפגעגאָסן זיך, פאַרשפּרייט.

געדיכטער, שוואַרצער ווערט דער טיפער וואַלד.
ווי אומעטיק דאָ איז — ווי פּוסט!
די נאַכט — אַ כאַיע — הונדערט־אויגיקע געשטאַלט,
קוקט בייז פון הינטער יעדן קוסט.

געלייענט טיוטשעוון נאָך אין די פריערדיקע יאָרן. נאָר איצט האָב איך בײַ אים מער פון אַלץ זיין נאַכט דערשפּירט. עפּשער טאַקע צוליב דעם, וואָס איך, שטאָטיקער, בין אַזוי ווייט פון דער נאַכט אַוועק.

* * *

דאַכט זיך מיר: קיין דיכטער האָט אַזוי פיל ניט געזונגען וועגן נאַכט ווי טיוטשעוו.

קיין דיכטער.

און נאָוואַליס?

איך דערמאָן זיך אָן נאָוואַליסעס „הימנען צו דער נאַכט“.

איך זוך אים נאָך אַמאָל אויף, דעם דייטשישן ראָמאַנטיקער. ניין, נאָוואַליסעס נאַכט איז אַן אַנדערע. דער קרענקלעך־ראָמאַנ־

טישער נאָוואַליס האָט באַ זיין גאַנצער הייל־פינצטערקייט די נאַכט, מיט זיין עקזאַלטירן זי, ליכטיק געמאַכט, באַצירט, אילומי־נירט, קעניגלעך געקרוינט. די נאַכט איז פאַר אים זיין טרוים, זיין ליכט, זיין קאַלע געווען. נאָוואַליס האָט געזונגען אין איינס פון זיינע הימנען:

— זאָל געלויבט זיין די קעניגן פון דער ערד! נאַכט, די אַנטדעקערן פון הייליקע וועלטן, די היטערן פון ליכטיקער ליבע.

טיוטשעוו אָבער, וואָס האָט גענומען זינגען מיט אַ פּאָר צענד־ליק יאָר נאָך נאָוואַליסן (1820) האָט די נאַכט אַנדערש באַזונגען, כאָטש ער איז, ווי מיר דוכט, שטאַרק געווען אונטער דעם איינ־פלוס פון נאָוואַליסעס נאַכטיקייט.

טיוטשעוו האָט די נאַכט אין איר אומהיימלעכקייט געשפּירט.

מיט אַרום הונדערט יאָר צוריק האָט ער דאָס געזונגען:

די נאַכט — אַ כאַיע — הונדערט־אויגיקע געשטאַלט,
קוקט בייז פון הינטער יעדן קוסט.

נאַכט — כאַיע.

און דאָס איז אָוואַדע אַנדערש פון „נאַכט — מיין קאַלע“.

טיוטשעוו איז ביז צו דער טיפעניש פונעם פּרימיטיוו דער־גאַנגען, ביז צו דער עלעמענטישקייט פון אונדזערע עמאָציעס זיך דערקליבן. דעם פאַשעטן עמעס דערשפּירט. אָט אַזוי איז דאָס: נאַכט — אָפּגרונט. נאַכט — מוירע פאַר אונטערגאַנג. נאַכט — פאַרצוקונג. נאַכט — מוירע פאַר פאַרצוקונג.

נאַכט — זעלבסטפאַרגעסונג. שאַ פון ניט אַרויסגעזאָגטן טרויער — פאַרשוויגענעם, באַהאַלטענעם און אין דער באַהעל־טעניש — געלייטערטן; נאַכט — דער אָטעם פון גאַרניט ווערן. דער אָפּגלאַנץ אָדער דער אָ פּ ש אָ ט ן פון יענער זייט...

טיוטשעוו:

— כווישעך, שטילער, גיס זיך אין דער טיף פון מיין נעשאָמע: שטילער, פורכטיקער — אַלץ פאַרגיס און שטיל איצט איין.

און ווייטער:

— אַ בייזער טונקעלער גוירל, ניט קיין פאַרשטאַנענער, איז די פאַריאַסעמטע וועלט באַפאַלן. און מיר, אין געראַנגל מיט

דער גאַנצער נאַטור, זײַנען פאַרוואָרפן, איבערגעלאָזן געוואָרן אַף זיך אַליין...

און אַנדערש־ווו:

— די נאַכט האָט אופגעדעקט דעם טהאָם מיט אַלע זײַנע כווישעכנישן, מיט אַלע זײַנע שרעקן. און — ניטאָ קיין גרענעץ, קיין אָפּהאַלט צווישן אונדז און איר...

אָט דאָס איז טיוטשעווס נאַכט.

נאַכט — כאָיע. נאַכט — אָפּגרונט.

נאַכט — פאַרבײַ וועמען דער פּרימיטיוו איז שרעקנדיק, אָבער אָקשאָנעסדיק געגאַנגען, געשלעפּט זיך און צו אונדז דערגאַנגען.

נאַכט. מײַן קינדישער טונקעלער האָריזאָנט. מײַן מוירע־דיקער שאַבעס־צו־נאַכטס; נאַכט — מײַן זיידע אַף דער ערד, פאַרקלעמטע אויגן, פּיס צו דער טיר אויסגעצויגן.

* * *

גייענדיק אין די רווישיקע ניואָרקער עוונעס האָב איך אָפּט־מאָל געטראַכט:

— און עפּשער טאַקע דאַרפן מיר זיך איצט באַפרײַען פון די פּרימיטיווע עמאָציעס וואָס וואָרצלען אין דעם אַמאָל! עפּשער טאַקע שלעפּן זיי זיך אונדז נאָך בלויז ווי אויסגעדריבלטע פעדים פון אַן אַלט קלייד. ווי קען אַ פּאָעט נעמען זינגען פון נאַכט, פון שטילקייט פון דער נאַכט, פון דער געהיימניספולקייט פון נאַכט, ווען ער פאָרט גאָר בעשאָס מייסע מיט דער „לעקסינגטאָן עוועניו סאָבוויי?..." ווי קען אַ פּאָעט ניספּאָעל ווערן ווען ער דערזעט פאַר זיך אַ ראַכוועס, אַ פרײַ פעלד, אַז עס פעלט אים, אים, דעם איצטיקן, דער גאַנצער געפיל פון פאַרענגט זײַן, אַז ער שפּירט גאָר ניט דעם צאַר פון גיין אַף שטעכיקע שמאָלע סטעזש־קעס, אַז ער גייט גאָר בעשאָס מייסע אַף אַ דרײַ־מאָל־ברייטן שטאָט־וועג?

און ווײַטער: ווי קען אַ פּאָעט זיך צעזינגען וועגן זון, וועגן זוניקייט נאָך אַ רעגן, אַז ער, דער שטאָט־מענטש, פילט מער ניט אינעווייניק אין אים די שעפעדיקייט פון רעגן, די אומעטיקייט פון פאַרוואָלקנטקייט און די פרייד פון זון נאָך אַ שטורעם!

עפשער זיינען אַלע נאַטור־קוואַלן פון וואַנען עס זיינען געקומען ביז אהער אונדזערע עמאָציעס פון פרייד, שרעק, עקסטאַז, מוירע, גלויבן — עפשער זיינען זיי בלויז איבערבלייבענישן פון אַמאָל און מיר דאַרפן זיך באַפרייען פון דעם פּונקט ווי מיר דאַרפן זיך באַפרייען פון די אויסערלעכע פּרינצעסן־מאָטיוון, פון די איי־לע־לו־לידער, פון די קליין־שטעטלדיקע פּאַלאַץ־בענקענישן ? ! . . .

אַזוי האָב איך אַפּט געטראַכט, זיך געיישעוועט, אַ וויקועך געהאַט מיט זיך אַליין און מיט כאַוויירים.

אָבער אַז איך האָב איצט טיוטשעווס לידער אַף דאָס ניי איבער־געלייענט און זיין נאַכט פאַר מיר דערזען, האָב איך דערפילט: ניין ! ווי עס ציט דער טוי צו דער ערד — אַט אַזוי ציט עס אונדז נאָך אַדאַיעם — און וועט אונדז ציען — צום הימל: ווי עס ציט דעם שמעטערלינג צום פלאַם, אַט אַזוי ציט עס אונדז — און וועט אייביק ציען — צו נאַכט.

אויסערלעכקייטן וועלן זיך בייטן, מוזן זיך בייטן: בילדער וועלן פאַרשווינדן און נייע וועלן קומען, פאַרגלייכענישן בלויז וועלן זיך ענדערן, דאַרפן זיך ענדערן — אָבער דאָס קערנדיקע, דאָס עלעמענטיש־פּרימיטיווע — דאָס וועט בלייבן.

קיינער וועט אונדז פון דעם ניט אַפּרייסן.

פאַר טיוטשעוון האָט די נאַכט פון „יעדן קוסט אַרויסגעקוקט".

און אַז די נאַכט קוקט פון יעדן ווילוואָירט־טורעם אַרויס — איז דען פיל אַנדערש ?

פלאַכן בלויז בייטן זיך, אָבער ניט דאָס וואָס ליגט אינערלעך.

נאַכט איז נאַכט. זון איז זון. ערד איז ערד. אונדזערע כושים זיינען דיזעלבע. דער פּרימיטיוו איז נאָך אַדאַיעם אין אונדז. און אַז עמעצן, דער שטאָט צי דער מאַשין, זאָל דאָך געלונגען אַף אַ צייט אונדז פון דער ערד, פון מאָקער, אַפּצורייסן, אויסצורייסן — וועט דער סאָף זיין אַזוי טראַגיש ווי עס איז געווען דער סאָף פון יענעם מיטאָלאָגישן גריכישן העלד וואָס דער סאָד פון זיין געוווּרע איז געווען אין זיין טרעטן אַף דער ערד. און ווי נאָר זיין סוינע איז דעם סאָד דערגאַנגען און אים אַרים געטאָן פון דער ערד, האָט זיך פון אים די געוווּרע אַפּגעטאָן — און — גיבער, פאַרוואָס ווערסטו זיך ניט ? . . .

# מיר פּאָעטן

מיין כּאַוועס, שוואַרץ און דראַטיק, שטייט איבער מיר און טיינעט:

— ווייסט, מיר פּאָעטן, האָבן זיך אַליין, הויפּטזעכלעך אין די לעצטע יאָרן, צו פֿאַריינפֿאַכט, פֿאַראַלטעגלעכט, צו פּאַשעט געוואָרן. אין דעם געמיינעם און וווּלגאַרן אַראָפּוועגס־גנעיג נאָך קלוימערשטער גלייכקייט און דעמאָקראַטיע האָבן מיר — ניט נאָר יידישע, נאָר אַלע פּאָעטן — דעם פּאָעטישן צעלעם עלעהים פֿאַרלוירן. מיר האָבן אונדזער ברייט־מאַנטלדיקן לעוויש אַרונטערגעוואָרפֿן, אונדזער זשעסט פֿאַר־האַנט־מאַכט. אונדזער שימערדיקן גאַנג פֿאַרטריט־טראַטעוועט און אונדזער האַלב־קלאָונישן, האַלב־געווייִשן פּלאַם און אופֿפּלאַם איינגעשטילט און איינגעקילט. און דאָס אַלץ, ווייל מיר האָבן זיך פֿון אונדזער שוירעש אָפּגעריסן, ווייל מיר האָבן פֿאַרגעסן וואָס און ווער מיר זיינען.

— וואָס זיינען מיר?

און מיין כּאַוועס, שוואַרץ און דראַטיק, טרעט נענטער צו און רעדט:

— ווו האָבן מיר דאָס אויסגעלערנט זיך צו פֿאַרלאָמעדוואָוון זיך, צו קליידן זיך אין פּאַשעטע גאַסן־קליידער און צו רעדן געצײלטע, פּאַשעטע רייד? עפּשער זיינען דאָ באַהאַלטענע צאַדיקים, כאָטש איך גלייב ניט אין דעם, אַפֿילע ניט אין דעם הינטערגרונטישן זין פֿון דעם, נאָר קיין באַהאַלטענע פּאָעטן, לידער־לאָמעדוואָוניקעס זיינען זיכער ניטאָ און — קענען ניט זיין. און מיר, צום טייוול, האָבן זיך אַזוי פֿאַרלאָמעד־וואָוועוועט און זיך איינגערעדט אַז די וואַסער־טרעגער — מיר, געוואָרענע וואַסער־טרעגער — זיינען מעשיכים, דער האָלץ־האַקער — אַ גויעל. גויעל, מעשיעך! ? קען זיין. אָבער זיכער ניט קיין פּאָעט, קיין זינגער, קיין מייסע־דערציילער, קיין —

וואָס זיינען מיר?

— מיר זיינען בלויז (צי דער „בלויז" מיינט אַ סאַך צי ווייניק — איז שוין אַ פֿאַרפּאַלענע זאַך, נאָר אַזוי איז דאָס!) אַמוזירער:

די, וואָס דאַרפֿן פֿרייד און געלעכטער אַרויסרופֿן; די, וואָס שפּילן זיך מיט פּיינען, ווי דער שיקער מיט די ווײַנען; די, וואָס ציִען מיט אומגליק־טרערן אַף די גאַסן, ווי דער שוואַרץ־קינסטלער זײַנע פֿאַרבנרײַכע פּאַסן; מיר זײַנען די, וואָס דאַרפֿן — און לאָמיר זיך ניט שעמען מיט דעם — שלאָפֿלאָזע אויפֿעלעך מיט ניגונים פֿאַרווינגן און די מאַרעשכווירעדיקע אַכאַשווייִרעשס מיט מייסעלעך פֿאַרשלעפֿערן. און אַמאָל, אין בלינדקייט, און אַמאָל אין בלינדע טעג, דאַרפֿן מיר אַף פֿענצטערדיקע הייפֿן. ווי בעטלער, טרויער אויסבעטלען, עמעצער זאָל הערנדיק אונדזער זינגען, אַ טרער דערשלינגען; געוווּג, דאָס ליד איז געענדיקט — און מיר גייען שוין צום צווייטן הויף!

געזאַנג פֿון באַרויקונג פֿון דערמאָנונג, פֿון בענקונג, פֿון לייכטן טרויער, פֿון קינדישער פֿרייד און לעגענדאַרער טרייסט, דאָס איז אונדזער ראָלע, אונדזער ליד; מיר, האַלב־קלאָונען, האַלב־נע־ווײַים, מיר אַמוזירער, מיר מייסע־דערציילער!

קינדער־שרעקן זיך, קינדער־וויינען — שפּינט די אַלטיטשקע איר שפּינראַד און זינגט:

— ציפּ, ציפּ העמערל,
קום צו מיר אין קעמערל,
איך וועל דיר עפּעס ווײַזן —
שיסעלעך מיט אײַזן,
טעפּעלעך מיט לויטער גאָלד.

מענטשן האָווען, מענטשן יאָגן, מיטאַמאָל — דער בלינדער זינגט:

— הערט זיך אײַן מענטשן וואָס ס'קען זיך פֿאַרלויפֿן...
אַ מייסע.

די באָבע און דער בלינדער האָבן געוווּסט זייער ראָלע, געוועזן אַלע מאָל אַפֿן ריכטיקן אָרט; זיי האָבן געזונגען און איבער־געזונגען דאָס זעלבע ליד נאָך און נאָך אַמאָל — דאָס ליד פֿון פֿאַנטאַסטישן קעמערל און פֿון מענטשלעכן טרויער. נאָר מיר? מיר האָבן זיך נאָך נ י י ע  ל י ד ע ר  פֿאַרבענקט. אָבער ווו קענען מיר דען מיטאַמאָל נײַע נעמען? זײַנען מיר דען דערפֿינדער? אַנטדעקער? קענען מיר דען ווערן פּאָעטישע

אַלכעמיקער? ווו זאָלן מיר נייע נעמען? ווי קענען מיר דאָס ביז־אַהעריקע פאַרוואַרפן, — אַז דער טרויער איז דער זעלביקער און די פרייד איז דאָך דיזעלביקע? פּאָעטן, די גרעסטע, דער־פינדן גאָר ניט, אַנטדעקן גאָרניט — נאָר זינגען נאָך און נאָך אַמאָל איבער, יעדערער אַף זיין שטייגער און לויט זיין קויעך, דאָס אַלטע ליד פון —

ציפּ, ציפּ העמערל...

איבערכאַזערונג? געוויס! פּונקט ווי דאָס ליכט פון טאָג און ווי די פינצטערניש פון דער נאַכט כאַזערט זיך איבער און איבער, אַזוי כאַזערט זיך איבער דאָס געזאַנג פון דער וועלט און אַט אַזוי כאַזערט זיך איבער די מייסע פון דער וועלט.

מיין כאַווער רעדט ווייטער און מאַנט מיט די הענט:

— וואָס ווילן זיי פון אונדז? וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אַף אונדז? וואָס ווילן זיי אונדז אָנהענגען פּראָבלעמאַטישע לונג־און־לעבערס אַף דער נאָז? וואָס מאָנען זיי פון אונדז אַז ענטפער אַף זייערע און אונדזערע אַלטעגלעכע פלאָגן? וואָס ווייסן מיר? ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט, אַז מיר זיינען רעטעניש־לייזער, וואָרזאָגער, — וועמען קענען מיר העלפן, אַז מיר קענען זיך אַליין ניט העלפן?

אייך איז שלעכט? גוט, קינדער, טאָ הערט אַ מייסע: —

— אַמאָל איז געווען...

— אייך איז אומעטיק? טאָ הערט אַ ליד:

אונטערן בריק, אָפן בריק
שטייען טויבן פּאָרן.
אָ, ווו זיינען זיי אַוועק
אונדזערע יונגע יאָרן?

ווערט פון דעם נאָך אומעטיקער? פאַרפאַלן!

דאָס אַלץ! מער האָבן מיר ניט, מער פאַרמאָגן מיר ניט אין אונדזער פּאָעטישער טאָרבע.

וואָס ווילן זיי פון אונדז און וואָס זיינען זיי אונדז אַזוי מעקאַנע? אַלע ווילן זיך צו אונדז אַריינרייסן, אַראָפּשנעלן פון אונדז די נאָז, אַרויסכאַפּן פון אונדז דעם בענקל. אַלע!

זיי זיינען אונדז מעקאַנע, און ווייסטו פאַרוואָס? — ווייל מיר אַליין האָבן — פון זיי און פון זיך אַליין — זיך געלאָזט איינ־רעדן, אַז מיר זיינען דאָס אייבערשטע פון שטייסל, אַז מיר זיינען די העכסטע ברוים אויף דער וועלט, אַז מיר זיינען גאָטס־סטראַפּטשעס, אַז מיר זיינען כלאַל־פאַרזאָרגער, לאָמעד־וואָוו־ניקעס, וועלט־און־רעטעניש לייזער.

צו וואָס אָט דער פּוסטער און איבעריקער שטאָלץ? — — —

מיר, מיניען־זינגער, באַדכאָנים, כופּע־פירער, לעוואַיע־באַ־גלייטער, מייסע־דערציילער.

איז דאָס גוט? איז דאָס שלעכט? איז דאָס אַ הויכע צי אַ נידעריקע מאַדריינע? איך ווייס ניט. נאָר —

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר,

אָבער פּאָעטן זיינען מיר.

דאָס אַלץ! און וועמען עס געפעלט ניט, דער זאָל אַוועק. דער וועט אַוועק, און וועמען עס איז ניט געניג, דער זאָל צום דערפינדער אין לאַבאָראַטאָריום גיין.

קומען זיי, די כאַריפעשע קעפּ און שמייכלען: זעט נאָר די מאַריאָנעטקע: קונסט צוליב קונסט!

לאַכט ניט! איך ווייס ניט צי דאָס איז אַ געראָטענער אויס־דרוק אָבער דער זין איז אַ ריכטיקער: פרייד צוליב פרייד און טרויער צוליב טרויער... אַזוי ווי אונדזער גאַנצער זיין: לעבן צוליב לעבן און טויט צוליב טויט!

סייכלדיקע, קלוגע פריינט אונדזערע:

— וואָס איז דער נימשל? — פרעגט איר.

אָבער מיר האָבן ניט און ווייסן ניט פון קיין נימשל. מיר גיבן אייך דעם מאָשל — און אויב איר ווילט, און אויב איר מוזט — טאָ טראַכט זיך אייך אַליין אַ נימשל צו...

אומעטיקע, טראַגישע פריינט אונדזערע! וואָס, ס'איז אייך ניט געניג אונדזער ליד און אונדזער מייסע? איר ווילט אין אייער געראַנגל עפּעס מער? אָבער מער האָבן מיר ניט! ניין, מיר זיינען כאַלילע ניט קיין יוירדים — מער האָבן מיר קיינמאָל ניט געהאַט!

בײַ די ווילדע ברעגן פֿון גאַנגעס, צי בײַ אַנאַדער אַמאַליקן שייוועט־נעסט, האָט זיך אונדזער מײַסעלע אָנגעהויבן, דורך די גרויס־ווײַזירישע שלאָפֿצימערן אַדורך: אין פּאַלאַצן געווען, אויף אַלע יאַמען געשוואומען, אויף די פֿליגלען פֿון דער גאָלדענער פּאַווע געפֿלויגן, צו ר׳ נאַכמען ברעסלאַווערן אין טיר אָנגעקלאַפּט, די „מײַסע פֿון דער וועלט״ איז פֿאַר דער „כאַכמע פֿון דער וועלט״ פֿאַרבײַ, — זיך געראַטעוועט, מײַסע געבליבן, ווײַטער געפֿלויגן, צו אונדז דערפֿלויגן. אָבער מיר — ווער זײַנען מיר הײַנט? מיר וואָס האָבן אויף זיך אָרופּגעצווונגען די שפּיץ־מאָרדיקייט און באַהאַלטנקייט פֿון לאַמעד־וואָווניק? די כאָכמע פֿון כאַריף, די זיכערקייט פֿון דערפֿינדער, די וואולגאַריטעט פֿון דעמאָקראַט, דעם ליגן פֿון וועלט־דערלייזער?

מיר, הײַנטוועלטיקע פּאָעטן, ווער זײַנען מיר הײַנט? מיר, מיט אונדזער פֿאַרייִנפֿאַכטן, אַראָפּגענידערטן וואָרט, מיט אונדזער פּראָסטן היילעך, מיט אונדזער גאַסיקער וואַסער־טרעגערישער האַלבאָשע?

אונדזער לעוווש איז — עליאָעס גאַרטל; אונדזער וועג — דער פֿליענדיקער, פֿײַערדיקער רײַטוואָגן; יערמיאָעס לאַנגע לאָקן און טעאַטראַלישער געוויין, דאָן־קיכאָטס שילד און די קלאָוניש־קייט פֿון די טרובאַדורן!

מיר יאָנטעוודיקע, מיר יאָנטעווריידן! פֿונוואַנען האָט זיך צו אונדז אַזאַ שיכעס־כולין גענומען?

מיר נאַיווע, וואָס זעען אין די וואָלקנס נאַקעטע פֿרויען און אין פֿאַרנעבלטן טאָל — לעוואָנע־שיפֿן — מיר, וואָס זעען אומעטום, וואָס ווילן זען, לייב לעבן, געשטאַלט, פֿונוואַנען האָט זיך צו אונדז לעצטנס אַזאַ נאַרישע, אויסגעטראַכטע כאָכמע צוגעקלעפּט? ווו ווידער האָט זיך צו אונדז אַזאַ מוסער־ערנסט גענומען?

מיר פֿאַרלוירענע, אָפּגעריסענע פֿון שוירעש, נעשאָמעס אין קאַפּאַקעלע, מיר הײַנטיקע פּאָעטן!

מיר, פֿאַרשאָלטענע! טיף אין האַרץ בענקט יעדער נאָך זײַן עמעסן קוואַל; טיף אין האַרץ פֿילן מיר אונדזער עמעסע ראָלע; טיף אין האַרץ שעלט יעדער פֿון אונדז די פֿאַלשע כאַ־

ריפּעם וואָס האָט זיך אין אונדז אַריינגעכאַפּט: טיף אין האַרץ קלינגט בּאַ יעדן:

— אַמאָל איז געווען אַ מייסע —

און מיר ראַנגלען זיך און מיר רינגלען זיך דערווייל אַרום מיט נייע און נייע רינגען און ווער ווייסט ווען מיר וועלן זיך פון דעם בּאַפרייען!

אַזוי האָט גערעדט מיין כאַוועך, שוואַרץ און דראָטיק — פייער־דיקע אויגן איבּער מיר געבּויגן.

# פּאָעזיע

כ'האָב דורכגעבלעטערט אַ בוך: — „פּאָעזיע פון דער וועלט" — אַן אַנטאָלאָגיע. לידער פון היינט און לידער פון אַמאָל. לידער פון מידבער, פון רעגן; לידער וועגן האר און וועגן קנעכט; לידער וועגן זון און וועגן נאַכט; לאָטוס־בלומען, באַמבוס־שטעקעלעך; פּיראַמידן, אַפּגעטער, געזאַנג פון נאַכטיגאַל, מילדקייט, נעקאָמע, לויף פון וואַסער, אייביקער לויף, אייביקער געמורמל, אייביקער ריטם. —

ליד. —

פון אַמאָל ביז היינט.

פון אייביק ביז אייביק.

און עס גיט אַ ציַ אַהין, און עס טוט מיר אַנאָע וואָס דאָס ליד היינט איז ניט דאָוועקע קיין שאַכן צו דער אויסערלעכקייט, צו דער מאַטעריע־שטאָף פון היינטיקע נייעסן, נאָר דאָס ציט זיך נאָך אַזוי פון אַמאָל, פון דער טיף, פון דער ווייט, רעגנבויגן, וואָס ליגט איבער אַלע דוירעס.

ליד. — — —

פון אייביק ביז אייביק.

און ווייל איז אונדז וואָס די באַרבאַרן האָבן דאָס שוין געזונגען, וואָס דער געצנדינער האָט מיט דעם געקניט פאַר זיין אָפּגאָט, וואָס דער מידבער־מענטש האָט מיט דעם זיין שייוועט באַרויקט, וואָס דער מעכאַשעוו און אָפּשפּרעכער האָט מיט דעם פּאַרטריבן די מאַגייפע, די שיידעם, וואָס דאָס ליד איז דורך שטיין געבוירן און ווי דעמב זיך צעוואַקסן אַרום שטיין, מיט די וואָרצלען טיף אין דער ערד אונטערן שטיין אַריין, אין אונדזער אור־אינסטינקט.

מיר האָבן זיך דערווייטערט פון מידבער, אָבער ניט פון ליד. דאָס ליד האָבן מיר פון זאַמד אויסגעגראָבן און מיט זיך, אַף דעם וועג צו דער שטאָט מיטגענומען. מיר האָבן די אויסגעקריצטע שטיינער אַף די פּלייצעס געטראָגן און אַזוי כאַלעשדיק געוואָלט זען, דערגיין, דערהערן דעם קאָל פון אַמאָל, אייגנטלעך אונדזער אייגן קאָל, וואָס האָט אָבער שוין אָפּגעהילכט איבער דער פלאַך פון דער ערד, איידער נאָך מיר זיינען געבוירן געוואָרן.

פאַרמען. אַלערליי פאַרמען. אָבער דאָס ליד איז שוין ליד געווען, איז ליד געבליבן.

דאָס בילדער־ליד פון אַמאָליקן עגיפּטן. מיר ווייסן נים יענע שפּראַך, מיר קענען נים הערן דעם קלאַנג פון יענער שפּראַך (ווי מיר ווייסן נים דעם קלאַנג פון אַנדערע אַלטע לעשוינעס) נאָר מיר ווייסן שוין דעם טייטש פון יענע שורעס, מיר קענען די אויס־קריצונגען לייענען, פאַרשטיין לויט אונדזער איצטיקער שפּראַך און באַגריפן. און מיר לייענען און זעען וווּנדער: דאָס אַלץ איז דאָך געזאַנג, וואָרט־געזאַנג, ליד וואָס איז 5 טויזנט יאָר אַלט. דאָס עלטסטע ליד וואָס איז, אויסער די לעצטנס געפונענע אַשור־באַוועל־אויסקריצונגען, דערגאַנגען צו אונדז. שורעס אין אַ גלייכ־קייט אויסגעלייגט. וואָס דער ריטם, וואָס דער מעטער, זאָל דאָ נים האָבן געווען, נאָר ער איז דאָ. ס'איז קלאָר, אַז דאָס ליד איז שוין דאָן ליד געווען. געצנדינסט, זאַמד, מידבאַריעס, גערוך פון בלוט, סימאַנים פון בלוט, אָבער — ליד, געזאַנג!

עגיפּטן.

כינע.

דאָס ליד גייט ווייטער. וואַרפט זיך איבער פון איין לאַנד צום צווייטן.

איך לייען:

אַדעס פון דעם אַלטן כינעזישן שי־קינג בוך. קאָנפוציוס, דער הייליקער, האָט זיי צונויפגעקליבן פון נאָך פריערדיקן כינע־זישן פאָלקס־אויצער און איבערגעלאָזט זיי ווי אַ גלויבן.

אַדעס, געזאַנג, לידער. רעליגיעז־נאַיווע: לידער פון לעבן, פון טויט, פאַרן טויט. מעדיטאַציעס איבערן טויט.

פאַנטאַזיע, — רוכניעס. אָבער אַזאַ מין רוכניעס, וואָס איז געמישט מיט לינזן, מיט הונגער־רייז. רוכניעס — אָנגעהאַנגען אַף וואָכעדיקייט, אַרומיקייט.

שי־קינג. אַלט, זייער אַלט. אַוואַדע איבער דריי טויזנט יאָר שוין. און דאָך: ווי אייגן און ווי נאָענט זיי זיינען. אַז אַנדער לעבנס־שטייגער, אָבער אין גרונט גענומען: דאָס זעלבע ליד, דער זעלביקער געזאַנג, נים־געבונדענע פּערזן, צעוואָרפענע שורעס, אָבער געזאַנג.

א הירש לויפט אף גרינגע פיסלעך. אייביק גרינער באַרג. געשריי פון ווילדע געגנדן. יאַפּאַניש ליד!

טאַנקעס, קורצינקע פּערזן, בליטן — דער יאַפּאַנער „מאַניאַ־שור־בוך“.

ליבע, אָפענע פענעמער, ווייסע בליקן, בענקשאַפט. עלעגישער טאָן. קליינע מינוטן, קליינע לידער. ניט אַזוי טיף ווי די כינע־זישע, נאָר דערפאַר אַזוי אַראָמאַטיש, רירנדיק, בליטן און דאָך, אין מיטן דערינען, רייעך פון שפּיץ־באַרגיקן האַרבסט. און גלייך: רייעך פון פרילינג, וואָס טרעט אַף לייכטן שניי, זינגט אַ געזאַנג:

— ווען ניט דער נאַכטיגאַל, ווען ניט זיין קאָל, ווי וואָלט דער באַרג־דאָרף, ווו דער שניי איז נאָך ניט צעשמאָלצן, וויסן, אַז דער פרילינג איז געקומען? . . .

צוריקוועגס.

ריגוועדא־בוך. סאַנסקריטן, אַלטע הינדוסן, אַמאָליקע אינדיען.

הימנען:

— ווי גרויס ביסטו, באַשעפער!

— ווי קויעכדיק!

עקזאַלטירטע געזאַנגען. פאָלק וואָס האָט זיין גאָט דורך ליד דערקענט, און דורך ליד פאַרהערלעכט. פילאָזאָפיש. שפּעטער קומען אַנדערע פּאָעטן. סענטימענטאַל, קישעפדיק, און מיטאַמאָל רים פון סענטימענטאַליטעט צום שטאַרקן ליבע־ליד, בילהאַנאַס ליד: „טשאַוראַס־פּאַנטשאַסיקאַ“. נאָך שטאַרקער פון שיר־השירים. ניט געזאַנג פון לייב, נאָר שורע וואָס איז לייב אַליין. שורע וואָס איז מענטשלעכער אָדער, דורך לייב געצויגן: ניט געזאַנג וועגן ליבע, נאָר ליבע אַליין. דער פיל־קלאַנגיקער שיר־השירים, איז דראַמאַטיזירט, פיל־פּאַנעמדיק. דאָ, אַנדערש. איין פּאַנעם, איין קאָל, איין לייב — עראָטיק.

געבונדענע פּערזן, גראַמען, שטאַרקער ריטם, קימאַט איצטיק, נאָר ס׳ליגט אַף דעם דער כויסעם פון הונדערטער יאָר.

ליד פון אַמאָל ביז היינט, פון אייביק ביז אייביק — לעווילעם וואָעד.

איך דערהער:

— איך וועל אופהייבן מיין קאָל.

דאָס אַלט־אַראַבּישע ליד. נאָענט אין טאָן צום העברעישן. אָבער בלויז אין טאָן, ניט אין אינהאַלט (נעענטער צום העברעישן אין אינהאַלט זיינען ניט די לידער, נאָר בלויז די מייסעס אין די גאָר אַלטע אַסירא־באַבילאָנישע געפונענע אויסקריצונגען, וואָס שטאַמען פון אַ צייט איבער פינף טויזנט יאָר צוריק).

געהעכערטער קאָל, הייסע ליבע, קאַמף. נעקאָמע פאַר דעם גוירל פון שייוועט. שוואַטים־האַס. שנעלע טעמפּאָ, מידבּער־אָטעם, גראַנדיאָזיטעט, האַרעם.

און די אַלט־פערזישע לידער באַהאַנגען מיט שיינקייט, באַשווערט פון שיינקייט, פון בונטע פּאַסן, פּליענדיקע שלייפן, קאַלירנדיקע באַנדן; און אַנדערע פּערסישע לידער, וואָס זיינען, ווי געדיכטע עפּל־ביימער, באַשווערט פון פילאָזאָפישע צווייגן, באַשווערט פון וויניקער, רויטלדיקער רייפקייט, און לידער, ווי אַלטער, שטאַרקער וויין.

און מיטאַמאָל: באַ דעם אין שווערקייט זיך וויגנדיקן טאָן פון דער פּערסישער ליריק דערהערט זיך: גרוים־טאָן, דעטערמינירטער אויסרוף:

— והיה באחרית...

— מזמור לדוד!

אייגענע לידער, נאָענטע טענער־קלאַנגען, וואָס ליגן אין מיין פליישׂ־און־בלוט, כאָטש זיי קומען פון אַזוי ווייט.

און איך דערזע זיי, די געשטאַלטן, ווי איך האָב זיך זיי אין מיין קינדהייט פאָרגעשטעלט: ישעיאַ מיט דעם ליכטיקן פּאָנעם, בליציקע אויגן און ברייטער, גראָער באָרד; ירמיאַ מיט דעם שוואַרצן טרויער אויף זיך, מיט דעם אַש־זאַק אויפן קאָפּ; יעכעזקל — אַ באַפליגלטער האַלב־מענטש, האַלב־מאַלעך; אַמוס אין אַ פּעלצל, אַ פאַרגאַרטלטער, אַ פאַרבונדענער איבערן דיך. —

איך זע זיי, די געשטאַלטן, ווי זיי האָבן זיך צו מיר אַמאָל אונטער מיין זיידנס באַלקן באַוויזן און ס׳פרייט מיך וואָס אין מיין דערוואַקסנקייט זע איך זיי דאָ ווידער, דורך אַלע יאָרן, איבער אַלע דוירעס — צוזאַמען מיטן היינט, מיט די היינטיקע: ישעיאַ זיצט צוזאַמען מיט געטען, מיט פּושקינען; יעכעזקל — מיט וויטמאַנען, מיט פּאָון; ירמיאַ — מיט שעללין, וואַטס־

וואַרטן; אַמום — מיט יעסענין... זיי — מיט די אומעס האָוילעם, אַלע אַף איין רעגנבויגן־פּאַדעם אופגעצויגן. אַ גוט געפיל גייט דורך אין האַרץ: זיי, די אַלע, אַמאַליקע, ווערן גאַר היינטיק — און די היינטיקע, צו־נאָענטע, רוקן זיך פּאַמעלעך אַפּ פון מיר אין דיסטאַנץ, אין זיקאָרן, צום אַמאָל!

ווייטער און ווייטער — איבער גריכנלאַנד, איבער רוים, איבער די „אַלטע״, איבער די געלערנטע, איבער די קלאַסישע שורעס, איבער די רעליגיעזע טפילעס, און דערנאָך: איבער די נענטערע דוירעס, און היינטיקע פעלקער איבער אַלע איצטיקע לידער פון מענטש־צעשפּרייטקייט, ליד — טאָן איבער אַלע טענער!

פון אייביק ביז אייביק, פון אַמאָל ביז היינט, און פון היינט אַף צוריק — ביז אַמאָל.

אַלערליי פאָרמען:

פרייער אויסגעשריי, הימן! פּאַראַלעליזם, אַקצענטירונג, טאַנקעס, אַלערליי גראַמען — מיטל־גראַם, סאָף־גראַם, קלאַנג־גראַם, געדאַנק־גראַם, ערשט־זילביקער גלייכקלאַנג, לעצט־זילביקער, אַסאָנאַנס, בילד־גלייכקייט, אַקצענט־בונט, העקסאַמעטער, מעטער, ריטם, פרייפערז, אַלערליי ריטמען. —

ליד בלייבט ליד. ליד וועט בלייבן, וועט זיך אַרויסרייסן אויך פון געשריי פון גרויסשטאָט. אַז דער גרויסשטאָט געשריי, ווי יעדער געשריי, וועט פאַרשווינדן, וועט זיך דערזען, אַז געבליבן איז ליד.

# דאָס אויג וואָס זעט און דאָס אויג וואָס וויל זען

מיין שאַטנדיקער כאַוועך איז מיר שטילשווייגנדיק נאָכגע־גאַנגען אַ לאַנגע צייט איבער אַ נויאָרקער בריק און האָט אָנגע־שטרענגט געקוקט אין דער ווייט. פּלוצלונג, ווי זיין טעווע איז, האָט ער מיט אַ צעבראָכענעם שמייכל גענומען רעדן:

— מאָדנע, נאַרישע רייד אייערע באַם כאַווירים־טישל. איך זיץ און הער. איין פּאָעט, — דין־גלין־גלין — קאָכט זיך:

— נאָר זען, זען די זאַך וועגן וואָס מע שרייבט, וואָס מע באַזינגט.

און אַ צווייטער, אַזוי הויקערדיק און פלייצעדיק, אייצעט:

— נעמט די זאַך אין די הענט, פּילט עס, טאַפּט עס אָן, זעט ווי דאָס קוקט אויס.

און ביידע — און אַלע — האָבן גאָר פאַרגעסן, אַז באַם מענטשן זיינען דאָ צוויי אויגן: דאָס אויג וואָס זעט און דאָס אויג וואָס וויל זען.

און אין פּאָעזיע — האָט מיין כאַוועך פינגערדיק גערעדט — פאַרנעמט דעם גרעסטן פּלאַץ ניט דאָס אויג וואָס זעט, נאָר דאָס אויג וואָס וויל זען.

צוויי פאַרשיידענע אויגן אין יעדן מענטשן. אָט וועל איך דיר דאָ עפּעס דערציילן:

— אין אַ טייך זיינען דאָ גרינע, לאַנג־האַלדזיקע טשערעפּאַ־כעס. באַ די ברעגן פון טייך הייבן זיך אַרויס אַ פּאָר שטיינער, שוואַרצע, שוואַרץ פון זון, שוואַרץ פון אייביקער אָפּגעדעקטקייט אין וואַסער. און אַף די שטיינער זעט מען אָפט ווי עס זיצן די טונקל־גרינע טשערעפּאַכעס און כאַפּן אַ ביסל לופט, אָדער וואַרע־מען זיך אַף דער זון. פּאַרט פון ווייט אַ שיפל מיט עטלעכע קינדער צו זען די טשערעפּאַכעס, וואָס זיצן אַף די שטיינער. אַן עלטערער, אַ דערוואַקסענער — באַ די ווערלעס. די אומרויקע, אומ־געדולדיקע קינדער צעשרייען זיך:

— אָ, דאָרט, אַף יענעם שטיין זע איך, זיצט אַ טשערעפּאַכע!

— איך זע איר האַלדז.

— זי דרייט מיטן קאָפּ.
— זי קוקט גלייך צו אונדז.
— אַ צווייטע, אַ דריטע.

דער רודערער, שוין מיט דערוואַקסענע אויגן, זעט אויך קלאָר אַ טשערעפּאַכע, נאָר ער שמייכלט, ער לאַכט פון די קינדער: ער זעט די באַשעפעניש גאָר אַף אַן אַנדער שטיין. ער זעט ווי זי שטייט אַף דעם סאַמע שפּיץ פון אַרויסגעסטאַרטשעטן שוואַרצן פעלז. אַלע קוקן אָנגעשטרענגט. מע היט די שפּיצן פון די שטיינער.

נאָר וואָס נענטער זיי קומען צו צו די שטיינער זעען זיי, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ טאָעס. ניטאָ גאָר קיין טשערעפּאַכע. בלויז די שוואַרצקייט און קרומלעכקייט פון די שטיינער־שפּיצן צוזאַמען מיט דער באַוועגלעכקייט פון דעם וואַסער אַרום די פעלזן האָט בײַ זיי, אומגעדולדיקע, באַשאַפן די אילוזיע פון טשערעפּאַכעס און זיי האָבן אַפילע קלוימערשט שוין געזען זייערע באַוועגונגען. מער פון אַלץ האָט דאָ געאַרבעט דער פּסיכישער צושטאַנד, בײַ זיי, דאָס אויג וואָס װיל זען, די טשערעפּאַכעס זײַנען ניטאָ. נאָר זיי, די קינדער מיטן רודערער, האָבן דאָך די באַשעפענישן שוין סיי ווי סיי געזען. געזען זיי מיטן אויג וואָס וויל זען...

— אַזוינס — האָט מײַן כאַווער ווײַטער גערעדט פאַרטראַכט.
— מער סטאַם אין דער נאַכט, ווי צו מיר — פּאַסירט אָפּט מיטן מענטשלעכן זען. אַלע לעבן דאָס דורך אין יעדן טאָג פון זייער לעבן. דאָס אויג וואָס וויל זען — איז פּונקט אַזוי לעבעדיק, אַקטיוו ווי דאָס אויג וואָס זעט. און עפּשער טאַקע נאָך אַקטיווער.
— אַ מענטש ליגט אַליין אַף אַ סאָפע. אַ זייגער קלאַפּט הינטערן קאָפּ. אויסער דעם זייגער — שטיל. די אויגן פון דעם מענטשן קוקן אַף דעם באַלקן. שוין צענדליקער מאָל האָט ער, דער מענטש, מיט זײַנע צוויי זעענדיקע אויגן, געקוקט צום באַלקן. און מיט־אַמאָל זעט ער גאַנץ דײַטלעך ווי אין אַ ווינקל איז אויסגעשניטן, אויסגעקריצן, אָדער אויסגעפּאַרבט, אויסגעמאָלן, אַ מענטשלעך פּאָנעם. דײַטלעכע געזיכטסצוגן, אַ נאָז, אַ מויל, אַ שטערן — —

פאַרוואונדערט הייבט ער אויף דעם קאָפּ און קוקט, און קוקט. ניט אויס מוירע, נאָר אויס נײַגעריקייט. אָבער ער זעט באַלד

איין, אז ער האָט געמאַכט אַ טאָעס. ניטאָ גאָר קיין געשטאַלט. נאָר אַ פּאָר ניט־געבונדענע שטריכן, ליניעס, וואָס האָבן זיך פּאָר אים פּלוצלונג ווי אַ פּאַנעם צונויפגעגאָסן. דאָס האָט ער געזען מיט דעם אויג וואָס וויל זען, מיט זיין פּסיכישן כּוש־האָריע... אַזוינס, געשטאַלטן־וויזיעס, פּאַסירט ניט זעלטן. אָט אַזוי קען אַ מענטש אַמאָל אויך דערזען די געשטאַלט פון אַ געשטאָרבענעם פריינט אין מיטן גאַס באַם באַגעגענען די קלענסטע ענלעכקייט, אָדער די געשטאַלט פון זיין מאַמען פון וועמען ער איז שוין לאַנג־לאַנג אָפּגעריסן געוואָרן.

דאָס אַלץ געהערט צום אויג — ניט וואָס זעט, נאָר וואָס וויל זען!

און אָט אַזוי קען אויך פּאַסירן פאַרקערט: דאָס אויג וואָס זעט — זעט עפּעס, די פינגער, די שעלוכים פון אויג, טאַפּן אַן. אָבער דאָס אויג וואָס וויל זען, זעט דאָ גאָרנישט ניט: פּוסט, לעער!!!

און אויסער דעם אַלעמען — האָט מיין כאַווער אומעטיקלעך געדערט, ווי צו זיך אַליין — **ניטאָ פיל וואָס איבערצונעמען זיך** מיטן אויג וואָס זעט. די ניט־זעעוודיקע וועלט, דאָס וואָס מיר זעען ניט מיט אונדזער אויג, איז אַ סאַך גרעסער פון דער זעעוודיקער וועלט. וואָס זעען מיר ביכלאַל?

מיין כאַווער האָט אַ ווײַלע געטראַכט. דערנאָך האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי אַן אָפּגעבריטער, און מיר גענומען קלאַפּן איבער דער פּלייצע:

— האָסטו דען ניט געהערט פון זינגער וואָס זיינען בלינד געוועזן? בלינד, שטאָק־פינצטער! דאָך האָבן זיי וואונדערלעכע געשטאַלטן געזען, אָט אַזוי ווי בעטהאָווען האָט וואונדערלעכע קלאַנגען געהערט כאָטש ער איז צום סאָף פון זיין לעבן טויב געוועזן. די קלאַנגען זיינען אין אים געווען. די געשטאַלטן זיינען אויך אין די בלינדע זינגער געווען און זיי האָבן זיי געזען מיטן אויג וואָס וויל זען.

— דאָס אויג וואָס וויל זען! — צי ווייסטו דאָס ניט, צי ווייסן דאָס דען ניט דיינע כאַווירים, אַז די מערסטע געשטאַלטן באַם פּאָעט קומען אַרויס פון וועלן זען און ניט פון זען? ווען

א פּאָעט זעצט זיך בּאַ זײַן טיש מיט זײַן פּעדער אין האַנט — זעט ער, אָדער ער וויל זען? נעם אַדראַבּע און קוק דורך אַ הונדערט לידער פון אַמאָל בּיז איצט, הער זיך צו גוט צו די רייד פון די פּאָעטן, בּליק טיף אַרײַן אין די געשטאַלטן זייערע און וועסט זען, אַז צום גרעסטן טייל איז עס ניט דאָס אויג וואָס זעט, נאָר דאָס אויג וואָס וויל זען. מע וואָלט עפּשער געקענט מאַכן אַזאַ צעטיילונג: אין פּראָזע איז מער אַקטיוו דאָס אויג וואָס זעט, און אין פּאָעזיע — דאָס אויג וואָס וויל זען. אַף אַזאַ אויפן פלעגט די שכינע, גאָטס קאָל, דאַמאָלסדיקע בּאַגריפן, פרעגן בּאַם פּאָעט־נאָווי:

— וואָס זעסטו? אייגנטלעך: וואָס ווילסטו זען? און דאָס פאָלקסליד האָט אין אָרעמען שטיבּל, אונטער דעם שווערן, פאַרוויכערטן בּאַלקן געזונגען צום קינד: — קום, איך וועל דיר ווייזן, טעפּעלעך מיט אייזן, שיסעלעך מיט גאָלד. קום, ווען זען, ווען סטו וועלן זען, אויבּ דו ווילסט נאָר זען...

— בּיסט גערעכט — האָבּ איך געזאָגט צו מײַן כאַווער.

— גערעכט — האָט מײַן כאַווער איראָניש געשמייכלט. — פונדעסטוועגן זאָלסטו זיך צייטנווייז אויך שטאַרק היטן פאַרן אויג וואָס וויל זען. דאָס בּאַהאַלטענע, אינערלעכע, פסיכיש אויג קען דיך אַזוי פיין פאַרפירן. פּאָעט קען זיך ניט אַלעמאָל פאַרלאָזן אַף דעם אויג וואָס זעט בּלויז, אָבּער ער קען זיך אויך ניט אַלעמאָל פאַרלאָזן אַף דעם אויג וואָס וויל זען. פאַראַן פּאָעטן וואָס זיינען אַזוי אַרײַן אין וויזיע, וואָס האָבּן אַזוי זיך אָפּגעגעבּן אין רעשוס פון דעם אויג וואָס וויל זען, וואָס האָבּן דערפירט זייערע בּאַלקן־געשטאַלטן צו אַזאַ מדרייגע, אַז זיי זיינען דערגאַנגען צו דער שוועל פון ספּיריטואַליזם. פּאָעטישע וויזיע איז בּאַ זיי געוואָרן: גייסטערהאַפטיקייט, געשפּענסטיקייט, ספּירי־טואַליזם. ספּיריטואַליסטישע סעאַנסן. פינגער קלאַפּן, ציינער קריצן, שוואַרצע ליכט בּרענען, און פון די ווינקלען רוקן זיך אַרויס טויטע געשטאַלטן מיט הענגענדיקע העלדזער, מיט אויסגע־גלאָצטע אויגן, מיט אויסגעקרומטע מיילער. און די פּאָעטן ציטערן, כמורען זיך, ציען אויס די ליפּן און פרעגן: העלדזער, מיילער —

זאָגט אונדז וואָס איז אונדזער מאַזל?... סעאַנס! אַרן אַף די פּלייצעס: „מת, מה שמך?"

פאַרבלענדעניש פון אויג וואָס וויל זען!

און אזוי — האָט מיין כאַוועד ווייטער גערעדט — זאָלסטו זיך אויך היטן פון פּאָעטישע שיידעס, פּאָעטישן אַבערגלויבן. פאַראַן פּאָעטן, וואָס אַ טויטער פויגל באַם שוועל איז בא זיי אַ בסורע־ראָע, אַ שלעכטער סימען; אַן איבערגעבראָכענער בוים באַם הויז — אַ שוואַרצער אָנזאָג, אַ היימלאָזע קאַץ, צוויי פינקל־דיקע אויגן אין דער נאַכט — אַ מיסטעריעזע געשעעניש. שיידעס קלאַפּן אין דעם דאַך פון זייערע לידער, שעפּסן רעדן ווי מענטשן, קעלבלעך פּאַטשן מיט פליגלען! פּאָעטישער אַבערגלויבן. היט זיך פון דעם. היט זיך אויך פון די פּאָעטן, וואָס זיינען ניט קיין לעוואָנע זינגער, נאָר לעוואָנע־גייער, נאַכט־וואַנדלער, היט זיך פון אַזאַ ליד, פון אַזאַ ריטם, פון אַזאַ טראָט. דאָס אַלץ זיינען די קרומע, פאַרגוזמעטע וועגן פון וויזיע, פון אויג וואָס וויל זען... דער אור־אינסטינקט פון פּאָעט איז ניט געקומען צו שרעקן. דאָס ליד איז שוין לאַנג אַוועק פון שפּרוך, פון קישעף, פון דער שיידעס וועלט. זיי זיינען אַמאָל עפּשער צוזאַמען געווען, נאָר שוין לאַנג ווי זייערע וועגן האָבן זיך איבערגעשניטן. גייסטער וועלן פאַר־שווינדן, זיינען פאַרשוואונדן, אין זייער רו אַריין, דאָס ליד וועט בלייבן, איז געבליבן, — ער, דער פּאָעט, דער מער־זעער, דאָס אויג וואָס וויל זען!

— אַ שטערן איז געפאַלן — האָב איך אַ זאָג געטאָן.

— יע, ביסט גערעכט, האָט מיין כאַוועד צוגעשמייכלט, אויך דאָס אויג וואָס זעט — זעט אַמאָל...

# די ערשטע שורע

די שטילקייט פֿון פֿאַרנאַכט צווישן בערג.  
אַ פֿאַרצאַמטע, איינגעראַמטע, איינגעהיילטע שטילקייט.  
איך שפּאַציר מיט מײַן כאַווער.

ער רעדט, איך כאַפּ אונטער און פֿון זײַן רעדן און פֿון מײַן אונטערכאַפּן קומט אַזוי אַרויס: —

— וואָס איז אַ ליד פֿון אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל שורעס? פֿאַלשקייט, צוגעשניטענע, צוגעמאָסטענע שטימונג. צייג מעסט מען מיטן אַרשין און אַ ליד מיט דער שורע. עכט? ניין. ניטאָ קיין עכט ליד! אופּריכטיק? וואָס הייסט אופּריכטיקייט אין אַ ליד ווען מער ווי איין איין שורע איז דער פּאָעט ניט עכט.

— ביסטו, שטאָטמענטש, אין בײַנאַשמאָשעם צווישן די בערג אַרײַנגעפֿאַלן און ס׳האָט זיך דיר, לעמאָשל, אַ טראַכט געטאָן:

— איך וועל זיך דאָ אָנעמען מיט אַ סאַך שטילקייט.

אַ שורע. וואָס נאָך? מער ניט! די שורע איז עכט. דאָס איז אַלץ וואָס ס׳איז מיר אַנטקעגן געקומען, אַלץ וואָס איך האָב זאָגן געוואָלט. דאַרף מען אָבער אַ ליד אָנשרײַבן, אַז ניט וועט דאָך דאָס די „צוקונפֿט" ניט דרוקן, אַז ניט וועט ש. ניגער קיין קריטיק ניט שרײַבן... ווערט אַ ליד! עי, פּאָעט, נעם זיך צו דײַן באַגאַזש! גראַם און האַלבּ־גראַם, טאָן און האַלבּ־טאָן! צעגיס זיך ווי אַ נאַכטיגאַל און צעשריי זיך ווי אַ לייבּ! גראַם: „שטילקייט" מיט „קילקייט", „גאָט" מיט „שטאָט" — — — פֿעלט אַ גראַם? זוך, זוך, גיי נאָכן אַלעף־בּיים... פּע, דער אַלטער גראַם! ווער מאָדערנער: גראַם: „בּערג" מיט „שטאָטישע מערק", נאָך מאָדערנער: „טאָלן" מיט „גאָנדאָלן"...

— גאָט צו דאַנקען, שוין דאָ אַ ליד! אָבער אַלץ וואָס איך, פּאָשעטער מענטש, און יעדער מענטש איז געוויינלעך מיט זיך אַליין פּאָשעט, האָב געוואָלט זאָגן, איז דאָך בּלויז געווען איין־און־איינציקע שורע: „איך וועל זיך דאָ אָנעמען מיט אַ סאַך שטילקייט" — און אַלץ וואָס איך גיב דערנאָך צו צו דער שורע, מאַכט ניט אויס צי אין שטיל־טפֿילעדיקן־טאָן, צי אַף דעם וויזיאָ־

נעריש־בילדערישן אויפן, איז צוגעטראכט, אויסגעטראכט, ליג, נעריש, אומעכט. **שורעם בלויז, שורעלעך, איין־אָטעם** — דאָס אַליץ, וואָס מע דאַרף שרייבן, אָנשרייבן.

עדגאַר אַללען פּאָו איז ניט גערעכט, אַז בלויז קורצע לידער זיינען לידער. ניין, יעדע ליד דאַרף רעדוצירט ווערן צו איין־און־איינציקער שורע, צו דער ע ר ש ט ע ר ש ו ר ע אויב מע וויל מיט אַן עמעם עכט זיין. — אָפּט און עס באַפאַלט אַ סינע צו לידער ביכלאַל. אין אַזאַ מינוט דערשיינט די דערציילונג פיל עכטער, פיל אופריכטיקער. מע באַשרייבט דאָרט עפּעס — אַ מענטש, אַ טיפּ; מע דערציילט, מע שילדערט, ס'איז עפּעס פאַראַן אין דעם מאַמאַשעסדיקס, אָרגאַנישעס. אָבער אַ ליד —

* * *

ס'ווערט פינצטערער אין די בערג. מיר שוויגן. איבער דער שטילקייט האָבן שטילע שטערן רעדן גענומען.

איך הייב אָן אָפּצופרעגן מיין כאַווער און זיך אַליין. איך רעד און ער כאַפּט אונטער, און פון מיין רעדן און פון זיין אונטערכאַפּן איז דערנאָך אַזוי אַרויסגעקומען:

— אַ שורע אַליין איז גאָרניט. אַ שורע, אַ פלוצלונגער אויפ־לייכט אין פּאָעטס האַרץ, איז אָבער ווי אַ בליץ, וואָס מאַכט ליכטיק אַלץ אַרום, ווייטע האָריזאָנטן, זאַכן וואָס זיינען אין פינצ־טערניש געלעגן; אַ שורע איז אַ בליץ וואָס דרינגט דורך דעם פּאָעט און באַהעלט איינדרוקן, זיכרוינעס, שטימונגען, זעונגען וואָס זיינען אין אים פון פריער פאַרהוילן געווען, באַהאַלטן. אַ שורע איז אַזוי ווי דער גין־גאָלדענער ווינשפינגערל וואָס ווען די פאַרשאָלטענע באַס־מאַלקע פון גור־אַריעס הייל האָט עס אָנגעטאָן האָט זי זיך פלוצלונג דערמאָנט ו ו ע ר ז י א י ז, פ ו ן ו ו א ־ נ ע ן ז י ק ו מ ט א ו ן ו ו ו ע ס ל י ג ט ד ע ר ו ו ע ג ו ו אָ ס ו ו ע ט ז י אַ ה י י מ פ י ר ן... איין־און־איינציקע שורע איז אָפּט פאַרן פּאָעט ווי אַ שעמאַמפּוירעש וואָס מ אַ כ ט ג אַ נ ץ צעריסענע אייוורים, פראַגמענטן, שטיקלעך, שפּליטערס...

דער פּאָעט גייט אין גאַס און זעט ווי אַ קאַר האָט אַ קינד אָפּ טויט צעדריקט. פאַרגלייזטע אייגעלעך, צעקרימטע ציינדעלעך.

מיטאמאָל:

— טרו־טרו — — הייזער בּרענען, פייערלעשער יאָגן, וואָלקנס־רויך געמישט מיט פייער צעטראָגן זיך איבער די דעכער.

איינדרוקן, שטימונגען.

אַף מאָרגן, ערשט דער פּאָעט דערזעט אַף האָוסטאָן סטריט אַ ציגיינערישע כאַסענע. אין מיטן שטאָט דער העפקערדיקער, מידבּערישער ציגיינער־ווינט. בּליציקע קליידער און בּליציקע אויגן.

וואָס האָט די ציגיינערשע כאַסענע צו טאָן מיטן צעדריקטן קינד? און די סרייפע און די מעהומע? דער פּאָעט פילט אַז פאַר אים האָט יאָ איינס מיטן צווייטן צו טאָן, וואָס אָבער, ווייסט ער נאָך ניט אַף קלאָר.

שטימונגען ניט אַרויסגעזאָגטע, איינדרוקן, צעטיילטע, צע־בּרעקלטע.

נאַכט. מיטאמאָל דערזעט דער פּאָעט אַ שטערן פאַלט פון הימל. אַ בּליץ! און ווי דורך קישעף הייבּט איין פריערדיקער איינדרוק זיך צורוקן צום צווייטן, איין שטימונג באַהעפט זיך אומבּאַוווסטזיניק מיט דער צווייטער, סע יירט, סע געבּוירט! ראַכמאָנעס, פּראָטעסט, צאַר, פרייד — בּילדער, מעטאַפאָרן, אַסאָציאַציעס; איינס צום צווייטן, ווי אַ וואַל נאָך וואַל צו אַ בּרעג יאָגן זיי; וויינט דער פּאָעט, רעדט ער צו זיך, האַלט אָפן די אויגן און — זינגט אַ ליד. אַלץ ווערט אים קלאָר, אַלץ קומט זיך צוזאַמען, אַלץ ווערט גאַנץ, פון פאַרשיידענע טיילן ווערט אַ נעפעש געבּוירן, אַ ליד — אַן אָרגאַניש בּאַשעפעניש! און אַלץ צוליבּ איין שורע, צוליבּ דער ערשטער, ניין, עפשער צוליבּ דער לעצטער שורע!

און דעריבּער —

ניט נאָר מעג אַ ליד בּאַשטיין פון מער ווי איין שורע און דאַך זיין עכט, נאָר עס מעג בּאַשטיין פון גאָר אַ סאַך פערזן, פון זיג־זאַגישן גאַנג און איבּערגאַנג, פון קלאַנג און נאָכקלאַנג, פון בּילד און אָפּבּילד, אַבּי עס זאָל גאַנץ זיין, אַזוי ווי אַ נעפעש, אַזוי ווי אַ קינד מיט הענט און מיט פּיס.

די בּאַנאַכטיקע שטילקייט פון ערד צווישן בּערג.

# האַרבסט

## 1

האַרבסט. איין מאָל האַרבסט, צוויי מאָל האַרבסט — פֿאַר־איאָרן, פֿאַרצווייאָרן. — — —

אָבער מיין כאַווער, קינדער־דערשראָקן און געבויגן ווי אַ זאַקן. האָט פּלוצלונג, ערשט היינט אַזוי ווי צום ערשטן מאָל דערפֿילט דעם רייעך פֿון האַרבסט, צום ערשטן מאָל דערשפּירט די אומפֿאַר־מיידלעכקייט פֿון האַרבסט און ער האָט זיך צוגעשאַרט צו מיר מיט אַזאַ שעמעוודיקער גרימאַסע, און מיר געגעבן צום לייענען:

דער האַרבסט שפּרייזט אום — אַף ביינערדיקע שטאָלצן
אַריבער מענטשן, ביימער, דעכער,
די זון וואָס האָט אין זומער־טעג פֿון נאַכעס זיך געשמאָלצן
זי שיינט און הייבט דעם ריז נאָך העכער,
האָט אופּגעשפּאָלטן ערד, געבענטשט די גראָזן,
און איצטער האָט זי זיי צום ווינט, צו כאַרעווקייט געלאָזן.
דער הימל,
וואָס האָט מיט ראַכמים זיך געהאַט צעצויגן
און האָט מיט בלאָקייט אָנגעפֿילט די לידער אונדזערע, די אויגן,
ער קוקט זיך איצטער טאָמעוואַטע אַרונטער,
און וואַרפֿט דורך גראָע וואָלקנדלעך מיט אַ קאַסאָקע אויגל,
ווי סע שטאַרבט דער לעצטער פֿויגל,
ווי אַלץ גייט אונטער...

*   *   *

מיין כאַווער האָט זיך אַ וויג געטאָן, זיך און זיין שאָטן, און אָנגעהויבן:

— שווער מיר, זייער שווער, זיך צוצוגעוויינען צום געדאַנק, אַז דיזעלבע האַנט וואָס בויט, אַז דיזעלבע האַנט דאַרף דאָס אופּגעבויטע דערנאָך אַליין צעשטערן: איך האָב אייביק געוואָלט זען אין אַלץ איין גאַנג — ווייטערגאַנג, אַרויסגאַנג, איבערגאַנג.

אָבער דאָ האָט אין די פּאָלנדיקע בלעטער, אין דער נאַקעטקייט פון די צווייגן, זיך פּלוצלונג אַנטפּלעקט פאַר מיר דער געזעץ פון צעשטערונג. צעשטער די בלעטער וועלן אַנדערע בליען; פאַר־טרייב דעם זומער וועט אַן אַנדערער קומען; צעשטער איין כּאַלעם וועט אַ צווייטער אופגיין; פאַרניכט איין אידעע וועט אַ צווייטע קומען; און אַזוי ווייטער: צעשטער איין קונסט, איין פאָרם, וועט אַ נייע זיך באַווייזן! קוידעם קאָל — צעשטער! צעשטערונג און פאַראַט אין אַלץ! און איך האָב געמיינט, אַז אין אַלץ זעט זיך טריישאַפט, גאַנג, ווייטערגאַנג —

מיין כּאַוועד איז אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב געלייענט דאָס ליד, געהערט זיינע רייד און — אויך געשוויגן.

2

איך האָב געלייענט „דאָס בוך פון מאַנעל”.
האַרבסטיקער כּאַוועד! האַרבסטיק בוך!
מאַנעל איז געווען אַ פּאַריזער פּראָסטיטוטקע.

מאַרסעל שוואָב איז געווען אַ פּאַריזער ייִד — געשטאַמט פון אַן אַסימילירטער יידישער קאָהן־פאַמיליע. איז געווען אַ גאַון, אַן עקזאָטישער טיפּ, ענלעך צו אַטאָ ווייניגנגערן. יידישקייט גע־מישט מיט גויישקייט — אַן גאַנצקייט, אָן טראַדיציע.

ווערט די מייסע אין זיין מערקווירדיקן „בוך פון מאַנעל” אַזוי דערציילט:

שוואָב האָט די פּראָסטיטוטקע אין אַ פּאַריזער רינשטאָק גע־טראָפן און האָט מיט איר געהייראַט. צוויי יאָר האָבן זיי געלעבט צוזאַמען און זי איז דערנאָך געשטאָרבן. דאַן האָט ער אָנגעשריבן זיין בוך.

די פּראָסטיטוטקע איז פאַר אים געווען אַן אָפּשטאַם, אַ גילגל פון דער פּראָסטיטוטקע בּאַ יעזוסן, פון דער גאַסנפרוי בּאַ נאַפּאָ־לעאָנען, בּאַ קווינסין, פּאַפּניוטוסן, אַ דיבוק פון יענער פּראָסטי־טוטקע וואָס איז דורך דווירעס אויסגעוועז בּאַ אַ סאַד־הייליקע. דורך איר דאַווקע האָט ער זיך געוואָלט לייטערן — זי און זיך: דורך איר דאַווקע — דערזען דאָס עמעסע ליכט פון ליבע.

אין זיין בוך זינגט ער און וויינט; ער בויט און צעשטערט: ער זוכט און הייסט ניט זוכן. זיין ליבע מיט דער פּראָסטיטוטקע איז בײַ אים אַ וועלט־אַנשויונג געוואָרן. ער צערייסט אַלע גרעניצן און אַלץ מישט זיך בײַ אים אויס צוזאַמען. לעבן און טויט ווערן איינס. ער דערציילט, ווי ער ליגט און רעדט מיט איר אין קייווער. ער פלאַנטערט זיך צווישן קעניגרייכן — שוואַרצע, בלוט־רויטע און ווייסע. קיין שליסל האָט ער ניט, צו קיין קעניגרייך ניט! ס'דערמאָנט אָן מעטערלינקס געוועזענע טויט־און־לעבן זעונגען פון יאָר 1900. מעטערלינק — בלאָ; שוואַב — ווייס, ניין — שוואַרץ. אויך שוואַב האָט אין יענער צייט זיינע ביכער געשריבן און איז ניט לאַנג שפּעטער (1905) געשטאָרבן.

אַ ווילסט בוך! און דאָך מאַניעט עס, ציט עס און באַצווינגט!

אַ ליבע אָן גרענעצן, אַ בוך — אָן גרענעצן.

מאַרסעל שוואָב קאַסט זיך ניט. ער וויל זיך ווייס־לייטערן און פּרעדיקט דערווייל די אידעע פון צעשטערונג. ער זוכט „אייביקן קעניגרייך" און פּרעדיקט די אידעע פון מאָמענט, ריכטיקער געזאָגט, פון פּאַראַט — די אידעע פון הארבסט!

ער קאַסט זיך ניט.

* * *

— ער קאַסט זיך ניט. אָבער דו, מיין כּאַוער, קאַס זיך, קאַס זיך! זיי בערויגעז אַף די „קאַסאַקע איינגעלעך" פון דעם הארבסט־הימל; זיי בערויגעז אַף דער זון וואָס האָט די גאַנצע וועלט פּאַראַטן. מיר, איך און דו, לאָמיר טריי בלייבן אונדזער טראַדיציע פון גרענעץ, פון פּאַנאַנדערטיילונג. די וועלט און אַ „יענע וועלט". טויט איז טויט און לעבן איז לעבן. זינד בלייבט זינד און ריינקייט בלייבט — טעהאַרע. דער מעס האָט מיטן לעבן מער גאָרניט צו טאָן. ניט פּאַראַט, נאָר צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכן — לעבן און טויט! צוויי גאַנץ באַזונדערע קויכעס. און דערווייל, דערווייל זינגט לעבן; ווייל וויפיל דער הארבסט, דער טויט, טויטעט ניט — בלייבט דאָך לעבן! אַזוי פיל לעבן!

# דער פּאָעט

מיין טיר עפנט זיך מיט אַ שטאַרקן ריס צו די ווענט, ווי פון אַ שטורמווינט, און מיין כּאַוועה, מיט אָפענע אויגן און צעעפנטע הענט לאָזט זיך אַריין און הייבט אָן שפּרינגנדיק צו רעדן צו מיר:

— ווער האָט דאָס געוואָגט דעם פּאָעט פליגלען אָנצוטאָן און אים באַל־כאַלוימעס אָנצורופן? דער פּאָעט — אַ מענטש, וואָס פליט אין די הימלען? פּאָעזיע — אַ ווייט־ווייטער לאַזור, אַן אויסגעבאַלעמטער הימל? ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אַז אַ פּאָעט האָט מוירע זיינע זעונגען, זיינע לידער, זאָלן זיך ניט אָנרירן אָן דער ערד?! ווי נאַריש, ווי לעכערלעך, ווי פאַלש!!

דער פּאָעט איז דאָך אַלעמאָל, פאַרקערט, גאָר געווען עלעמענ־טיש, מאַמאָשעסדיק, דער ערדישסטער! פּאָעזיע מיינט ניט: „די פּאָעזיע פון לעבן", נאָר: לעבן אַליין, קוואַל, אור־שפּרונג פון לעבן. אַ מענטש לעבט מיט אַ שטיקל לעבן, אָבער דער פּאָעט וויל דעם גאַנצן לעבן! אַ מענטש וווינט אין אַ ווינקל פון לעבן, אָבער דער פּאָעט וויל אַלע פיר ווינקלען פון לעבן! קאַמיש, זיי וואָס באַגנוגענען זיך מיט שיראַים פון לעבן האָבן דעם פּאָעט געמאַכט פאַר אַ הימל־מענטש. פאַר איינעם וואָס איז ווייט פון דער ערד!

— זע: אָט שטייען צוויי סלופּעס, איינס איז גרין — לעבן! דער צווייטער: שוואַרץ — טויט! פון סלופּ צו סלופּ הענגט אַ פּאָדעם, אויפן פּאָדעם קליינקייטן, שפּילצייג, בּרעקלעך, שיראַים. דער פּאָעט שפּרינגט, ווי דער גריכישער לעגענדאַרישער העלד, פון סלופּ צו סלופּ, ער שפּרינגט איבער די אַלע קליינקייטן אַריבער. אים קען מען מיט נאַשערייען און שפּילצייק ניט פאַרנאַרן. ער וויל דאָס גאַנצע לעבן, אַלץ: ער וויל יעדן לעבנספּונק פון באַ־העלטעניש אַרויסשלעפּן, ער רופט אַלעמען צום איקער פון לעבן, צו לעבן אַליין.

דאָס איז פּאָעט, דאָס איז פּאָעזיע.

דער מייסע־דערציילער אַמוזירט; דער לעגענדע־פלעכטער

בּאַרויקט, זאָגט צו: דער גייסטלעכער מאָלט אַ יענע וועלט. ניט דער פּאָעט! ער וויל — די וועלט! ער באַגנוגנט זיך ניט מיט אַמוזירן, מיט באַרויקן. — לעבן וויל ער, זויגן פון לעבן, ווי אַ קינד וואָס ליגט בּאַ דער מוטערס בּרוסט!

מיין כאַווער האָט אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער אַף פאַרבּייגייער און ווייטער געזאָגט:

— אָט גייען זיי, פאַרהאַוועטע, פאַרשמייעטע. זיי האָבּן קיין צייט ניט צו לעבּן! לייגן אַלץ אָפּ! אָרעמע, ווי ליבּ זיי האָבּן דאָס דעם פּאָעט! פאַרוואָס? ווייל דער פּאָעט איז זיי אַלעמאָל דער נאָענטסטער געווען. פּאָעט, דערנענטערער פון מענטש צו מענטש! ווייל אין אים האָבּן זיי געזען זייער לעבּן וואָס זיי דאַרפן לעבּן, ווייל זיי — מיר — האָבּן אין אים דעם רייעך. דעם טאַם און אַקשאָנעס פון לעבּן דערשפּירט. פריש איז זיין וואָרט, ליכטיק זיין רוף, הילכיק זיין אָטעם־צוק, ווי אַ שטראָם וואָס פאַלט פון שפּיץ בּאַרג אַראָפּ.

— האָסטו ווען געזען די דיכטער פון דער וועלט? — האָט מיין כאַווער זיגעריש אויסגערופן. — נעם און זע: ווו האָסטו נאָך אַזוי דעם רייעך פון פרויען־לייבּ, פון לייבּ ביכלאַל, דער־שמעקט ווי אין שיר־האַשירים? לייבּ וואָס בּליט, בּלוט וואָס לויפט. וואַרעמקייט וואָס יאָגט איבּער אַלע אייוורים — שליאָך פון לעבּן! זיינען דאָס עפּשער „הימלישע" געזאַנגען?... און ווו און איז וואָס האָסטו נאָך אַזאַ נאָענטקייט פון מענטש צו כאַיע, צו מידבּער. צו געיעג — און ליבּע, ווי אין די אַראַבּישע לידער? לייען די אַלט־יאַפּאַנישע לידער און פיל דעם גערוך פון בּליונג, פון פלי־סיקע בּעסאָמים, דעם נאָכעם פון בּליענדיקער ווייסקייט!

און ווער — פרעג איך — איז נאָך אַזוי נאָענט געווען צום אַלטעגלעכן טאָג, צו אַלץ וואָס קומט און רוט אָף דיין שוועל ווי דער כינעזער לי־פּאָ? ווי אַ צווייטער כינעזישער זינגער פאַ־טשו־אי?

געבּוירט פון מענטשן־פרייד! שפּראָצונג, וווקס פון גוף, בּלי פון נעשאָמע. טרויער — שאָטן פון פאַרגיין, פון טויט. ווער וואָגט אופצוהייבּן דעם דאָזיקן שאָטן פון דער ערד, אויבּ ניט דער

פּאָעט? שאָטן איז דאָך אויך לעבן, אונדזער לעבן! ווער האָט נאָך געקענט זיין אַזוי לעבעדיק־טרויעריק ווי כאַיאַם? ווער נאָך האָט אונדז איבערגעלאָזן אַזאַ לעבעדיק־מאָנענדיקן טרויער, ווי איעוו?

מענטשן גיין אַפּן בעסוילעם און פאַרשיטן דעם קייווער. וואַרפן גראָז, ווי מייסים, אַהינטער זיך. ניט אַזוי גרינג געזעגנט זיך דער פּאָעט מיטן טויט. דער פּאָעט וויל מיט אים קיינמאָל קיין שאָלעם ניט מאַכן און וועט קיינמאָל מיט אים קיין שאָלעם ניט מאַכן. דער פּאָעט רופט, מאָנט, האַלט זיך אָן לעבן מיט די נעגל אָן, האַלט איין דעם לעצטן פונק פון לעבן, דעם קלענסטן ניצעץ. און אים, דעם פּאָעט, דעם ערדישסטן, דעם וואַכיקסטן, האָבן דאָס מענטשן מיט אַ שמייכל צו די הימלען געשיקט, פליג־לען אָנגעטאָן, און אים אין בלאָ־אויסגעטרוימטע פּאַלאַצן אַריינ־געזעצט? ווי קאָמיש! מאָדנע, אַפילע זיי, די לעבנס־לוסטיקע און לעבנספעיקע גריכן האָבן דעם פּאָעט אַף אַ פּאַרנאַס־באַרג אַרופגעזעצט, נאָענט צו די געטער, נאָענט צום הימל! אויך זיי האָבן סאַף־קאָל־סאַף דעם פּאָעט, וואָס אָן ערד בלייבט ער אומ־מעכטיק, טויט, — אין אַ ניט־דאָיקן פייער־רייטוואָגן אַריינ־געזעצט!...

מיין כאַווער האָט גערעדט.

אַ מאַן מיט אַ גראָליכער באָרד איז פאַרן פענצטער פאַרביי־געגאַנגען.

— ער, — האָט מיין כאַווער זיך צעשמייכלט, — און אַלע וואָס הייבן אָן גראָ צו ווערן, הייבן, געוויינלעך, אויך אָן צו לאַכן פון פּאָעזיע. ס'איז בלויז אַ שפּילצייג פאַר קינדער, זאָגן זיי. ער, און אַלע ווי ער, מיינען אַז אין זייער אָנהויב פון אַלטקייט זיינען זיי קלוגער, טיפער, פאַרשטענדיקער געוואָרן. אַנדערע מיינען: ניכטער געוואָרן. ניין, ניט צוליב ניכטערקייט, און ניט צוליב קלוגשאַפט קערן זיך עלטערע לייט אָפּ פון פּאָעזיע, נאָר גאָר צוליב אַנאַנדער זאַך. יוגנט ווערט אַמשטאַרקסטן פאַרכאַפּט פון פּאָעזיע, פון דיכטער, ווייל יוגנט לעבט, ווייל יוגנט וויל אויך דאָס גאַנצע לעבן, ווייל יוגנט יירט, שוימט, רייסט זיך ווי אַ כוואַליע צום ברעג,

— אָפּגעשטויסן און צוריקגעקומען!... אין די עלטערע יאָרן אָבער גיבן זיך די מערסטע מענטשן אונטער, זיי לעבן שוין ניט אויף, נאָר זיי לעבן אָפּ די געבליבענע טעג, זיי לעבן מיט ברעקלעך לעבן. זיי הייבן באַצייטנס אָן אין די הימלען, אין „יענער וועלט" צו שוועבן. אָבער ער, דער פּאָעט שרעקט זיך ניט פאַר גראָקייט און בלייבט אַלץ אָף דער ערד. דער פּאָעט גייט מיט געטריי מיט יעדן, שפּעטסטן טאָג אפילע; דער פּאָעט שטייט אָף דער ערד לענגער פון יעדן, דער פּאָעט האַלט אָן די יוגנט, ווייל זי איינהאַלטן, לענגער פון אַלעמען...

מיין כאַווער איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן און האָט באַלד אָנגע־הויבן מיט אַ שטילן, נאָכדענקנדיקן טאָן:

— ווייסטו ווער עס פליט יע אין די הימלען? ווייסטו ווער עס רייסט זיך יע אָפּ פון דער ערד? דאָס זיינען די אַסקעטן. די רעליגיעזע כאַפּער, די מיסטיקער און צום סאָף, די מערסטע אידעאַ־ליסטען. מאַכמעד האָט דעם אַראַבישן פּאָעט פון דער ערד אַוועקגעפירט און אַזוי אויך יעזוס, אַפילע קאָנפוציוס, און מוישע ראַביינע, און מאַשיעך, דער געקומענער און ניט־געקו־מענער; דער רעוואָליוציאָנער און דער אידעאַליסט. זיי אַלע קעמפן פאַר אידעאַלן, לעבן פאַר אידעען. זיי ווילן אַ טאַבלעס אריינפירן אין לעבן — אַזוי ווויל איז צו זיי. ס'קומט זיי געוויס די מיזרעך־וואַנט אין אַן יען־וועלטיגן גאַנײַדן! דער פּאָעט אָבער איז ניט דאָווקע קיין אויסרופער פון ווייטע הימלישע אידעאַלן, ניט ווייל אידעאַלן טויגן ניט, נאָר ווייל דער פּאָעט איז דער זייער היינטיק, רוט אָף דער ערד, האָט מוירע אַ מינוט לעבן צו פאַרפעלן. שפּילט צולעהאַכים מיטן טויט און זעט פאַר זיך נאָר די צוויי הויפּט־סלופּעס פון לעבן — פרייד פון זיין, און טרויער פון פאַרגיין. דער פּאָעט איז געראָטן אין יענער געשטאַלט וואָס הייבט זיך אַרויס פון דאַנטעס געהענעמדיקן יאַם פון בלוט און שרייט:

— איך וויל לעבן! לעבן וויל איך!...

מיין כאַווער איז שטיל געבליבן. איך בין געזעסן באַם טיש און געשריבן...

# אין שאטן פון טויט

בא מיינעם א פריינט, א פאעט, איז געשטארבן א קינד, א מיידעלע, ער האט געוויינט, און איך האב מיטגעוויינט. זיין פאנעם איז געווען פארשטיינערט און איך בין לעם אים אן ווערטער געזעסן. ער האט דערציילט פון זיין קינד און איך האב געהערט און געטרערט. ער האט געשמייכלט גרימאסיק און מיין פלייצע באריירט. איך בין געווען שרעקלעך צעבראכן.

אין עטלעכע טעג ארום האב איך אנגעשריבן א ליד, א לעוואיע־ליד, א קלאג־ליד. איך האב עס געשריבן זייענדיק איינגאנצן נאך באהערשט פון דעם אומגליק. איך האב דאך דאס מיידעלע מיט די בלאע אייגעלעך אזוי גוט, אזוי נאענט געקענט!

לידער זיינען מיר דאך אזוי נאענט. ס'איז מיר אמאל נאענט געווען דער ניגן פון בעסמעדרעש, דער ניגן איבער דער געמארע, האב איך יענעם ניגן, דעם טאם פון יענעם ניגן, אף ליד פארביטן. אבער דאווקע דורך מיין גוט־געמיינטן און אויסגעוויינטן ליד אף דעם טויט פון דעם ליכטיק־אויגיק קינד האב איך זיך פאר מיין ליד, פאר ליד ביכלאל, פארשעמט, א בושע דערפילט; דערשפירט א בעזאיען, שיער ניט, ווי א יינגל, ועמען מע האט פלוצלונג מיט א גנייווע בא דער האנט געכאפט.

ס'איז אזוי געווען. דאס ליד איז געדרוקט געווארן. דער טאטע, דער אוול, האט עס פון דער זייט, קרומלעך דורכגעבליקט, גארנישט ניט געזאגט. אף מיינע אלטעגלעכע, געוויינלעכע רייד וועגן זיין מיידעלע, אף מיינע דערמאנונגען, טרייסט־ווערטער, מיטגעפיל־ווערטער האט ער מיר געענטפערט, אבער ניט אף מיין ליד. ער האט געוואלט איך זאל רעדן צו אים וואס מער פון מיידעלע, אבער וועגן ליד האט ער געשוויגן. איך בין געזעסן לעם אים און זיך געפילט געבונדן. איך בין דאך אזוי צוגעוויינט אים צו פרעגן: — ווי געפעלט אייך מיין ליד? — אבער: ווי קען איך אים דאס פרעגן וועגן דעם איצטיקן ליד, וועגן ליד איבער זיין טויטער מיידעלע!!

איך האָב קלאָר געפילט: זיין ווייטיק איז דאָך אַזוי גרויס און ווי קען איך וועגן ליד רעדן? און געוויס קען איך אַפילע ניט אָנען וועגן ליד אין איר קענגוואָרט — זי, די מאַמע, וואָס איז פון דעם אומגליק אַזוי צעשויבערט געבליבן.

קלאָר און פּאַשעט. און דאָך האָב איך זיך דערפילט פאַר־שעמט. איך בין עפּעס געוווּיר געוואָרן.

איך בין געוווּיר געוואָרן אין אַנזיכט פון אַווייַלעס, אַז אַ ליד איז אין טאָך — מער פון אַלץ — ריטם, וואָרט־שפּיל: גרים, גראַם; קונץ, פאַרעם און איז ניט, ווי מיר האָט זיך אַלע מאָל געדוכט, האַרץ פון ווייטיק, מיטלפּונקט פון אינעווייניקסטן ווייַ, אופשניט פון לייַב, בלוט אַליין! ... איך האָב דערפילט אַז ליד, אונדזער היינטיק ליד, אַלנפאַלס, איז באַזינגעריי, באַגלייטעריי, גלאָקן־קלאַנג צו אַ לעוואַיע, אָבער ניט די לעוואַיע אַליין... טראָמפּייט־שאַל צו אַ קריג, אָבער ניט קריג אַליין: געשריי, הוראַ פון קאַמף, אָבער ניט קאַמף אַליין...

געשרייען:

— פּאַשטעס, גיט אונדז פּאַשטעס!
— דירעקטקייט, באַזינגט דאָס לעבן.
— עקספּערימענט! מאַכט נייע פּרוּוון!
— פּאַרטיפּטקייט, גיט אונדז גרויסן פאַרנעם.
— עמעסדיקייט! שטילקייט!
— דער טאָן, יענער טאָן.

אָבער וואָס איז, טראַכט זיך מיר, די פּעולע, אַז דאָס טויטע מיידעלע מיט די פאַרמאַכטע אייגעלעך איז אַלץ עמעסער, לעבע־דיקער אַפילע פון אַלע אונדזערע לידער! וואָס טויג דאָס מיר אַלץ, אַ ליד איז מיר פּלוצלונג אַ יווּרעד געוואָרן!

אַנטקעגן איר טויט־פּענעמל וואָס בלייַבט אונדז? אַלע זיינען מיר יאַרדים.

מאַני לייבס ליד — קאַקעטעריי בלויז, בלישטשנדיקע נעגל.
לייוויקס לידער — באַלזאַמירטע צוגעפּוצטע ברעמען!
פּעפּערס הענט־פּליאַסקעריי! און אַזוי קעסיידער...

די ריכטונג, צי יענע ריכטונג: דאָס לאַנד, יענע לאַנד: די פאָרם, יענע פאָרם. — כאַוויירים, ווי אָבער קענען מיר צוריק צום אור־קוואַל גיין! ווי זאָלן מיר צוריק צום פּרימיטיוו קומען: צום סאַמע האַרץ צוריק דערנענטערן זיך: צום אור־אור ווייטיק, צו זיך אַליין, ווי זאָלן מיר זיך צוריק צו שיישעס יעמיי בערײשים אומקערן? איך זאָג: „צוריק”, ווייל פון דאָרט זיינען מיר דאָך מיסטאָמע אמאָל אַרויס!... ווי קענען מיר מאַכן אַז אונדזער ליד זאָל כאָטש ניט זיין קלענער, ליגנערישער פון דעם פּאַשעטן, ניט געשליפענעם וואָרט, וואָס מיר רעדן אַרויס אַף אַ לעוואָיע?

ליד — העכער פון לעבן? לעבן אַליין? וואָס זאָלן מיר טאָן, אַז ליד זאָל כאָטש ווערן אַ ט י י ל פון לעבן?

מיין אָוולדיקער כאַווער!

און איך האָב געמיינט אַז ליד — דאָס איז דאָס עכטסטע. דער עסענץ, דער רוח אלהים, דער „יהי אור”!

נאָך דער לעוואָיע פון דער קליין מיידעלע האָב איך זיך גאָר געדאַרפט באַהאַלטן מיט מיין ליד.

# איך בין מעקאנע

יעסעניז. —

איך לעז זיינע לידער און אין הארץ בא מיר וואקסט אויס א ברענענדיקע קינע צו אים.

איך בין אים ניט מעקאנע זיינע אויצרעס אימאזשן, וואס זיינען פריש, און וואונדערליך, (כאטש ער קאקעטירט שוין אביסל צופיל מיט זיי).

איך בין אים ניט מעקאנע זיין סטיל וואס איז פראסט און ספאנטאן, (כאטש דא און דארט כאפ איך זיך, אז ער וויל מיך, בעקיוון אין את דער פראסטקייט און אומגעהובלעוועטקייט ארייננארן — — — ).

איך בין אים ניט מעקאנע זיין פארם, וואס איז אי פאלקס־טימלעך־ווארעם, אי פריש און ניי, (כאטש דא און דארט דער־גייט עס ביז באנאליטעט — — ).

איך בין אים ניט מעקאנע זיין טויט, (זיין לעצט ליד וואס ער האט אזוי סענסאציאנעל מיטן בלוט פון זיין לינקער האנט גע־שריבן, ווען ער האט זיך די אדערן אין האנט אופגעשניטן און דער־נאך זיך געהאנגען).

איך בין אים ניט מעקאנע זיין העפקער־לעבן, (א העפקער, וואס את באדויערט ער דאס, און את שטאלצירט ער מיט דעם).

נאר מעקאנע, ווילד מעקאנע בין איך אים פאר דעם גערוך פון דער ערד, וואס ער האט מיט זיך געבראכט, פאר דעם „אסיענ־דיקן האניק“, פאר די „ראזקייט פון דיין וואסער“. — — — —

איך בין אים מעקאנע פאר זיין דירעקטקייט מיט וועלכער ער גייט צו צו זיין שטימונג, צו זיין געפיל.

איך בין אים מעקאנע פאר דעם „רויך פון ווייסע עפל“ וואס ער האט איבער דער צעבעראבאנעוועטער, מאיאקאווסקישער מאסקווע פארשפרייט.

כוליגאן־פאעט! ווי שמעקט דאס זיין האבער, שעפעדיקער זאט, וואס ער האט אין די שטיינערנע מאסקווער גאסן פארזייט!

אויב ס'איז עמעס וואָס דער פּייטן זאָגט אַז „אדם יסודו מעפר"
איז עס אָבער דאָך נאָך צען מאָל עמעסער וואָס יעסענין זאָגט, אַז
„דאָס ליד — דער פּאָעט — קומט פון דער ערד"! —
ערד פון ערד, און וואַקס פון וואַקס.

* * *

איך קער זיך אום מיטן פּאָנעם צו זיך:

אונדזער וואָרט, אונדזער „זשידאָווסקן", (ווי יעסענין האָט אַזוי קאָקעטיש־כוליגאַניש זיך ליב געהאַט אויסצודריקן) קענען מיר דעם גערוך פון דער ערד ניט ברענגען; בײַ אונדז איז ערד נאָך אַלץ בלויז קאָלאָניזאַציע, הילפס־אַרבעט. און אַז מיר ווילן, אָדער ז ײ נ ע ן שוין יע פּאָעטן און וואָרעם, ווערט אָט די פּאָעטקייט און די וואָרעמקייט פאַרוואַנדלט בײַ אונדז אין רייזענשע מאָטיוון, וואָס ווי ליב זיי זאָלן אונדז ניט זײַן, בלײַבן זיי אַלץ בלויז אַ לאָקערן איבער פינף, זעקס, זיבן אָדער אַכט פון ערד אַרומגעוואַשענע, אָפּגעוואַשענע, אָפּגעשאָבענע קאַרטאָפליעס...

איך בין מעקאַנע יעסענינען. אַפילע אונדזערע פּאָעטסטע אינטימסטע ליריקער — דינער, נאָענטער געפיל, וואַרעמער גע־זאַנג — בלײַבן אַלץ אַבסטראַקט קעגן אים.

זײַן נענטסטער כאַווער בײַ אונדז, מאַני לייב, זינגט אויך פון פעלד און שנײַ, אָבער אַ שנײַ איז דאָס בלויז וואָס מע זעט דורכן פענצטער, ס'איז גיכער אַ דערמאָנען זיך אָן שנײַ, ווי שנײַ אַליין.

און דעם וואַרשעווער ייסראָעל שטערנס היי שמעקט מיט „האָספּיטאָל"...

און ר. לודוויגס ערד פון „אַזוי דאַרף זײַן", וואָס איז אייגנט־לעך ניט ערד, נאָר אַ וועלן זיך באַפרײַען פון ערדישקייט.

און כאַים קרול — אַדראַבע, גיי געפין בײַ אים אַ שטיקל ערד!

און ז. ווײַנפּערס ערד איז דאָך בלויז אַ ערד אַזאַ, וועגן וועל־כער ער האָט געהערט, אַז „ערגעץ איז אַ לאַנד פאַראַן"...

און אַזוי ווײַטער און ווײַטער.

פון אונדזערע י י ד י ש ע דיכטער, („יידישע" אין דעם זין

פון פילאָזאָפישער ליריק, פיוט, ביבלישקייט, כאַכמע, איראָניע, עוויען־רעזיגנאַציע, פּאַטאָס, טרערן, קלאָג על גלות השכינה. בענקשאַפט נאָך ערד — ווי באַ וועמען.) , ליעסין, ראָזנפעלד, יעהויאַש, מעניאַכעם, האַלפּערן, לייוויק, לאַפּין, איינהאָרן, לאַנדוי (אַ, ווי לאַנדוי וויל ניט זיין יידיש!...), ניסנזאָן, גלאַטשטיין, א. בערגער, לעיעלעס, י. י. שוואַרץ, ראָלניק, לוצקי, ראַוויטש, מאַרקיש, האַפּשטיין, קוויטקאָ, — איז דאָך שוין אָפּגערעדט — —

און בער האָראַוויץ האָט דעם ביסל ערד, (וואָס איז באַ אים אין אַלגעמיין בלויז געניג געווען די אויגן צו פאַרדעקן...) שוין אויך פאַרלוירן.

און עפראַים אויערבאַך האָט זיך אויך שוין לאַנג אויסגעערדיקט אין „שאַרפער בלאָקייט פון דיינע אויגן".

בלייבט כאַריק און פעפער — —

אָבער אַלץ וואָס מיר האָבן דערוויל פון זיי ע ר ד י ש ע ס ביז יאָר 1930 — איז — וואָס איינער הייסט „איזי" און דער צווייטער „איציק"— דאָס איז פאַרלייפיק די איינציקע ע ר ד י ש־ ק י י ט, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט.

דאָ און דאָרט קען מע באַ זיי, און באַ אַנדערע, יע געפינען אַן אָפּקלאַנג, אַן אָפּלערנונג, פון יעסעניס וועגן, אָבער דאָס איז מער אַן אָפּקלאַנג פון יעסעניניזם, ווי יעסענין. דאָס איז צום גרעסטן טייל אַ ניצעץ פון יעסענינס העפקערדיקייט און ניט פון יעסענינס ערד.

* * *

איך ווענד זיך צו יעסענינען און זאָג:

— יעסענין!

דיינע אימאַזשן, בילדער, סטיל און פאָרעם, קורץ: דיין ט אַ ל אַ נ ט בין איך דיר ניט מעקאַנע — טאַלאַנטן, עפשער אַזוינע גרויסע ווי דו, האָבן מיר אויך באַ אונדז.

נאָר דיין ערד־פייכטקייט, דיין שפּראָץ־פרישקייט, דיין ערד־גערוך, דאָס בין איך דיר זייער מעקאַנע.

מיט אַ געפיל פון אומעט און קינע קוק איך אָף דיינע לידער.

און עפשער זאָל איך דיר ניט מעקאַנע זיין ; עפשער האָבן מיר אַנשטאָט דעם „רייעך פון דער ערד“ אַנאַנדער רייעך, דעם רייעך, דעם גערוך פון גייסט, פון זעלישער געפליגלטקייט, פון כאָלעם וואָס שוועבט איבער דער ערד —

עפשער קען איך איבערכאַזערן דיינע רייד, וואָס דו זאָגסט ערגעץ אין דיינעם אַ ליד, אַז „די אויגן דערזעענדיק די ערד זיינען גאָר אין אַנאַנדער ערד פאַרליבט“. — —

עפשער האָבן מיר דאָס אָט די אַנדערע ערד...

עפשער.

# בּ. די שייכעס פון ווארט צו ווארט

# אריינפיר

אין דער דיסקוסיע וואָס האָט זיך ווידער אַמאָל געהאַט אויפגעהויבן און געצויגן אין דער ליטעראַטור דורך די לעצטע יאָרן וועגן דעם: צי דער גראַם אין ליד איז נייטיק, צי ניט, — אין דערדאָזיקער דיסקוסיע איז די גאַנצע פראַגע, דוכט מיר, אין אַלגעמיין געשטעלט געוואָרן צו אויבערפלעכלעך.

לויט אַ טייל דיסקוטאַנטן איז אויסגעקומען, אַז גראַם אין ליד איז בלויז די „אויסגעלערנטע מעלאָכע פון דער פּאָעטישער מאַסטערסקאַיאַ", דער מעכאַנישער טייל פון פּאָעט'ס אַרבעט, העכסטנס — אַ קינסטלעכער אָרנאַמענט.

און לויט אַ טייל פּאַרטייאידיקער פון גראַם איז אויסגעקומען, אַז דער גראַם איז אַ מיטל „עס זאָל גוט קלינגען".

אַנדערע האָבן אָנגעוויזן דאָס גראַם איז אייגנטלעך אַ נייע זאַך, אַז „איראָפּעיִשע דערפינדונג", און אַז אַמאָל, גאָר אַמאָל, זיינען קיין גראַמען אין ליד ניט געווען. מע האָט דערביי אָנגעוויזן אויף דער אַלטער ענציקלאָפּעדישער דערקלערונג, דאָס גראַם איז ערשט אין פערטן יאָרהונדערט פון דער נייער צייט־רעכענונג, אָדער העכסטנס אין צוויטן יאָרהונדערט, איינגעפירט געוואָרן פון אַ אויבער־מאָנאַך פאַר די לאַנגע לאַטיינישע טפילעס, קעדיי די מאָנאַכן זאָלן קענען די פסוקים בעסער געדענקען. ווי באַקאַנט ווערט אויך אין די קינדער־שולן די איינכאַזערונג פון געגראַמטע שורעס הויפּטזעכלעך געטאָן צוליב זיקאָרן... („דער גראַם איז הויפּטזעכלעך פאַרן זיקאָרן" — דאָס האָט נאָך טעניסאָן געזאָגט).

אָבער דאָס איז נאָך ווייט ניט אַלץ. עפּשער קען מען דורך גראַם טאַקע בעסער געדענקען אַ ליד; עפּשער דאַרף מען טאַקע זיין געיבט צו קענען „כאַפּן אַ גראַם", און דער קלאַנג, דער גלייכקלאַנג פון צוויי ווערטער, שפּילט געווים אַ ראָליע אין דעם גראַם. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ צוליב וואָס דער גראַם איז דאָ אין דער מענטשלעכער שפּראַך און אין ליד.

גראַם האָט צו טאָן — ווי איך וועל שפּעטער פּרווון באַווייזן — מיט פיל טיפערע וואָרצלען פון וואָרט און שפּראַך. די גאַנצע

זאַך איז אַ סאַך מער קאָמפּליצירט, ווי עס קען זיך דוכטן אויפן ערשטן בליק. די אַנטשטייונג פון גראַם אין שפּראַך איז זייער אַלט און האָט צו טאָן מיט דער שאַפונג פון שפּראַך ביכלאַל און מיט די אינערלעכע שייכעס פון איין וואָרט צום צווייטן.

איך באַצוועק מיט דער פאָלגנדיקער אַרבעט ניט אַזוי אויפצוטרעטן ווי אַ פאַרטיידיקער פון גראַם, נאָר הויפּטזעכלעך אָנצוּווייזן וואָס גראַם איז, ווען ער איז דאָ, און וואָס ער דאַרף זיין.

אָבער פריער אַ פּאָר ווערטער וועגן דער שייכעס פון וואָרט צו וואָרט אין אַלגעמיין.

---

## 1. וואָרט און בילד.

דער פּאָעט זוכט דאָס וואָרט ניט ווי אַ מיטל צו באַצייכענען, צו באַטיטלען אַ זאַך, נאָר פאַרצושטעלן די זאַך גופא. דער פּאָעט זוכט דאָס עקזאַקטע וואָרט, קעדיי אין דער היינטיקער שפּראַך, פאַרכאַפּט פון די היינטיקע, רייכע, ברייט־פאַרצווייגטע שפּראַך־מיטלען, ניט צו פאַרלירן און איינצוהאַלטן די בילדלעכקייט פון אַמאָל, ווען בילד אויסגעקריצט אויף שטיין, איז מענטשלעכע שפּראַך געווען, ווען די היראָגליפן־געשטאַלטן אויף דער וואַנט, זיינען שורעס געווען. פּאָעט זוכט צו געפינען, צו שאַפן אין וואָרט די אַמאָליקע בילדלעכקייט. וואָרט איז דאָך ניט לעקסיקאַניש, עספּעראַנטאָ־מעסיק געבוירן געוואָרן. וואָרט איז דאָך ניט ציפער (כאָטש אויך אין ציפער האָט מען אַמאָל, די קאַבאַליסטן און אַנדערע פּאָעטן־מיסטיקער, געזען לעבעדיקע געשטאַלטן). אין וואָרט איז דאָ אינערלעכער ריטם. אין דעם קלאַנג פון די אויסיעס, אין דער פּאָעטישער קאָמבינירונג פון די זילבן, זיינען אויסיעס־ווייז פאַרבאָרגן: רויש פון וואַסערפאַל, צישען פון פייער, שאָרשקען פון בלעטער, זשומען פון פליג, טאַקט פון טריט, מאָנאָטאָנישקייט פון רעגן־פאַל, — פאַרבילדלעכונג פון דער באַוועגונג אין דעם מענטשן און פון אַלץ אַרום דעם מענטשן. יעדעס ניי וואָרט איז פאַר דעם אַמאָליקן מענטשן געווען אַ נייע וויזיע, אַ פּאָעטישע דערפינדונג. „ווערטער — האָט געזאָגט קאָנפוציוס — דאַרפן

געמאַכט ווערן צו פּאַסן זאַכן". יעדעס וואָרט איז: — באַגריף, איבערלעבונג, זין, דערפאַרונג. יעדעס וואָרט איז ליד געוועזן. מענטש איז פון וואָרט צו וואָרט, ווי פון וועג צו וועג געגאַנגען, פון שטאַפּל צו שטאַפּל.

דער פּאָעט לייגט צו דעם אויער צו יעדן וואָרט, ווי יענער גריכישער מיטאָלאָגישער העלד האָט זיין אויער צו דער ערד צוגעלייגט צו הערן דעם גאַנג פון דער וועלט... יעדעס וואָרט איז גאַנג, יעדעס וואָרט האָט קלאַנג און נאָכקלאַנג; וואָרט שטייט ניט אָפּגעריסן, אַליין, נאָר עס האָט קרויווים אין דער שפּראַך, — ווערטער וואָס זיינען צוזאַמען אין איין ספערע, אין איין עיגול פון מענטשלעכע איבערלעבונגען געבוירן געוואָרן. קרויווים — אויך ניואַנסן, עכאָס. דורך דעם גאַנג פון דוירעס, דורך דעם אָנוווקס פון נייע און נייע זאַכן, דורך אַלערליי באָוועלדיקייטן פון דער שפּראַך־אַנטוויקלונג און שפּראַך־אויסטויש, דורך אַלערליי וואַנדלונגען און איבערוואַנדלונגען פון דיאַלעקט צו דיאַלעקט, האָט וואָרט פון וואָרט זיך אָפּגעפרעמדט, האָט וואָרט זיין זאַך — און אָפּט אויך זין פאַרלוירן, — פאַרזשאַרגאָניזירט געוואָרן. נעמט דער פּאָעט אַף זיך די שווערע מאַסע אַלטע וואָרט־קרויווע־שאַפטן אָפּזוכן, צום שוירעש־באַגריף צוצוקומען, אָפּזוכן און דער־ביי אויך נייע קרויוועשאַפטן צו שאַפן. נייעם זין אין וואָרט צו שאַפן. שפּראַך צו שאַפן. ניי־וואָרט מיט אַלט־וואָרט מיסכאַטן צו זיין. נייע פאַרבינדונגען צו דערגרייכן, — ניי־בילד, ניי־געשטאַלט.

דער פּאָעט איז ניט צופרידן מיט דעם „נאָמען" פון וואָרט אַליין, מיט דעם סאַכאַקל און אויך ניט מיט דער זאַך אַליין. וואָרים וואָרט איז ניט נאָר מיט דער גאַשמיעסדיקייט פון אַ זאַך פאַרבונדן, נאָר אויך מיט דעם זין פון וואָרט און מיט דער שייכעס צו אַ אַנדערע ווערטער און איבערלעבונגען. מיט דער שייכעס צו אַ גאַנצער ריי זאַכן, און בעמיילע צו אַ גאַנצער ריי ווערטער.*

דער פּאָעט דאַרף אָבער, זוכנדיק זין־שייכעס, זיך היטן ניט

* וועגן שייכעס פון וואָרט צו וואָרט איז דעם ליכט פון די נייסטע פאַר־שונגען פון לינגוויסטיק און פּסיכאָלאָגיע, — זע ל. לערער'ס בוך: "די פּסיכאָלאָגיע פון ליטעראַטור". זייט 13־27.

אָפּגעריסן צו ווערן פון דער זאַך אוים מוירע פאַר גאַשמיעסדיקייט.

דער פּאָעט זוכט וואָרט און ער זוכט די שייכעס פון איין וואָרט צום צווייטן שייכעס פון באַגריף און שייכעס פון קלאַנג, אַפילע שייכעס פון אויסזען. ניט אַלע מאָל געלינגט אים אַקוראַט אַ ניי וואָרט צו שאַפן — שאַפט ער נייע שייכעס, ווייל יעדע נייע שייכעס פון וואָרט צו וואָרט איז שוין, אין זיך אַליין, אַ ניי־וואָרט. (ראַלף וואַלדא עמערסאָן אין זיין עסיי: „דער פּאָעט און די נאַטור").

און אַז שוין יע אַ ניי וואָרט, דאַרף דער אופטו, דער געווינס, ניט ליגן אין דער נייקייט פון וואָרט, נאָר אין דער נייער שייכעס וואָס דער פּאָעט קען דאָ אַרויסקישעפן פון דעם וואָרט צו אַנדערע ווערטער און אים — דעם נייעם וואָרט — צו העלפן פאַרוואָרצלען זיך אין דער שפּראַך.

דער פּאָעט האָט היינט־צו־טאָג אַ שווערע אופגאַבע אַף זיך. ווייט אַוועק פון שוירעש, אין אויסגעמיש פון זאַכן, אין ניכטער־קייט פון וועלט און מענטש, אין אַ צייט פון בלויז צוזאַמענ־ריידן זיך — ווי שווער איז דאָס פאַר אים אין וואָרט זיך פאַר־טיפן, אופזוכן זיין אינערלעכן ריטם, נאָכקלאַנג, אויסדרוק — ניט נאָר רייד — צו געבן, שאַלעם צו מאַכן צווישן איין וואָרט און אַ צווייטן, בינדן, צוזאַמענבינדן, איינצוהאַלטן די כשיוועס פון וואָרט, אופצוזוכן די בילד און באַגריף שייכעס פון איין וואָרט צו אַנדערע ווערטער.

דאָס איז אַ גאַנץ שווערע אופגאַבע פאַרן פּאָעט. אָבער ער איז ניט דער איינציקער שאַפנדיקער קויעך וואָס זוכט הויפּט־זעכלעך שייכעסן. וואָס איז קונסט ביכלאַל אויב ניט דאָס זוכן די שייכעסן פון מענטש צו מיטמענטש און צו דער נאַטור? די שייכעסן פון מענטש צו פאַרב, צו קלאַנג, צו זון, צו נאַכט, צו שניי, צו שאָטן, צום קענגנעשלעכט, צו ערד און אַלץ וואָס איז צעשפּרייט אַף דער ערד!

און ניט נאָר קונסט אַליין. אויך די פילאָזאָפיע און וויסנ־שאַפט גיבן זיך דאַך הויפּטזעכלעך אָפּ מיט זוכן שייכעסן פון די קויכעס אין וועלט־אַל פון איין קויעך צום צווייטן, די שייכעסן פון דער ראַד־אין־ראַד באַוועגלעכקייט אין דעם אוניווערס: פון די

ווירקונגען און באַווירקונגען אין דער וועלט פֿון איין זאַך אַף דער צווייטער. איינשטיין, צום ביישפּיל, רעכנט און כעשבנט ניט נאָר צו דערגרייכן דעם מאַטעמאַטישן סאַכאַקל, נאָר דורכן סאַכאַקל צו דערכאַפּן, צו דערגרייכן דעם יעש פֿון דער וועלט, דעם טאַמצים, די אינערלעכע שייכעסן.

* * *

דער פּאָעט, דער וואָרט־שאַפער, האָט זיך זיינע מיטלען, זיינע קיילעם, מיט וועלכע ער לאָזט זיך אין וועג אַריין צו זוכן וואָרט און שייכעס פֿון וואָרט צו וואָרט.

אייניקע פֿון די מיטלען זיינען: ריטם, העכערונג און נידע־רונג פֿון קאָל, קלאַנג־מאָס, בילד און זאַכלעכקייט. דאָס אַלץ ליגט אומעטום צעשפּרייט, דאָס אַלץ איז דאָך פֿאַראַן אין דעם מענטשלעכן לאָשן. נאָר דער פּאָעט דאַרף דאָס דערהערן, אויפֿ־כאַפּן, רייניקן, אויסרייסן ווילדע וואָרצלען, אָרומשאָבן, אָרומ־וואַשן און עפּשער אויך פֿאַרפּוצן. אין דער מענטשלעכער טאָג־טעגלעכער שפּראַך זיינען פֿאַראַן די אַלע פֿערז־מאָסן, מיט וועלכע דיכטער באַנוצן זיך. אַ מאַמע שרייט אַף איר קינד: „גיי אַוועק!" איז עס דען ניט קיין אַנאַפּעסט? אָדער: „ס'וועט דיר ניט העלפֿן קיין וויינען!" דאָס איז דאָך אַ דאַקטיל. און ווידער אַמאָל אַ זאַץ פֿון דערזעלביקער מאַמען: „אהער גיי, נו. זעץ זיך!" איז עס דען ניט קיין אַמפֿיבראַך? אָדער, צוויי יינגלעך רעדן: „ווו גייסטו?" (אַמפֿיבראַך — מיט דעם אַקצענ־טירונג אַף דער מיטלסטער זילבע) און דער צווייטער ענטפֿערט: „איך גיי אין גאַס". (יאַמב — מיט דער אַקצענטירונג אַף צוויי־טער זילבע.).

און אַזוי קעסיידער אין פּראָסט־פּאָשעטע געשפּרעכן צווישן מענטשן.

די אַלע מוזיקאַלישע מאָסן מיט וועלכע דיכטער באַנוצן זיך זיינען, אַלזאָ, שוין דאָ פֿאַרטיקע אין פּאָשעטע מענטשלעכע רייד. און אַנדערש וואָלט עס ניט געטויגט. אז ניט, וואָלט דאָך דער פּאָעטישער קלאַנג געווען אויסגעטראַכט, ניט גענומען פֿון מענטש־לעכן האַרץ און בלוט־ריטם. אַלץ איז דאָ נאָר דער פּאָעט דאַרף

דאָס אַלץ צונויפנעמען, אַרויסכאַפּן פון דער צעפּלאָסנקייט און אוועקשטעלן: אָט איז עס! . . .

און דאָסזעלבע איז אויך מיטן גראַם.

גראַם, אַזוי ווי ריטם, ווי פּערז־מאָס, העכערונג און נידערונג פון קאָל, איז אויך פאַרוואָרצלט טיף אין דער מענטשלעכער שפּראַך און אין דער אַנטוויקלונג פון שפּראַך. גראַם, די נייגונג צום גראַם, האָט פיל אופגעטאָן פאַר דעם וווקס פון שפּראַך, פאַר דער צעמענטירונג און פאַרפעסטיקונג פון שייכעסן אין דער שפּראַך, שייכעסן, באַגריף־פאַרבינדונגען צווישן וואָרט און וואָרט.

איך האָב אין אָנהויב פון דעם אַרטיקל געזאָגט, אַז די דיסקוסיע וועגן גראַם האָט זיך „ווידער אַמאָל אָנגעהויבן און אויסגעקעמפט געוואָרן אין אונדזערע טעג". „ווידער אַמאָל" — ווייל דאָס איז ניט קיין נייע דיסקוסיע. שוין פיל מאָל איז אין דער ליטעראַטור געפירט געוואָרן אַ מילכאָמע אַרום גראַם. הויפּטזעכלעך נעמען זיך די אַלע מילכאָמעס און דער רעוואָלט וואָס ברעכט אויס פון צייט צו צייט קעגן גראַם פון דעם, וואָס גראַם דערשיינט ווי אַ צאַם, ווי אַ שפּראַך־געדער און מע וויל זיך פון צאַם באַפרייען. אויך נעמט זיך דאָס פון דעם וואָס גראַמען פון אַ געוויסן פּעריאָד אין אַ ליטעראַטור, פון אַ געוויסער סוויווע, הייבן אָן צו ווערן אַ שאַבלאָן באַ די איבערכאַזערער פון דעם. ס'ווערט אַ גראַם־שטראַם־קולט, און אַ קאַמף קעגן דעם איז אַלע מאָל זייער גוט. וואָרים ווען קונסט הייבט אָן אין שאַפן צו ווערן מעלאָכע, סטערעאָטיפּ, קלישע — דאַן דאַרף דאָס אויסגעוואָרצלט ווערן.

ווען מע האָט אַמאָל געפרעגט באַם ענגלישן דיכטער פּאָופּ פאַרוואָס ער האָט איבערגעזעצט האָמער אין גראַמען און ניט אין בלאַנקן פערז, ווי עס איז אין גריכישן אָריגינאַל, האָט ער געענטפערט: „מיר איז גרינגער צו שרייבן אין גראַם".

אָט די „גרינגערקייט" טויג ניט. דאָס ווערט שוין אַ מעכאַנישקייט, מעלאָכע. קעגן דעם דאַרף מע קעמפן.

אָבער דער גוטער גראַם קומט צוריק. ער קומט צוריק אַז אָפּגעפרישטער, אַ באַנייטער. און ער מוז קומען, ווייל ער ליגט טיף פאַרוואָרצלט אין דער מענטשלעכער שפּראַך און אין דעם

פּאָעטישן אויסדרוק. דאָס מיינט ניט אַז לידער קענען גאָר ניט געשריבן ווערן אָן גראַמען. ניין, אַ סך לידער זיינען און ווערן איצט געשריבן אָן גראַמען. געוויס קען מען דורך ריטם אַליין, אַפילו אָן פּערז־מאָס, דערהייבן וואָרט צו ליד. אָבער דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט די שפּראַך־מאַלעס וואָס קומען אַרויס פון גראַמען, פון גוטע גראַמען, פון פּאָעטיש־געשאַפענע גראַמען, ווען גראַם באַווייזט זיך יע, ווי אַ שאַפונגס־מעדיום.

## 2. ווי אַלט איז דער גראַם?

ס'איז אינטערעסאַנט קוידעמקאָל צו געפינען אַן ענטפער אויף דער פראַגע: ווי אַלט איז דער גראַם?

אין דעם האָבן אַ סך גרויסע טאָעסן געמאַכט. און אַפילו געלערנטע האָבן פאַרגרייזט. איך ברענג דאָ אייניקע מעקוי־רים, וואָס איך האָב נאָכגעזוכט.

דער ליטעראַטור־פּראָפעסאָר פרענק ריטשי, האָט באַהאַנדלענ־דיק דידאָזיקע פראַגע אין דעם ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל: „לאָנגמענ'ס מעגעזין" (פון יאָר 1900, לאָנדאָן) גע־שריבן:

— „דער גראַם קען זיך ניט איבערנעמען מיט קיין צו גרויסער אַלטקייט. דער שטענדיקער צוטראָף פון גלייכע קלאַנגען אין דער טערמינאַציע פון לאַטייניש ווערב און הויפּט־וואָרט האָט אומפאַרמיידלעך געבראַכט דעם גראַם און דאָס האָט גענומען באַנוצט ווערן אַרום דעם 4טן יאָרהונדערט".

שפּעטער אין דעמזעלביקן אַרטיקל זאָגט פּראָפעסאָר ריטשי אַז: „דער גראַם איז דער אַממערסטן מעכאַנישער טייל פון פּאָעט'ס שאַפן".

אין דער „ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ" ווערט וועגן דעם גראַם אַזוי געזאָגט:

— „גראַם איז אַ מין אָרנאַמענט. דאָס איז קימאַט געווען אומבאַקאַנט צו די אַלטע פּאָעטן. אויב מע טרעפט דאָ און דאָרטן אַ גראַם אין די קלאַסישע ווערק פון די גריכיש־לאַטיינישע פּאָעטן, איז דאָס געוויס בלויז אַ צופעליקייט. באַוווסטזיניקער גראַם

געהער צו דער מיטלאַלטערלעכער עפּאָכע פון דער מאַנאַכן־ליטע־ראַטור. גראַם געפעלט דעם אויער צוליב גלייך־קלאַנג. אַליטעראַציע איז געווען אין דער מאָדע באַם אָנהייב פון דער מאָדערנער ליטע־ראַטור. דאַן איז דער אַסאָנאַנס געקומען (שפּאַניען). גאַלאָכים האָבן געמאַכט טפילעס אין גראַמען קעדיי מע זאָל זיי קענען געדענקען. אין 4טן יאָרהונדערט האָבן זיך באַוויזן רעליגיעזע טפילעס מיט גראַמען. נאָך דעם 14טן יאָרהונדערט איז דער גראַם געוואָרן אַלוועלטלעך, אויסער אין שפּאַניען, ווו דער אַסאָנאַנס האָט געהערשט".

אַלזאָ: „אָרנאַמענט", „צופעליקייט", מאַנאַכן־ליטעראַטור — דער פערטער יאָרהונדערט!

אָבער דידאַזיקע האַשאָרעס ווערן אָפּגעפרעגט פון לינגוויסטן, און אָריענטאַלישע פאָרשער.

דער לינגוויסט־פאָרשער פרענסיס אסבערי וווד האָט אַ לענגערע אַרבעט וועגן וואָרט־שאַפונג אין די וויסנשאַפטלעכע העפטן: „אינדאָ־גערמאַנישע פאָרשונגען" (דייטשלאַנד־אַמעריקע, 1907). ער רעדט דאָרט אייגנטלעך ניט דירעקט וועגן גראַם, צי וועגן פּאָעטיק, נאָר וועגן דער אַנטשטייונג פון וואָרט ביכלאַל. אָבער גלייכצייטיק האָב איך דאָרט געפונען וויכטיקע פאַקטן, וואָס האָבן פאַרפעסטיקט מיין מיינונג, וואָס איך האָב נאָך פריער געהאַט, אַז גראַם וואָרצלט טיפער אין דער שפּראַך, פיל טיפער ווי אין דער „מעכאַנישקייט פון דעם פּאָעט'ס מעלאָכע". ה' ווּוד רעדט דאָרט וועגן ווערטער וואָס זיינען „ג ע ב ו י ר ן ג ע ו ו א ָ ר ן צ ו ז א ַ מ ע ן," אין גרופּן, און ווי אַזוי זיי זיינען דערנאָך אָפּגע־ריסן געוואָרן איינס פון צווייטן. ער רעדט דאָרט וועגן אַ גאַנצער ריי ווערטער וואָס זיינען אופגעבויט געוואָרן פון דיזעלביקע קאָנסאָנאַנטן, כאָטש זיי געהערן צו אַנדערע שוירעש־קוואַלן. „דער גראַם — זאָגט ער דאָרט — ה א ָ ט ג ע ה א ַ ט א ַ ק א ָ ל א ָ ־ ס א ַ ל ע ו ו י ר ק ו נ ג א ָ ף ד ע ר א ַ נ ט ו ו י ק ל ו נ ג פ ו ן ד י א י נ ד א ָ ־ א י י ר א ָ פ ּ ע י ש ע ש פ ּ ר א ַ כ ן".

עס איז דאָ „רילעישאָן", זאָגט ער, פאַרוואַנדשאַפט פון וואָרט צו וואָרט. אַנדערע שטאַמען אָפּ פון איין פרימיטיווער באַזע; אַנדערע זיינען זיך צונויפגעקומען, האָבן זיך באַגעגנט, אָף דעם

וועג פון דער דיאַלעקטן־אַנטוויקלונג; אַנדערע האָבן זיך שפּראַכ־
לעך געזוכט צו אַסימילירן איינס אין צווייטן און זיינען דערווייל
גלייך געוואָרן, ענלעך אין קלאַנג. „דער גראַם־עלעמענט — זאָגט
ער — איז געווען זייער אַקטיוו, זייער ווירקזאַם, אין דער פאָר־
מירונג און אַנטשטייונג פון נייע ווערטער".

דאָ זעט זיך גלייך אַרויס, לויט די פאָרשונגען פון דעם קענער
פון די אינדאָ־אייראָפּעישע שפּראַכן, אַז גראַם וואָרצלט טיף אין דער
שפּראַך, אַז די נייגונג צום גראַם האָט אין זיך אַ שעפערישן קויעך
און שטאַמט אַ סאַך פריער ווי פון פערטן יאָרהונדערט.

דער פאָרשער ברייטערט זיך אויס אין דערדאָזיקער טעמע און
ברענגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז עס זיינען דאָ: „גראַם־ווערטער"
און „גראַם־געדאַנקען". דער קלאַנג עלעמענט קען בלויז זיין
די אויסערלעכע שייכעס פון וואָרט צו וואָרט, אָבער עס איז אָפט
דאָ אַ אינעווייניקסטער, וואָס ער רופט אָן: „גראַם־געדאַנק".
דאָס איז זייער אינערלעכע פאַרבינדונג און שייכעס. ער זאָגט
ווייטער:

— „פאָרשונגען באַווייזן, אַז אויב ווערטער זיינען
זיך צונויפגעפאַלן אין געדאַנק האָבן זיי
אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ זיך צו אַסימי־
לירן אויך אין דער פאָרם, אויב זיי זיינען
נאָר עטוואָס געווען גלייך און ענלעך באַ
זייער פּרימיטיווער באַזע. און אָט אַזוי —
באַטאָנט ער — זיינען געבוירן ריכטיקע וואָרט־
גראַמען".

אין איין שטעלע פון זיין אַרבעט וועגן דעם, זאָגט ער: —
„גלייך־קלאַנג אַליין קען אָבער אַמאָל צוליב אַנטוויקלונג פון
דיאַלעקטן בלויז האָבן אַ צופעליקע שייכעס. דאָס טויג ניט.
עמעסער גראַם האָט אַ טיפערע שייכעס".

אויך דער פאָרשער פון פסיכאָלאָגיע, ד. ה. סטעטסאָן, שרייבט
אין דעם זשורנאַל: „פסיכאָלאָגישע רעוויו" (באָלטימאָר, 1903,
אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק באָלדווין און האָוואַרד וואָררען),
אַז גראַם וואָרצלט טיף אין דער פסיכאָלאָגיע פון דעם וואָרט.
לויט אים האָט גראַם, ווי ריטם, צו טאָן מיט דעם פסיכאָ־פיזישן

צושטאַנד פֿון מענטשן אין אַלגעמיין, מיט דער נייגונג פֿון מענטשן צו איבערכאַזערונגען. גראַם, זאָגט ער, „איז אָדער אַן איבער־כאַזערונג פֿון דעם וואָס איז פֿאַרביי, אָדער פֿון דעם וואָס קומט".

דאָס אַלץ, ווי עס איז צו זען, האָט, אַלזאָ, גאָר ניט צו טאָן, ניט מיט די מאָנאַכן און ניט מיט די טרוקענע, לאַנגע, לאַטיינישע טפּילעם... די האַשאָרע, אַז „גראַם קען זיך ניט איבערנעמען מיט קיין גרויסער אַלטקייט", איז דעריבער ניט ריכטיק.

גראַם וואָרצלט טיף אין דער שפּראַך. ווען אָבער האָט זיך דאָס באַוויזן אין דער ליטעראַטור, אין דער פּאָעזיע? לאָמיר זען ווייטער:

אין דער „ענציקלאָפּעדיע סיניקאַ" שרייבט אין איר עסיי די פֿאַרשערן, פּרופֿ׳ ס. קולינג:

— „די כינעזישע פּאָעזיע הייבט זיך אָן מיט די אָדעס פֿון דעם שי־קינג־בוך, 305 אין צאָל. קאָנפֿוציוס האָט זיי צונויפֿ־געקליבן. אַ סאַך שטאַמען אָפּ פֿון דעם גרויסן: „יו", גרינדער פֿון דער הזיאַ־דינאַסטיע, 2205 יאָר פֿאַר קריסטוסעס געבורט. דאָס זיינען קורצע באַלאַדן מיט פֿיר־ווערטערדיקע שורעס און ק י מ א ט א ל ע  ג ע ג ר א מ ט. שפּעטער פֿון קאָנפֿוציוסן אָן ביזן צווייטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוסעס־געבורט, איז דער כאַראַקטער פֿון דער פּאָעזיע אין כינע שוין געווען אַן אַנדערער. און דער גראַם איז זעלטן גענוצט געוואָרן. אָבער פֿריער איז ער געווען איקערדיק".

אין דער אַנטאָלאָגיע פֿון דער אָריענטאַלישער פּאָעזיע שרייבט די אַמעריקאַנער דיכטערן און שרייבערן יונים טיעטזשענס:

— „אין דער גאָר אַלטער פּאָעזיע פֿון אינדיען איז דער גראַם ניט גענוצט געוואָרן. אָבער דאָס ווערט יע גענוצט און אַנט־וויקלט צוויי הונדערט יאָר פֿאַר קריסטוסעס געבורט".

אַזוי זיינען אויך געווען גראַמען, אַ סאַך גראַמען, אין דער אַלטער פּערזישער פּאָעזיע.

די אַראַבישע שפּראַך, באַמערקט יונים טעיטזשענס, איז, ווי עס שיינט, קוואַנטיטיווער ווי די ענגלישע שפּראַך און האָט אַ סאַך גראַמען. אין גאָר אַלטע אָדן איז דאָ איינציקער גראַם, גראַמען מיט איין קלאַנג. אַנטוויקלט איז דער גראַם אין אַראַבישן געוואָרן אַרום פֿינף הונדערט יאָר נאָך קריסטוסעס געבורט.

אין דעם יאַפּאַנישן ליד איז ניטאָ קיין גראַם, ווייל יעדעס וואָרט אין יאַפּאַנישן ענדיקט זיך מיט אַ וואָקאַל, און אינגאַנצן זיינען דאָ אין דער שפּראַך פינף וואָקאַלן. דאָ אַנטוויקלט זיך די קורצע שורע. אַ שורע, וואָס האָט אַ ספּעציעלן ריטם, און אַ גלייכן זיך־איבערכאַזערדיגן ריטם.

אין דער עגיפּטישער ליטעראַטור האָט געהערשט דער פּאַראַלעליזם. אַזוי אויך אין די אַמאָליקע אַשור־באַוועל־געזאַנגען. אַזוי אויך אין כינעזיש, אין טאַנאַך.

און וואָס איז פּאַראַלעליזם?

דאָס איז אַ איבערכאַזערונג פון דערזעלבער שורע מיט עטוואָס אַנדערע ווערטער, אַקצענטירונג פון באַגריף, פאַרדאָפּלטקייט פון בילד. אַ מין ברייטערער „געדאַנק־גראַם“, ווי לעמאָשל אַזאַ אַלט־העברעישער פּאַראַלעליזם:

עדה און צלה, הערט צו מיין שטים!
למך'ס ווייבער, פאַרנעמט מיין זאָג!

דערדאָזיקער פּאַראַלעליזם פון אַמאָל איז דאָך אייגנטלעך אויך דאָ אין דער היינטיקער פּאָעזיע אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס. ער איז אַריבערגענומען געוואָרן אין דער איצטיקער פּאָעזיע אַלץ צוליב דעם, וואָס דאָס פּאָעטישע וואָרט האָט אַ טענדענץ צו אַקצענטירונג, איבערכאַזערונג. אַזוי אויך דער גראַם. ער איז פון אַמאָל — מיט איבערהיפּונגען — אַריבערגענומען געוואָרן אין דער מאָדערנער פּאָעזיע.

און צו דעם אַלעמען שטעלט זיך אַרויס, אַז אין דער אַלט־העברעישער פּאָעזיע איז אויך דירעקט דאָ דער גראַם.* מיר האָבן דערפון צוויי שפּורן אין דער ביבל. אינעם געזאַנג פון „נעקאָמע“ ענדיקן זיך די ערשטע פיר פערזן מיטן זעלביקן קלאַנג:

עדה וצלה שמען קולי,
נשי למך. האזנה אמרתי.
כי איש הרגתי לפצעי.
וילד לחברתי.

* זע „ביבלישע געזאַנגען“, פון כאַים שויס, 1916, נויאָרק, מיט אַ פאָרעדע פון דר. כאַים זשיטלאָווסקי.

נאָך שטאַרקער און געדיכטער זיינען די גראַמען אין דעם שפּאָט־ליד פון די פלישטים איבער שימשוינען:

נתן אלהינו בידנו את אויבנו,
ואת מחריב ארצנו,
ואשר הרבה את חללינו.

פינף ווערטער ענדיקן זיך דאָ מיטן קלאַנג: „נו", וואָס איז געוויס ניט קיין צופאַל.

דערביי דאַרף מען געדענקען פאָלגנדעס: אַ סאַך אַלטע שפּראַכן, דיאַלעקטן, זיינען דאָך היינט פאַרשטומט. מיר ווייסן ניט זייער קלאַנג, ווי די ווערטער האָבן געקלונגען, ווייל קיינער רעדט זיי ניט (ווי אַסיראָ־באַבילאָניש, אַלט־עגיפּטיש, און נאָך). געלערנטע, ווען זיי קענען זיך אַפילו פאַנאַנדערקלייבן אין די היעראָגליפן, ווייסן זיי נאָך אַלץ ניט ווי די ווערטער האָבן געקלונגען אין מענטשלעכן מויל. זיי ווייסן בלויז דעם באַדייט, דעם טייטש פון די אויסקריצונגען, אָבער ניט זייער קלאַנג. ס'איז דעריבער גאַנץ מעגלעך אַז די געזאַנג־אויסקריצונגען פון אַסיראָ־באַבילאָניען, וואָס מע האָט געפונען מיט טעלעכע יאָר צוריק, (אַגעוו, די עלטסטע מענטשלעכע שריפט, וואָס מע האָט געפונען ביז איצט) האָבן אין לעבעדיקן מויל יע געקלונגען מיט גלייך־קלאַנג, און האָבן אויך אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ צו גראַם. געלערנטע זעען איין, אַז די אויסקריצונגען שטייען אין אַ געוויסן סיידער, וואָס ווייזט, אַז זיי זיינען פערזן, און האָבן אַ געוויסע מאָס, אַ געוויסן ריטם־באַלאַנס.

* * *

פון דעם אַלעמען וואָס ס'איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן איז צו זען פאָלגנדעס וועגן דער אַלטקייט פון גראַם אין דער ליטעראַטור: דער גראַם איז געווען אין דער כינעזישער ליטעראַטור נאָך מיט איבער צוויי טויזנט יאָר פאַר דער מאָדערנער צייט־רעכענונג, איז געווען אין אַלט־פּערזישן, איז געווען אין אינדישן אַ צוויי הונדערט יאָר פאַר דער מאָדערנער צייט־רעכענונג, איז געווען אין גאָר אַלטע אַראַבישע אָדן, אין אַלט־העברעיִשער ליטעראַטור און ווי עס שיינט אויך אין דער אַלט־עגיפּטישער און אַסיראָ־באַבילאָנישער.

דער גראַם, אַלזאָ, איז זייער אַלט, וואָרצלט טיף אין מענטש־לעכן וואָרט־אויסדרוק און האָט אין זיך אַ סאַך מער וואָג, ווי די „ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ" און ווי אַנדערע מיינען. גראַם איז מער ווי „אָרנאַמענט", אַלנפאַלס, ער דאַרף זיין מער ווי בלויז אָרנאַמענט.

* * *

איך האָב געלייענט און געהערט דאָ און דאָרט, אַז „גראַם העלפֿט דעם זיקאָרן". איך האָב געלייענט, אַז מילטאָן האָט גע־האַסט דעם גראַם. „דזשאָנגלעריי" האָט ער דאָס גערופֿן. איך האָב געלייענט, אַז „גראַם איז דער מעכאַנישער טייל" פֿון פּאָעט'ס אַרבעט. האָב איך זיך געטראַכט: קען דאָס זיין?

די שפּראַך איז פֿול מיט גראַמען־קלאַנגען. אונזער שפּראַך און אַנדערע שפּראַכן. קינדער הויבן אָן רעדן, שפּילן זיך אין גראַם. דאָס פֿאָלק זינגט אין גראַם. שפּריכווערטער לייגן זיך אויס אין גראַמען. קען דען זיין אַז גראַם האָט בלויז אַן אויס־גערעכנטן, אוטיליטאַרישן ווערט? אַז גראַם, ווען מע פֿאַר־טיידיקט אים, קען בלויז פֿאַרטיידיקט ווערן אויס נוצלעכקייט?

כ'האָב דערפֿילט, אַז גראַם האָט אַ טיפֿערן זין. אַז גראַם קומט פֿון אַן אינסטינקטיוון כוש. אַז גראַם איז גראָד דער היפּעך פֿון דזשאָנגלעריי, און טאָר אין דזשאָנגלעריי ניט אַריינפֿאַלן, ווען מע זאָל באַנעמען דעם עמעסן זין פֿון דעם.

און איך פֿריי זיך, וואָס נאָך אַ לאַנגן שטודירן די פֿראַגע האָב איך אויסגעפֿונען, אַז עס הערשן אַ סאַך טאָעסן אין פֿאַרבינדונג מיט די אָנגענומענע מיינונגען וועגן גראַם. סיי וועגן דעם ווי אַלט דער גראַם איז און סיי וועגן די נוצן פֿון דעם גראַם. דאָס איז איינס פֿון די שפּראַך־אַטריבוטן, שפּראַך־אייגנשאַפֿטן.

אַמאָל, אין יאָר 1603, איז אין ענגלאַנד געפֿאָכטן געוואָרן אַ גרויסער קאַמף אַרום גראַם. טאָמאַס קעמפּיאָן איז דאַן אַרויס־געטראָטן מיט אַן אַטאַקע קעגן גראַם.

דאָס איז געווען אין די עליזאַבעטישע צייטן, ווען מע האָט געבאַלעשט נאָכצופֿאָלגן דעם וועג פֿון די „כאַכאָמים" (די גריכישע און לאַטיינישע פּאָעטן־געלערנטע). אין זיין בראָשור: „באַטראַכ־

טונגען וועגן דער קונסט אין דער ענגלישער פּאָעזיע", האָט ער געשריבן: „דער גראַם אין ליד איז וואולגאַר, באַרבאַריש".

דער דיכטער־שריפטשטעלער סעמיועל דעניעל איז דאַן אַרויס־געקומען מיט אַ פאַרטיידיקונג פון דעם גראַם און ער האָט גע־ענטפערט:

— „די אַלגעמיינע געוווינהייט, דערשיינונג און געברויך פון גראַם אין אונדזער רייך איז אַזוי אַלט און עקזיסטירט אַזוי לאַנג, ווי עס וואָלט געקומען אַלס אַ מאַטאַנע פון דער מענטשלעכער נאַטור. געוווינהייט, טעווע, איז גרעסער פון אַלע געזעצן, נאַטור — איבער אַלע קונסטן. יע, באַרבאַרן האָבן עס גענוצט, ציווי־ליזירטע געברויכן עס — דאָס באַווייזט נאָר ווי נאַטירלעך דאָס איז. ווי אַלגעמיין. פאַראַן ווערטער וואָס גייען אין דער שפּראַך ווי פּאַרלעך. וואָרט פּליסט, גראַם האַלט אָפּ".

און אַ מער מאָדערנע פאַרטיידיקונג פון גראַם איז מיר אויס־געקומען צו לייענען באַם ליטעראַרישן קריטיקער עדוואַרד סאַפּיר אין דעם „קווינס קוואָרטערלי" (טאָראָנטאָ, יאַנואַר, 1920). ער האָט געשריבן:

— „גאָט־געגעבענער גראַם, ווי איינהייט פון פאָרם און אינהאַלט איז אַ זעלטנהייט. אָבער ווען דאָס געשעט איז עס אַ וואונדער פון יעצירע. עפּשער קען מע דאָס בלויז זאָגן וועגן די בעסטע שאַפונגען פון בוירנס און היינע. דער פּאָעט איז אָפּט געצוווּנגען צו זוכן אַ גראַם, ווי איינער וואָס דאַרף דערפילן אַ שעליכעס. ער דאַרף עפּעס וויכטיקס אויסזוכן, דערגרייכן, דער־פינדן. און קומט עס — ווי גרויס איז די פרייד! דער עמעסער פּאָעט, אָדער אין דער צייט ווען דער פּאָעט איז אין זיין עמעס־דיקייט, טרעט אָפּ פון געמאַכטן, פון מעכאַנישן גראַם. געמאַכטע גראַמען קען מע געפינען באַ מעיספּיעלדן אין אונדזער צייט, באַ פּאוּפן אַמאָל, און באַ אַ סאַך אַנדערע. גראַם דאַרף זיך באַווייזן באַ אַ פּאָעט ווי אַ דערגרייכונג און ניט ווי אַ קונץ. ס'איז נאַטיר־לעך ביטער ווען אַ פּאָעט כאַפּט אַ וואָרט פאַרן קאָלנער און שלעפּט אים בלויז צוליב וואָרט־קלאַנג צו אַ גראַם... אין דער מאָדערנער אַמעריקאַנער פּאָעזיע האָט ראָבערט פראָסט באַוויזן צו זיין שעפּע־ריש אין גראַמען, כאָטש ער האָט נאָך קיין נייע ווערטער זיך ניט

געיאָגט. ער האָט אָבער געפונען נייע שייכעסן צווישן וואָרט און וואָרט. האָט דערנענטערט בילד צו בילד, און דורך גראַם האָט ער דאָס בילד, די געשטאַלט, שאַרפער געמאַכט. גראַם האָט געהאַט אין דער שפּראַך באַם פאָלק און דאַרף האָבן באַם אינדי־ווידיום, באַם פּאָעט, אַן ענדעקונגס־וואָרט״ *

און אַט אַזוי דערשיינט דער גראַם נאָר ווי אַן אַנטדעקונגס־קויעך און ניט בלויז ווי אַן אָרנאַמענט. דער פּאָעט פון אַמאָל און פון איצט האָט באַנוצט דעם גראַם, געשאַפן גראַם, קעדיי נענטער צו ברענגען בילד צו בילד, וואָרט צו וואָרט, קעדיי צו פּערזאָני־פיצירן דורך וואָרט געשטאַלט, קעדיי אויסצוגעפינען גלייכע שיי־כעסן, פאַרבינדונגען, נאָענטקייט פון באַגריף, בעקיצער — קעדיי בעסער, שאַרפער, עקזאַקטער זיך צו קענען אויסדריקן; ניט נאָר אָנרופן די זאַך באַם נאָמען, נאָר פאָרשטעלן די זאַך גופע, קעדיי צו דערפילן אַפן גומען דעם טאַם פון וואָרט.

## 3. דער אינהאַלט פון גראַם.

ווען מע קוקט זיך גוט צו צום גראַם אין אונדזער שפּריכוואָרט, טיילווייז אויך אין פאָלקסליד; ווען מע הערט זיך צו צום גראַם פון יענע אוורים רייזענס אָרעמע מאַמעס, וואָס אַנשטאָט „ברויט״ האָבן זיי פאַר די קינדער נאָר געהאַט די קלאָלע: „טויט״; ווען מע באַטראַכט די גראַם־טענדענצן פון שפּראַך ביכלאַל, — ווערט קלאָר דאָס עס זיינען דאָ באַשטימטע גרופּן פון באַגריף־שייכעסן אין דער פאָרונג פון ווערטער לויט זייער אַמאָליקן אָפּשטאַם און לויט זייער נייערער אַנטוויקלונג.**

* א פּאָר אינטערעסאַנטע באַמערקונגען וועגן „זווגים־גראַמען״, גראַמען־פּאַרלער, האָט אויך א. אַלמי, אין אַן אַרטיקל — האַלב עסיי, האַלב פעליעטאַן — אין זיינע „ליטעראַרישע נסיעות״ — זייט 65, פאַרלאַג מ. גאָלדפאַרב, וואַרשע, 1931.

** מיר דוכט, אַז טענדענץ פון גראַם צו באַשטימטע באַגריף־גרופּירונגען קומט פון זעלביקן שפּראַך־קוואַל ווי די פיר סאָרטן פון ביבלישן פּאַראַלעליזם, אָדער אָריענטאַלישן פּאַראַלעליזם אין אַלגעמיין. יענע איינטיילונג איז צום ערשטן מאָל אויסגעפאָרשט און באַשטימט געוואָרן פון דעם ענגלישן בישאָף ראָבערט לוטה אין זיין בוך: „די הייליקע פּאָעזיע פון די העברעער״.

איך וואָלט די גראַם־גרופּן איינגעטיילט אין דריי הויפּט סאָרטן, לויט פאָלגנדיקן סיידער:

1. גראַם פון קעגנזאַץ. גראַם פון באַגריף־קאָנטראַסט.

א וואָרט דערשיינט ווי אַ גראַם קעדיי אַרויסצובערענגען דעם היפּעך, א פולשטענדיקן קעגנזאַץ, צום פריערדיקן וואָרט. דער־דאָזיקער גראַם באַמערקט זיך פיל אין דעם שפּריכוואָרט און אין קלאַנג־גראַם.

לעמאָשל:

— אַז מע רעדט פון מאַלעך קומט דער גאַלעך.

„גאַלעך" ווערט דאָ אַרויסגעשטעלט ווי אַ פולשטענדיקער קעגנזאַץ צו „מאַלעך". די צוויי ווערטער זיינען קעגנזעצלעך אין זיך אַליין. דאָס בילד פון קאָנטראַסט ליגט אין זיי גופא.

אָדער:

— אַז מע באַקומט שוין דאָס ברויט, קומט דער טויט.

געהאָרעוועט, געאַרבעט, געליטן און ענדלעך שוין באַקומען דאָס ברויט (ברויט — לעבן), האָט זיך אונטערגערוקט דער קעגנ־זאַץ: טויט!

אָדער:

— דריי טעג צוגאַסט — שפּעטער ווערט מען צולאַסט.

און:

— וואָס מער געוואָרט — אַלץ מער גענאַרט.

דאָס זיינען אַלץ גראַמען פון קעגנזאַץ, פון באַגריף־איבערברוך, פון קאָנטראַסט. אַ גראַם אַז אַנטיטעטישער.

דאָס פאָלק האָט, אַלזאָ, ניט סתּם אַזוי גערעדט צום גראַם, גראַם־שטראַם, נאָר האָט אין גראַם געזוכט אַ זין, אַ צונויפבונד. אַן אינערלעכע שייכעס פון באַגריף.

און אָט די טראַדיציע איז אויך אַריבערגענומען געוואָרן אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע.*

דער שפּריכוואָרט האָט, האַלט איך, געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן גראַם אין דער ליטעראַטור. יעדער שפּריכוואָרט איז אַזוי

---

* אגעוו. דערזעלבער אנאליז קען אנאלאגיש אויך געפונען ווערן, סיי אין שפּריכוואָרט, סיי אין ליד און סיי אין דער מאָדערנער פּאָעזיע פון רוסיש, דייטש, ענגליש און אַנדערע שפּראַכן.

ווי א שורע פון א ליד. די יעניקע פּאָעטן וואָס זיינען נאָענט צום פאָלקסטימלעכן האָבן אויך אָפּט שורעס וואָס קלינגען ווי שפּריכווערטער. אָבער ס'איז אבסאָלוט ניט נייטיק זיך צו האַלטן באַם פּרימיטיוו־פאָלקסטימלעכן קעדיי פאָרצוזעצן די טענדענץ פון שייכעסן צווישן גראַם און גראַם. דאָס קען און דאָס ווערט געטאָן אויך פון פּאָעטן וואָס זיינען ניט אין פאָלקסטימלעכן טאָן — נייע שייכעסן ווערן אופגעזוכט.

די שטאַרקסטע טענדענץ צו קעגנזאַץ איז צו באַמערקן אין דעם קלאָלע־גראַם:

פאַרביטערטע, פאַרליטענע מאַמעס האָבן געשאָלטן:
— ווילסט ברויט — נעם דעם טויט.
— עסן — ווערים זאָלן דיך פרעסן.

און אזוי קעסיידער. די שעלטערקע האָט נאָר געזוכט א קעגנזאַץ און — צום גראַם...

דידאַזיקע טענדענץ צום קעגנזאַץ־גראַם איז ניט שווער צו געפינען אין דער מאָדערנער פּאָעזיע.

לעמאָשל:

עס שוועבט אוף פאַר מיר דער כ א ל ע ם.
וואָס איז שוין א ל ע ו ו א ש א ל ע ם.
(מ. ראַזנפעלד.)

כאָלעם־אָלעוואָשאָלעם, וואָס איז דערזעלביקער זין פון קעגנזאַץ ווי „ברויט־טויט".

אָדער:

די ליבע וואָס איז מיר ג ע ש ט א ר ב ן,
נאָך איידער איך האָב זי ד ע ר ו ו א ר ב ן.
(מ. ראַזנפעלד.)

„דערוואָרבן־געשטאָרבן" וואָס דאָס איז אויסדרוק פון קאָנטראַסט.

באַ מ. ראָזנפעלד (ווי ביכלאַל אין לידער פון ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט) זיינען דאָ א סאַך קאָנטראַסט־גראַמען. **דאָס זיינען** אַלץ באַ אים אַזוינע גראַמען פון קעגנזאַץ וואָס הייבן אוף זיין קאַס, זיין געבייזער אַף דער וועלט. מ. ראָזנפעלד האָט געגראַמט:

„ביטאַכן מיט צעבראָכן״; פרייד מיט לייד״; „ליידן מיט גאַניידן״, — קאָפּ־אַראָפּ, עסן־פרעסן, פאַרלאַנגען־פאַרגאַנגען . . . און נאָך, און נאָך. ווערטער, אויסדרוקן, וואָס ניט נאָר אין דער שורע, אין די צוגעגרייטע ביי־בילדער, נאָר אין די גראַמען גופא ליגט שוין פאַרוועבט, פאַרבאָרגן דער קאָנטראַסט, דער געשריי און דער באַגריף פון קעגנזאַץ, אַזוי ווי אין דעם שפּריכווערטער־דיקן „מאַלעך־גאַלעך״.

און אָט זיינען ביישפּילן פון קעגנזאַץ־גראַם ביי אַנדערע פּאָעטן:

. . . איך גלייב אַז ווען איך טרויער,<br>זיינען מיינע אויגן בלאָער.<br>מ. ל. האַלפּערן, אין זיין ליד, "ווען דער האַרבסט", פון דעם בוך: „די גאָלדענע פּאַווע״.

„בלאָער״, ווי אַ קעגנזאַץ צו „טרויער״. וואָרים טרויער דאַרף דאָך גאָר צוברענגען דאָס בילד, דעם קאָליר פון שוואַרץ, און דאָ גאָר — „טרויער־בלויער״ קעגנזאַץ.

באַם זעלביקן פּאָעט:

ציין און ליפּן, וועלפיש־ווילד,<br>אויגן בלאָע — גוט און מילד.<br>(מ. ל. האַלפּערן: „מיין פּאָרטרעט״)

ווידער אַמאָל: „ווילד־מילד״ — דערזעלביקער זין פון קעגנזאַץ.

באַ אוראַם רייזינען:

. . . וואָס שטייען אין מאַרק מיט די קוישן,<br>מיט עפּל, מיט גרינס און מיט ברויט.<br>און אַלע, וואָס זיינען איצט דרויסן,<br>וואָס טרייבט זיי דער הונגער און נויט.

„נויט״ ווי קאָנטראַסט צו „ברויט״.

באַ ביאַליקן: „פיין־ווייץ״, „ניט־דערלעבט־שוועבט״, „קוואַלן־פאַרפאַלן״ (אין זיין „גלוסט זיך מיר וויינען״ און אין זיין „אַ פריילעכס״). און:

אומזיסט האט איר גערוישט, געליארעמט,
און מיך באגעגנט מיט געזאנג.
איך האב פאר אייך א טויב געווארעמט,
און אויסגעפיקט האט זיך א שלאנג.
(ח. נ. ביאליק).

דער גאנצער זין פון דעם פערז (ווי דער זין פון האלפערנס, „פארטרעט״), איז אייגנטלעך קעגנזאץ. דער גראם העלפט דא אבער פיל ארויס נעענטער, בוילעטער צו מאכן די שייכעסן פון קעגנזאץ. „געזאנג־שלאנג״, וואס קען נאך גרעסער זיין דער קאנטראסט ווי שלאנג, שיפען פון א שלאנג, צו — געזאנג ? ...

אדער פון מיינס אן אייגן א ליד :

און אויב איר דארפט „שימל״,
פאר א גראם צום „בלאען הימל״, — — —

„שימל״ ווי א קאנטראסט צו „בלאער הימל״.

בא זישע לאנדוי׳ן :

און טויזנט פרויען גייען נאר,
מיט אנגעצונדענע פאקלען.
— וואס ווייגט איר קאלעס ? — ווי ווייגט מען ניט,
ווען זיינע פיס זיך וואקלען ?

וואקלען, ווי א קעגנזאץ צום שטאלצן „פאקעלן״־מארש.

בא י. ראלניקן :

מיין ליד — ניט צום אדלער וואס פליט — —
מיין ליד איז צו שטרויכלענדע קניען
צו לייבער — צום דר׳ערד צוגעשמידט.

שארפער קאנטראסט : „געשמידט־פליט״.

און ש. פרוג גראמט, אז דאס יידישע פאלק האט ניט „קיין לאנד — נאר שאנד״ ; און י. באוושאווער, קעמפנדיק פארן ארבעטער־קלאס, בייזערט זיך פארוואס מע האט געטאן „פארשקלאפן״ — דעם וואס האט אלץ „געשאפן״, ווידער אמאל א גראם וואס פארשפיצט, מאכט בוילעט דעם פאעטס בילד פון שרייענדיקן קאנטראסט ; און י. י. שווארץ גראמט : (אין זיין איבערזעצונג

פון שלמה אבן גבירל'ס: „כתר מלכות" — „דו ביסט דאָס ליכט, וואָס איז אין אונדזער וועלט פאַרדעקט, און איז אין אַ שענערער וועלט — אַנטפּלעקט".

דאָס גאַנצע ליד האָט אַ סאַך איבערברוכן. אַליע און יערידע, קעגנזאַץ פון „ערד און הימל", און דער גראַם „פאַרדעקט" (אין איין וועלט) און: „אַנטפּלעקט" (אין אַן אַנדער וועלט) העלפט אַרויסצוהויבן דעם דיכטערס נאָכדענקנדיקער פּאָעטישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. י. י. שוואַרץ באַנוצט דאָרט אַ סאַך גראַמען וואָס דאָס גראַם־וואָרט, אין ליד אַליין, איז קעגנזאַץ (אַזוי איז עס אויך אין העברעיִשן אָריגינאַל).

און אַ יידיש־סאָוויעטישער דיכטער זינגט:

געוועז דאָ ניקאָלאַי —<br>און איצט — דאָס לאַנד איז פריי!

שאַרפער קאָנטראַסט: „ניקאָלאַי־פריי".

אָט אַזוי זיינען ענלעכע „קעגנזאַץ־גראַמען" צעשפּרייט אין דער לענג און ברייט פון דער גאַנצער יידישער פּאָעזיע.

די פּאָשעטע, אַלטעגלעכע שפּראַך איז פול מיט גראַמען־ווערטער, וואָס איין וואָרט איז אין זיך אַליין, אַפילו אַן פּאָעטישן בילד און צוגרייטונג, אַ קאָנטראַסט צו אַ צווייטן גלייכקלינגנדיקן וואָרט. ווער ווייסט: עפשער האָט דאָס געהאַט צו טאָן מיט דער סאַמע אַנטשטייונג פון דעם וואָרט. עפשער זיינען זיי געקומען צוזאַמען אין דער שפּראַך. עפשער ציט זיך זייער פאַרוואַנדשאַפט פון סאַמע בעריישים? צי איז דאָס ניט אַ רעזולטאַט פון דער אייביקער צווייענדיקייט, צעשפּאַלטנקייט, פון מענטשלעכן געדאַנק, גורל פון מענטש אין דער וועלט? אַ רוף־אָפּ, לעבן־טויט, הימל־ערד, כאָלעם־ווירקלעכקייט...

* * *

אַ צווייטע היבשע גרופּע איז דאָ אין גראַם.

## 2. דער סינאָנימער גראַם.

דער גראַם קומט דאָ ווי אַן איבערכאַזערונג, ווי אַ פאַרשטאַרקונג (שטאַרקער דורך פאַרדאָפּלונג) פון דעמזעלביקן באַגריף און בילד.

עס זיינען דאָ אין דער שפּראַך אַ סך ווערטער, וואָס האָבן אַ גלייכקלאַנג און פאַרנעמען אין דערזעלבער צייט בלויז איין בילד־שעטעך.

פּאָעטן האָבן געגראַמט:

„גיסט־פּליסט״; „ריין־שיין״; „וועג־שטעג״; „געביסן־געריסן״, און אַ סך אַנדערע סינאָנימע ווערטער.

לעמאַשל:

אַט אַזוי האָט זיך דורכגעריסן,
דורכגעריסן, דורכגעביסן.
(מ. ל. האַלפּערן, אין זיין „גאַסן־פּויקער״.)

אָדער:

איבער וועגן לאַנג שוין אָפּגעזומערטע,
„אונטער הימלען גראָע און פאַרקומערטע״.
(ה. לייוויק, אין זיינע „סיבירער לידער״.)

„זומער־קומער״ וואָלט געווען אַ גראַם פון קענגזאַץ. דוכט זיך ליכטיקער „זומער״ און דאַך: „קומער״.

די שייכעס צווישן די צוויי ווערטער האָט זיך אָבער געביטן אין זייער פאַרוואַנדלונג: „אָפּגעזומערט־אָפּגעקומערט״. זיי זיינען קימאַט געוואָרן אַ סינאָנים. ווי נאָר מע דערזעט פאַר זיך דאָס וואָרט־בילד פון: „אָפּגעזומערט״, ווערט עס: „פאַרקומערט״ — ס'איז דאָך דאָס זעלבע, עס קומט ניט צו קיין ניי בילד, נאָר דאָס זעלבע ווערט פאַרשטאַרקט אפילו ניט דורך אַ נייעם ניואַנס, נאָר דורך אַ סינאָנימען „געדאַנק־גראַם״, וואָס ווערט געשטאַלטעט אין אַ „קלאַנג־גראַם״.

פאַרקומערט — אָפּגעזומערט!

אָדער אין אַנדער „סיבירער ליד״:

ערגעץ טיף, ערגעץ טיף,
אין דער ערד איינגעקנאָטענע,
ליגן אוצרעס מיט גאָלד,
ליגן אוצרעס פאַרשאָטענע.

אויך דאָס: „איינגעקנאָטענע" (אין דער ערד) איז אַ סינאָ־נים־גראַם צו: „פאַרשאָטענע". ווײַבאַלד איינגעקנאָטן אין דער ערד איז עס דאָך שוין פאַרשאָטן. ס׳איז איין בילד־שטעך, איין ליניע.

און איזי כאַריק אין זיין שורע־פּאַראַלעליזם:

שטייען האַמוינים אין יאַנטעוו געקליידט,
פּאַקלען און פאָנען און פלאַטער און פרייד.

גראַמט: „יאַנטעוו געקליידט מיט — פרייד", וואָס איז אויך אַ מין סינאָנים־גראַם.

און ז. וויינפּער גראַמט: „יעדער מיט זיין קלאַנג און יעדער מיט געזאַנג"; און אַוורום רייזין גראַמט: „קאָלירטע־באַ־צירטע", און י. י. סיגאַל „פּעק" מיט „זעק", אַזוי ווי דאָס פאָלקס־ליד; און מאַני לייבן ציט אויך אָפּט צום סינאָנים־גראַם:

קעפּעלעך דרייען זיך,
הערצעלעך זינגען,
גלייך ווי די פידעלעך,
זינגען און קלינגען.

דאָס זיינען אַלץ ווערטער וואָס איבערכאַזערן זיך קעדיי צו פאַרשטאַרקן דאָסזעלביקע בילד דורך אַ סינאָנימען גלייכקלאַנג. מאָסן אַזוינע סינאָנימען זיינען צעוואָרפן אין דער שפּראַך.

און אַנדערע:

אַ מייסע וואָס האָט זיך פאַרלאָפן,
אַ מייסע וואָס האָט זיך געטראָפן.

* * *

די גרעסטע צאָל גראַמען אָבער האָבן זיך אַרומגעוועבט אין דער שפּראַך אַרום דעם דריטן סאָרט, אַרום דעם:

3. סוגעסטיוון גראַם.

סוגעסטיוו, איין וואָרט סוגעסטירט אַ צווייטן, לויט דער נאָענטקייט פון בילד, לויט דעם שייכעס פון באַגריף. איין בילד ציט צו אַ צווייט בילד.

פאַראַן ווערטער וואָס זיינען ניט סינאָנימיש, נאָר זיי זיינען סינטעטיש. איינס אידענטיפיצירט זיך מיטן צווייטן. איינס פאַלט אַריין אין צווייטן, ווי איין שטראָם אין אַ צווייטן.

סינאָנים מיינט: ווידערהאַלונג.

סינטעטיש מיינט, אַז עס קומט פאַר אַ פאַרזעצונג פון באַגריף דורך אַנדערע ווערטער און וואָרט מיט וואָרט פאַרייניקן זיך, קומען זיך צוזאַמען.

דער פּאָעט גיט צו נייע בילדער, נאָך ניואַנסן פון זעלביקן געפיל, אָבער ער בלייבט אויך אין דעמזעלביקן שטעטל, אין זעלביקן בילד, אָדער זייער נאָענט צו אים. (ניט ווי קאָנטראַסט־גראַם ווו דער פּאָעט שפּרינגט אַריבער פון איין שטעטל צו אַ צווייטן, איינגאַנצן אַ קעגנגעזעצטן.).

אין דער שפּראַך זיינען פאַראַן צענדליקע אַזוינע ווערטער, וואָס זיינען אַזוי ווי געבוירן געוואָרן אַרום איין באַגריף, אין איין קרייז. דער שטעטל פון וואָרט צו וואָרט איז ניט קיין גרויסער און דער פּאָעט מאַכט דעם שטעטל נאָך קלענער דורך ביל־צוגרייטונגען און צום סאָף: דורך דעם סוגעסטיוון גראַם.

דער סוגעסטיווער גראַם איז פאַרשיידנאַרטיק און קען אַליין איינגעטיילט ווערן אין עטלעכע וואַריאַציעס:

א. „אָרט־נאָענטקייט" פון איין וואָרט צום צווייטן. ווערטער וואָס שטאַמען פון איין ווינקעלע, אין איין גרענעץ. איין וואָרט פאַלט צו צום צווייטן, ווי אַ ברודער צו אַ ברודער.

לעמאָשל:

האָז־גראָז, נאָז־בלאָז, הוסט־ברוסט, מיידל־קליידל. און נאָך און נאָך. (צונג־לונג. שפּריכוואָרט: וואָס אַף דער לונג, דאָס אַף דער צונג.). פּאָעטן האָבן אין אַלע צייטן בא אונדז אין דער יידישער ליטעראַטור פיל גענוצט דעמדאָזיקן אַרט פון סוגעסטיוון גראַם. מע קען אים אָפּט אויך טרעפן אין פאָלקס־ליד.

ב. די שייכעס פון פאַרזעצונג, פון ווייטערגאַנג.

דעהיינע: יאָר־דאָר (אַ „יאָר און אַ יאָר — גייט אַוועק אַ גאַנצער דאָר").

אָדער:

— אַ ביסל און אַ ביסל — ווערט אַ פולע שיסל.

און ווידער אין דעם אַלטן שפּריכוואָרט:

— אז גאָט גיט כּיטן לעפל — גיבן מענטשן מיטן שעפל. —

אויך ווקס, פאַרזעצונג: פון אַ לעפל ביז אַ שעפל.

אָדער:

— אַלטע קייען (וואָס ווערט?) — יונגע שפּייען.

דאָס איז ניט קעגנזאַץ, אויך ניט סינאָנים, נאָר סוגעסטיע.

און:

— וואָס עלטער — דאָס קעלטער.

אָדער:

— אַ שטעקן האָט צוויי עקן.

— פון אַ נאַר האָט מען צאַר. (צאַר, ווי אַן ארויסקום פון נאַר).

אָדער:

אַז מען איז פויל (וואָס פּאַסירט?) האָט מע ניט אין מויל.

— אַז מע שפּילט זיך מיט אַ קאַץ — דאַרף מע ליב האָבן איר ראַץ.

און:

— וואָס באַשערט — דאָס באַוועדט.

דאַן קומט אַ סוגעסטיווער גראַם, וואָס רופט ארויס:

ג. די שייכעס פון אַסאָציאַציע. אַז מע זאָגט איין וואָרט, ווערט דאָס וואָרט דורך סוגעסטיע גלייך פאַרבונדן, אַסאָציאירט מיט אַ צווייטן. לעמאָשל:

— יידן־יאַרידן.

זאָגט מען יידן (אין זייער האַנדלס־צושטאַנד איבער גאָר דער וועלט זייט דוירעם) דערמאָנט מע זיך גלייך: יאַרידן.

און פאָעטן האָבן זיך טאָקע דערמאָנט...

אָדער:

— ווער עס האָט די מיע, דער האָט די דייע.

— פון פרישע ברויט (געדאַנק שפּילט אויף. געשטאַלט קומט אָן. קינד באַווייזט זיך און — )

— ווערן די באַקן רויט.

בא מאַני לייבן:

— עסן קינדער פרישן ברויט,
ווערן זיי געזונט און רויט.

עס באַווייזט זיך אויך דאָ און דאָרט אין דער ריי פון סוגעס־טיוון גראַם, דער:

ד. גראַם פון סאַכאַקל.

ווי, לעמאַשל, בײַ ביאַליקן אין זײַן „שכיטע־שטאָט״:

— אַ צווילינג,

אַ שכיטע מיט אַ פרילינג.

און דער גראַם איז אים, דעם דיכטער, געקומען אַזוי:

— גאָט האָט צוגעשיקט צוזאַמען צוויי זאַכן: אַ שכיטע מיט אַ פרילינג —

סאַכאַקל: צווילינג!...

ס'איז אַזוי ווי אַן אַריפמעטישע פאָרמולע: שכיטע מיט אַ פרילינג סומירט — צווילינג.

און בײַ ה. לייוויקן איז אָפט דאָ דערדאָזיקער סאַכאַקל־גראַם. דעהיינע:

— שפּאַן נאָך שפּאַן — אָרעמאַן.

לייוויק גראַמט: בליק, שטיק, צוריק און דאָס אַלץ פירט צו — דערשטיק!...

דערשטיק — סאַף־גראַם, ווי דער סאַף, לעצטער סאַכאַקל, פון אַן אַלגעברעישער פאָרמולע.

אָדער אין שפּריכוואָרט:

— ברויט מיט זאַלץ, האָט מען (סאַכאַקל) — אַלץ.

די אַלע אָפּצווייגונגען געהערן אָבער צו איין הויפּט־סאָרט פון גראַם, צום סוגעסטיוון גראַם. דאָס איז דער רייכסטער סאָרט פון ווערטער־פּאָרן, פון וואָרט־פאַרבינדונגען אין ליד, פון פּאָעטישער וואָרט־שייכעס.

דאָס זיינען אַלץ גראַמען וואָס זיינען צווישן זיך ענג פאַר־בונדן ניט נאָר דורך פאָנעטיק, אָדער אָפּטיק, נאָר דורך אַ טיפערער וואָרט־האַרמאָניע, בילד אין זיך גופע.

דאָס איז די טענדענץ פון אָנהייב אָן אין דער שפּראַך. און פּאָעטן האָבן אין זייערע געלונגענע מינוטן אָט די טראַדיציע איבערגעפלאַנצט אַף זייערע נייערע שורעס און נייערע וואָרט־שאַפונגען.

אָט זיינען אייניקע ביישפּילן בּאַ פאַרשיידענע פּאָעטן פון דעם סוגעסטיוון גראַם:

און ווען איך גיי אין וויסטן טאָל,
פון ווייטן רופט צו מיר דיין קאָל.
(יעהויאש.)

„קאָל" ווי עכאָ צווישן בערג. — אָרט־נאָענטקייט.
אָדער:

פאַרנאַכט האָט מען אין גלאָק געקלונגען,
און אַפן האַרף געטאָן אַ שפּיל.
און מויערן האָבן געזונגען,
געטאַנצט אַפן גאַס אַ קאַדריל.
(אַ. ניסנזאָן.)

אַלע פיר גראַמען זיינען דאָ סוגעסטיווע. אָבער הויפּטזעכלעך:
„שפּיל־קאַדריל". איין וואָרט סוגעסטירט דעם צווייטן.
און בּאַם זעלביקן ניסנזאָן געפין איך אַזא נייע שייכעס צווישן
אַן אַלטן וואָרט און אַ גאַנץ נייעם — אַ שייכעס דורך סוגעסטיע:

אַז ס'איז אַ מענטש פון אינקיובאַטאָר
אַרויס אַ פרישער אַף דער וועלט;
האָט זיך געכאַפּט דער אַלטער קוואַטער
אַז ס'האָט אַ האַרץ אים אויסגעפעלט.

אַ גראַם פון אינקיובאַטאָר (ווו קינדערלעך ווערן אויסגע־
וואַרעמט, געשטאַרקט צום לעבן) מיט דעם אַלטן: קוואַטער...
און דאָס פּאַסט זיך. און דאָס איז אַן אופטו.
און אָט איז ווידער אַ פּערז וואָס פאַרמאָגט אין זיך סוגעסטיווע
גראַמען, און נייע שייכעסן. דער פּערז איז פון אַ. אויערבאַך'ן
(פון זיין סעריע: „רעפּאָרטערן").

אַ, זי איז געווען אַ יונגע און אַ בלאָנדע
(כ'האָב איר בילד געפונען אין אַלבּאָמען),
ווי אַ סלאַווישער באַגריף פון דזשיאָקאָנדע,
נאָר ביז איצטער ווייס איך נישט איר נאָמען.

אַלבּאָמען־נאָמען. איין וואָרט רופט אַרויס דעם צווייטן. נאָך
נייער איז די פאַרשטעלונג פון: דזשיאָקאָנדע־בלאָנדע.
דזשיאָקאָנדע, און: (דער סלאַווישער באַגריף) בלאָנדע!...

און בײַ נאַפטאַלי גראָסן אין זײַנע „דאַבוש־לידער״:

מיט בערנפעל זײַנעז אויסגעשפּרייט
די דילן זײַנע פון די לאַנגע, טונקעלע זאַלן, —
און לאַנג שוין ליגן פאַר דער קלײנער הארן גרייט
די קלײנע גאָלד־באַשלאָגענע סאַנדאַלן.

ווידער אַמאָל אַ שאַרפע, דירעקטע סוגעסטיע: איבער די „זאַלן״ הערט זיך דער שאָרך פון גאָלד־באַשטעקטע „סאַנדאַלן״.
בײַ ז. ווײַנפּערן:

ליכטיקייט, טונקלקייט, מאָלער און סאַטן,
אַלצדינג צעמישט אין דעמזעלבן ווירוואַר.
דער וואָס צעטרעט ווערט אַליין אויך צעטראָטן,
.........כאַכעם און נאַר.

אין דעם פערז און אין די גראַמען פון דער סטראָפע איז דאָ דער זין פון סאַכאַקל, און דער זין פון סוגעסטיווער פאַרזעצונג. סאַטן־צעטראָטן. סאַטן, דער שלעכטער גײַסט, דער שלעכטער מענטש, וואָס צעטרעט אַלץ... און: כאַכעם און נאַר — צעמישט אין דעמזעלביקן „ווירוואַר״.
דער גראַם גיט גוט איבער דאָס גאַנצע בילד פון דער סטראָפע. און געהערט אויך צו די נײַערע סאָרט גראַמען פון דעם סוגעסטיוון כאַראַקטער.
בײַ י. י. סיגאַל:

פולע קעלערן טרוקענע בארן,
בוידימער בונטן מיט פלאַקס.
סלאָיעס מיט זאַפטיקן האָניג,
און טעלער און שיסלען מיט וואַקס.

אין זײַן שילדערונג פון אַ דאָרפיש הויז וואָס קען זײַן נעענטער ווי די זאַך און אָרט־שייכעס: „פלאַקס און וואַקס״?
בײַ א. בערגערן אין זײַן שילדערונג פון אַ „יאַפּאַנישן טײ־הויז״:

פון נידעריקן באַלקן וויגן זיך אין לופט,
די בלאָע ווינד־גלעקעלעך אין ריטמישן גליז־גלאַז,
און ס׳כאַלעמט זיך אַלץ אַרום פון ווײַטן מיזרעך־לאַנד,
פון טרוימערישן שטילן לאַקנדיקן יאַפּאַן.

גלין־גלאַן, גלעקלדיקער, זיך־ווינגנדיקער קומט דאָ ניט סטאַם אַזוי ווי אַן אָרנאַמענט, אָדער סטאַם ווי אַ גלייכקלאַנג, אָדער בלויז צוליב דעם זיקאָרן, נאָר צוליב דעם סוגעסטיוון בילד.

און באַ ב. לאַפּינען.

אין דער שפּראַך איז דאָ אַ וואָרט נעגל, די מערצאָל פון נאָגל.

אין דער שפּראַך איז אויך דאָ אַ וואָרט: סעגל (די נעקודע וואָס שטאַמט פון העברעיש). וואָס פאַר אַ שייכעס האָט איין וואָרט מיטן צווייטן?

אָבער אָט האָט דער פּאָעט, ב. לאַפּין, יע באַשאַפן צווישן די צוויי ווערטער אַ ווונדערלעכע שייכעס אין זיינס אַ ליד. אַ שייכעס וואָס אים איז דאָס גליקלעכערווייז אַנטקעגן געקומען.

דער דיכטער שילדערט אַ געגנט אין טשילי. אַף די בערג־שפּיצן זעט זיך שניי, און אַפן וועג גליט דער זאַמד. אַנדעס־בערג, ווונדערלעכע באַגינענס. ער גייט אין פרימאָרגן און ווערט באַנומען פון דעם ווונדער פון דער נאַטור. ווערט אָנגעהויכט מיט ערפורכט און מוירע פאַר דער מאָדנער נאַטור. און פּלוצלונג דערזעט ער אין גליענדיקן זאַמד אַ מאָדנעם געשריפט: אויסיעס, שורעס, פינטעלעך, נעקודעס. אַ מיסטישע מוירע באַפאַלט אים. דאָס האָבן קראָען דורכגעצויגן. מאַכנעם פייגל, סטאַיעס. דאָ איז געפּראַוועט געוואָרן — לויט דער פאָלקס־לעגענדע — דער יערלעכער יאָנטעוו פון די פייגל. דער יאָנטעוו אין דעם ערשטן טאָג פון פרילינג.

> צעשאָטענע טרים.
> צום ערשטן מאָל, אַז כ'זע די מאַכנעם טריט אַזוינע
> אין מיין לעבן!
> די טריט — ווי גרויסע, שפּיציק־שאַרפע סעגלען,
> פון אומבאַקאַנטע פים און נעגל.

נעגל־סעגל. אַ סוגעסטיווער גראַם וואָס האָט די אומבאַקאַנטע, מאָדנע צעשפּרייטע נעגל אַפן זאַמד דערנענטערט צו — סעגל, צו געהיימער געשריפטס, צו מיסטיק, צו אַ טיפער אַסאָציאַציע.

*　*　*

אַלזאָ, איך טייל איין דעם גראַם לויט זיין אינהאַלט, אין דריי הויפּט־סאָרטן:

1. קעגנזאַץ־גראַם.
2. סינאָנימער־גראַם.
3. סוגעסטיווער־גראַם.

אויסער דעם איז נאָך דאָ דער שפּיל־גראַם (אָקן־באָקן, ציגענע גלאָקן, — אָדער ציגענע לאָקן, וואָס דאָ שפּילט טאַקע בלויז קלאַנג די הויפּט־ראָליע). און ס'איז נאָך דאָ דער אַסאָנאַנס. האַלב־גראַם. אויך דער אַסאָנאַנס קומט ניט פון צופעליקייט, נאָר פון שייכעס צווישן איין וואָרט און אַ צווייטן. פאַראַן דעריבער גוטע אַסאָנאַנסן, ווו דער פּאָעט דערגרייכט אַ פיינע באַגריף און בילד־שייכעס צווישן איין וואָרט און זיין אַסאָנאַנס, און פאַראַן שלעכטע אַסאָנאַנסן, ווי עס זיינען דאָ שלעכטע סטאַם־גראַמען, באַדכאָנעס־גראַמען, אָן שייכעס, אָן בילד און אָן צוזאַמענהאַנג פון דעם גראַם, אָדער האַלב־גראַם, מיט זיין „כאַווער" אין ליד.

## 4. וועגן יידישע ווערטער פון העברעישן אָפּשטאַם.

ווי איך האָב פריער באַוויזן איז דער גראַם דורכויס געבויט ניט אַף וואָרט־קלאַנג אַליין, נאָר אַף אַ געוויסער שייכעס פון די גראַמען־ווערטער גופע. אַזאַ מין שייכעס פון וואָרט צו וואָרט קען מע גרינג זען פון די גראַמען אין יידיש צווישן יידישע ווערטער וואָס שטאַמען פון דייטש און ווערטער וואָס שטאַמען פון העברעיש. אין דער שפּראַך איז דאָ פאַרגעקומען אַ מין אַסימילירונגס־פּראָצעס. דאָס העברעישע וואָרט האָט נייע קרוויוים צוגעקראָגן, אַ נייע באַדייטונג, אַ נייע שייכעס, איז אין עפּעס אַנדערש פאַר־וואַנדלט געוואָרן. עס זיינען דאָ גראַמען צווישן יידישע און העב־רעישע ווערטער־פאַרלעך, וואָס עס דוכט זיך, אַז אַזוי איז עס געווען משׂשת ימי בראשית. און אַז מע דערמאָנט זיך אַז די דייטשן האָבן דאָס ניט, קריגט מען אַזש ראַכמאָנעס אַף זיי...

זאָגט ראָזנפעלד:

> און אַזוי, אַ, יאָר נאָך יאָר,
> און אַזוי, אַ, דאָר נאָך דאָר!

„דאָר" שטאַמט פון העברעיש. אָבער ווי גוט, ווי נאָענט דאָס וואָרט אויסגערעדט אין יידיש: „דאָר" פילט זיך דאָס לעבן

דעם וואָרט „יאַר"! יאַר סוגעסטירט דאָס וואָרט דאַר. פון א יאַר צו א יאַר ווערט א דאַר (דיזעלביקע נאָענטקייט ווי: „פון אביסל מיט אביסל — ווערט א פולע שיסל...). און עס הויבט זיך אָן צו דוכטן, אז ווען דאָס וואָרט יאַר איז געבוירן געוואָרן איז גלייך אונטערגעלאָפן דאָס וואָרט: „דאַר" — זיין צווילינג־ברודער... און דערדאָזיקער גראַם: „יאַר־דאַר" איז באַנוצט געוואָרן א סאַך מאָל פון אַנדערע פּאָעטן. דאָ האָט דער גראַם געהאַט אַן אַנטדעקונגס־ווערט. א ווערט פון באַשאַף, — באַשאַף פון שייכעס. דאָס וואָרט „דאַר" איז דורך דעם טיפער אַריין און פאַרוואָרצלט געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך — פאַרוואָרצלט דורך וואָרט־בילד, דורך באַגריף־שייכעס. וואָרים ווי באַלד דאָס וואָרט האָט קרויווים באַקומען, באַגריף־פאַרבינ־דונגען, האָט עס גלייך אופגעהערט צו זיין אַן אוירעך בלויז...

אין אונדזער שפּריכוואָרט טאַקע איז דאָס וואָרט פון העב־רעיש דערנענטערט געוואָרן צום ערשטן מאָל דורך נייע שייכעסעס צום וואָרט וואָס האָט גאָר פון דייטש, צי פון אַנדערע קוועלן געשטאַמט. הויפּטזעכלעך האָט דאָס שפּריכוואָרט א נאָענטקייט צום העברעישן וואָרט געפילט און פאַר אים דאָווקע קרויווים, וואָרט־פאַרבינדונגען געזוכט, נייע לעבנס־ווייזהייטן אין דער נייער סוויווע; געזוכט די שייכעסן אַף דעם פריער־אָנגעמערקטן גראַם־וועג פון קעגנזאַץ־גראַם, סינאָנים־גראַם און סוגעסטיון־גראַם.

לעמאָשל:

פון א נאַר האָט מע צאַר (סוגעסטיוו). אָדער: א נאַר איז א גזאַר; אָדער אין אַסאָנאַנס־סטיל: יערושע און נאַדאָן זיינען ווי א פלאַם (ס'הייסט: ברענען שנעל אויס). און גראַם צווישן צוויי ווערטער, וואָס ביידע שטאַמען זיי פון העברעיש, נאָר האָבן אין נייער סוויווע, צוליב די נייע אומשטענדן פון לעבן א נייעם טאַם, א נייע קאָליר באַקומען. ווי:

אַן אוישער האָט קיין יוישער (קעגנזאַץ־באַגריף); צו סייכל דאַרף מע קיין מויעכל; טוירע איז די בעסטע סכוירע; רעב נאָטע האָט אַלע מאָל כאַראָטע; ניקאָליי'ם טפּיסע איז אַזוי ווי מיסע...

פּאָעטן האָבן דערנאָך נייע שייכעסן צווישן וואָרט און וואָרט געזוכט און — געפונען.

לאָמיר נעמען דאָס וואָרט אָרן (ארון). א קאַסטן פאַר א טויטן. שוואַרץ, טרויער, אַווייליעס.

האָט זיך דאָס וואָרט אָרן אין דער יידישער פּאָעזיע אַוועקגעשטעלט באַם וואָרט: געבאָרן. און ס׳איז געוואָרן באַם פּאָעט: „א מענטש איז געבאָרן און עס שטייט שוין דער אָרן".

אָדער: אָרן־פּאַרלאָרן. אָדער: פאַרגאַנגענע יאָרן — ער ליגט שוין אין אָרן. (גראַמען צו „אָרן" אַף פאַרשיידענע אויפאַנים, באַ נאָכעם יוד, מענאַכעם באָריישאַ, ליעסין, באַסין, לוצקי, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, לאַפּין, מאַלקע לי.).

און אַנדערע ווערטער וואָס שטאַמען פון העברעיִש, ווי:

ביימער־שיימער — באַ איינהאָרן, מאַני לייבן, ראָזנפעלדן רייזינען און אַנדערע. (און עס דערזעט זיך דאָס בילד פון היימישע גערטנער, פון שיימער וואָס היט די עפּל־ביימער, אָרט־נאָענטקייט).

אָדער:

ייד־יאַריד. יידן־יאַרידן.

„יידן־יידן אַף יאַרידן", צו דאַרף מע נאָך אין וואָרט גופע א נענטערע שייכעס? דאָס וואָרט „יאַריד" שטאַמט פון טאַלמודיש־העברעיִשן „יריד" (יאַריד). אין יידיש איז עס געוואָרן „יאַריד" און איז גלייך געוואָרן גוט־ברודער, באַהאַפטן צום וואָרט: „ייד", אַזוי דורך גערמאַניע, פּוילן, רוסלאַנד — ביז צום היינטיקן טאָג...

און ווייטער. ראָזנפעלד גראַמט:

אַף די ווערבעס אַף די שטומע,
העננט דער כאָלעם פון מיין אומע (אומה.).

דער זין־שייכעס פון שטומע מיט: „מיין אומע".

ליעסין גראַמט:

און איינגעהיט איז פאַר דער אומע
די פאָלקס־זעל, א פרישע, א פרומע.

און:

...גענאַנגען דורך יעדער געפאַר,
און איינגעזאַפּט האָב איך דעם צאַר.

געפאַר־צאַר, וואָס איז ווידער אַמאָל: סוגעסטיווער־גראַם.

ליעסין האָט בּיכלאַל גאָר אָפּט גאַנץ געלונגענע נייע שייכעסן און גוטע גראַמען צווישן יידישע און העברעישע ווערטער. ער גראַמט אין איינע פון זיינע שרעק־לידער:

פליען פלעדערמייז און סאָוועס,
נאַכט און איימעס־מאָוועס.

שוואַרצע סאָוועס מיט איימעס מאָוועס — באַגריף־נאָענטקייט אין וואָרט גופע.

און אין אַן אַנדער ליד:

אָ, דו אַלמעכטיקער גרויסער האַר,
עפשער וועסטו אַראָפּנעמען דעם פינצטערן גזאַר!...

און צוריק — אין פאָלקס־ליד:

אַ כאָסן. — און נאַדאַן קיין גראָשן.

אַ ליטווישער גראַם („ס" פון כאָסן מיט „ש" פון גראָשן). אָבער ס'איז דאָ אין דעם אַ גרויסע נאָענטקייט, ווען דער באַגריף כאָסן האָט גלייך אַרויסגערופן דעם באַגריף נאַדאַן, און גראָשנס.
נאָך בעסער גראַמט דאָס פאָלקס־ליד: „נאַדאַן מיט אַ מאָן".
פּערעץ גראַמט:

אַ קאַבאַלע פון מיין זיידן,
לאָז אים רוען אין גאַניידן.

קעדיי דאָ זאָל ווערן אַ גראַם האָט דאָס וואָרט „זיידע" געמוזט אַריין אין דעם געניטיוון־בויג. (אָבער באַ די וואָס נוצן אָפּט דעם אַסאָנאַנס ווי די פּאָעטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, און ל. פיינבערג, ב. לאַפּין, מענאַכעם באָריישאָ און אַנדערע אין אַמעריקע, קען אויך זיין דער אַסאָנאַנס־גראַם — זיידע —גאַניידן).
פּאָעטן האָבן געגראַמט: „אָפּן בוידים טאַנצן שיידים". (דאָרט טאַקע האָבן זיי דאָך געטאַנצט לויטן פאָלקס אָבערגלויבן! און די נאָענטקייט איז שוין דאָ אין דעם גראַם־וואָרט גופע קאָנדענסירט, בילדלעך!). און „סרייפעס־מאַכשייפעס"; „לעץ־געץ" (אַזוי זעט דאָך טאַקע אַ לעץ אַמאָל אויס ווי אַ געץ!)

„יעלאָלעם־גאָלעם״ (אַף העברעיש קען דער גראַם ניט זיין, ווייל דער קלאַנג פון די צוויי ווערטער איז ניט קיין גלייכער אַף העברעיש.).

פּאָעטן האָבן געגראַמט:

„ניגן־פּאַרוויגן״. ווידער אַמאָל אַ מאָדנע וואָרט־נאָענטקייט לויט בילד און באַגריף צווישן צוויי גלייכקלינגנדיקע ווערטער, וואָס איינס פון זיי שטאַמט פון העברעיש און איינס פון דייטש.

בא דאָוויד איינהאָרן:

מיט אים וועסטו וועבן דיין טרויעריקן ניגן,
מיט אים וועלן מאַמעס די קינדער פּאַרוויגן.

אָדער:

איבער גריבער — שפּרינגט דער גיבער!

און:

געוועז אַ שאַ — ניטאָ!

און ווי גוט איז דאָס געווען דעם פּאָעט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אויסגעפונען די בילד־נאָענטקייט צווישן „טהאָם און שטראָם״, צווישן: אַ „מיילעך״ און „פריילעך״ (אין פאָלקס־טאָן). (מ. ל. האַלפּערן האָט געגראַמט: „זינג איך פריי און פריילעך, ווי דער מיילעך״.).

דאָס וואָרט „קאַלע״ איז אין יידיש שיער ניט געבליבן אָן אַ גראַם. און וואָס טויג אַ קאַלע, אַזאַ באַליבט וואָרט, אַזאַ נאָענט וואָרט, אַזאַ מישפּאָכע־וואָרט, אָן אַ גראַם? ווי האָט געזאָגט לעסינג: „וואָס פאַר אַ בריע קען שוין דער מענטש זיין, ווען ער האָט קיין גראַם ניט אין דער שפּראַך?...״ און ביפראַט — אַ קאַלע. אָבער אין פאָלקס־ליד איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ מין גראַם:

— זייט זשע פריילעך אַלע, לעקאָוועד דער הייליקער קאַלע.

און איך שטעל מיר פאָר ווי דערדאָזיקער גראַם איז געשאַפן געוואָרן:

אַ כאַסענע. דער עולעם איז פאַרזאַמלט. די מעכוטאָנים

פרייען זיך. באַווייזט זיך דער באַדכן (וואָס איז אַזאַ גוטער גראַם־באַגריף צו שאַדכן...) און ער רופט אויס:

— מעכוטאָנים אַלע, אַהער צו דער קאַלע!

אַז דאָס פּוסטע, אַלייניקע וואָרט „אַלע" איז „ניסאַלע" געוואָרן. (ווידער אַ גראַם, וואָס איז ערשט לעצטנס באַנוצט געוואָרן פון א. לעיעלעס אין זיינס אַ ליד וואָס ער האָט געשריבן אין ווידמונג צו י. אַפּאַטאַשו'ן).

דו שרייבסט, ער שרייבט, מיר שרייבן אַלע —
געבענטשט איז דער וואָס ווערט ניסאַלע!...

ווערטער האָבן זיך געפּאָרט:

סיידעס־זיידעס, סייכל־שמייכל (ליטווישער דיאַלעקט), סאָף־שטראָף.

און סאָף־שלאָף. עס וועט קומען דיין סאָף, דיין אייביקער שלאָף!...

אַלץ אַזוינע באַגריף־נאָענטקייטן וואָס ליגן אין די ווערטער גופא.

פּאָעטן האָבן געגראַמט:

„ביטאָכן מיט צעבראָכן". (ווי ניי דערדאַזיקער גראַם, דורך זיין נייער באַגריף־שייכעס, איז דאָס געווען צום ערשטן מאָל! ווי נאָענט צום טראַדיציאָנעל יידישן געפיל: — געהאַט ביטאָכן און געוואָרן צעבראָכן. דער גראַם איז דאַ בא פרוגן, ליעסינען, ראָזענפעלדן, עפּשטיינען, איינהאָרן, א. אַלמי, מענאַכעם, ה. ראָזנבלאַט, קולבאַק, באַסין, און אַ סאַך אַנדערע).

דאָס איז גראַם פון קעגנזאַץ — דער אַנטיטעטישער גראַם.

ה. לייוויק האָט געגראַמט: „שינע־גיליאָטינע"; נ. גראָס: „אַ כּאַזער און אַן אָף — אַ סטאַדע שאָף"; ב. לאַפּין: „נעגל־סעגל" (סגל); „אָרים־קוואָרים".

און י. קיסין:

כ'בין דער סאָף, פון אַלץ דער סאָף,
כ'ברענג פאַרגעסנהייט און שלאָף.

און מאַני לייב:

ליפּן פרומע, שטילע, —
שעפּטשען זיי אַ טפילע.

און ווייטער, פֿאָלקסטימלעך: כיין־שיין, „מיט אַלע מאַלעס, און די שענסטע פון די קאַלעס". (אָ, ווי די זינגער האָבן דאָס אַלע דורך אַלערליי וואָרט־בויגן געזוכט אַ גראַם צו קאַלע. איין גראַם, נאָך אַ גראַם!...).

„זאָקן־דערשראָקן" ; „קאַרבן־געשטאָרבן".

און צונזער האָט געגראַמט:

„ציען־פליען". און דאָס איז געבליבן אַ גראַם אַ לאַנגע צייט בּאַ נאַציאָנאַל־פאַרבענקטע פּאָעטן...

און מיילעך ראַוויטש זאָגט אין זיינס אַ ליד וועגן „אָרעמע מענער":

— בליקן בלוט־טריפנדיק, בליקן שטאַר,
און שרייען אויף אין אויבערשטן צאַר.

„שטאַר־צאַר" — נאָענטקייט פון בילד אין די ווערטער גופא.

און אָט איז אַביישפּיל ווי אַ העברעיש וואָרט איז דורך פיינער סוגעסטיע דערנענטערט געוואָרן צו אַן אַנדער וואָרט.

בּאַ דאַניעל טשאַרני:

צעשאָסן איז דער ציפער־בלאַט פון קלויסטער־זייגער
די ווייזערס פּענדלען נאָר אַף נאַקעטע גדערים,
און אונטן אַפן ברוקשטיין ליגט אַ פערד'ס אַ פּייגער,
ס'פרעסן אים שוין הונגעריקע הינט און ווערים.
(פון בוך: „אונטערוועגנס").

דאָס וואָרט „פּייגער", וואָס פאַר אַ שייכעס האָט עס צום וואָרט: „זייגער"? נאָר אַז דער פּאָעט האָט נייעם צושטאַנד פון „זייגער" דערזען, — — צעשאָסן, צעריסן, כורבן, נאַקעטע גדערים — — האָט זיך צו אים גלייך גענומען צורוקן דאָס וואָרט „פּייגער" — ביפראַט נאָך, אַז אונטן אין גאַס האָט דער פּאָעט טאַקע אַ טויט פערד דערזען... (ער וואָלט אים מיט זיין „אויג וואָס וויל זען" סיי־ווי דערזען!...).

צעשאַסענער זייגער־פּייגער, און דערביי שוין: גערעדים־ווערים...

אָדער אַזאַ גוטע פּאָעטישע סוגעסטיע:

— שוואַרצע שאָען... ווי די קראָען
(מ. ווינאַגראַד אין זיין בוך: „טאַנץ־געזאַנג־פּיין")

דאָס העברעישע „שעה" — „שאָען" — דערנענטערט צו „קראָען" דורך בילד. „שוואַרצע שאָען" אַליין שוין — אַפילע אָן איבעריקן אין ליד — סוגעסטירן שוין דאָס בילד פון „קראָען". קלאַנג קומט צוהילף דעם בילד!

דאָ, אין די גראַמען־שידוכים צווישן די ווערטער וואָס שטאַמען פון העברעיש מיט אַנדערע יידישע ווערטער זעט זיך ווידער אַמאָל ווי גראַם איז ניט אַ זאַך פון קלאַנג בלויז, נאָר פון אינערלעכן באַגריף און בילד־נאָענטקייט. דאָס אַליין — די מערקווירדיקע בילד־באַהעפטקייט פון העברעישן וואָרט צום יידישן — און דורך גראַם, איז אַ גוטער באַווייז, אַז אַ גראַם האָט אינהאַלט, דאַרף האָבן אינהאַלט, שייכעס און בילד־נאָענטקייט.

אַגעוו, צוליב דער נייער פאַרוואַנדלונג אין יידיש פון דעם העברעישן וואָרט איז לאַנג שוין זייער נייטיק אויסצולייגן די העברעישע ווערטער פאָנעטיש. דאָס וואָרט דאַרף אופהערן זיין פרעמד. פאַרוואָס זאָל דאָס אָפּטישע דאָ שטערן פריי די ווערטער ווייטער צו גראַמען זיך און אופצוזוכן נאָך וואָרט־און־בילד־שייכעסן? וואָרט מוז טיף פאַרזונקען ווערן אין דער שפּראַך ווי דאָס וואָרט „טאַטע", „קינד", „מאַמע".

פּאָעטן קענען נאָר נוצן פאַר גראַמען ווערטער פאַרוואָרצלטע, וואָס האָבן צווישן זיך אַ נאָענטקייט, אָדער צווישן וועלכע מע קען שאַפן אַ באַגריף־פאַרבינדונג. קיין „זשאַרגאָן" — דאָס קען דער פּאָעט ניט פאַרליידן.

דערביי, אַז איך רעד וועגן העברעישע ווערטער וואָס האָבן זיך איינגעלעבט און פאַרוואָרצלט געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך, איז אינטערעסאַנט צו מאַכן די פאָלגנדיקע באַמערקונג וועגן סלאַווישע ווערטער:

די יידישע שפּראַך, אין אירע שעפערישע מאָמענטן, האָט קיינ־

מאָל זיך ניט באַצויגן צום סלאַווישן וואָרט ווי צו אַן אייגנס. צום העברעישן וואָרט איז די באַציונג געווען אַן אַנדערע. דעריבער האָט דאָס סלאַווישע וואָרט (דאָס רויוו — ניט אומעטום — ) זיך געגראַמט מיטן יידישן אַממערסטנס דאָרט וווּ ס׳איז אויס־געדריקט געוואָרן אַ געוויסע איראָניע, אַ הומאָר־טאָן.

באַ קולבאַקן :

די גראַבע יידן קוטשעראַווע,
און מיט מעסערס אין כאַליאַווע.

מען פילט דאָ גרינג דעם איראָנישן אונטערשלאַג, דעם איראָ־נישן־אונטערטאָן.

און אַזוי איז געווען דער גראַם — „טאַמעוואַטע מיט קודלע־וואַטע" (באַ קולבאַקן) און אַזוי אויך „סקריפּעט־זשיפּעט", און אַנדערע גראַמען. ביכלאַל אָבער זיינען וויניק סלאַוויזמען געוואָרן גראַם־מעכוטאָנים מיט יידישע ווערטער.

אַ פּאָר ביישפּילן פון סלאַוויזמען וואָס זיינען יע געוואָרן גראַמען אָן אַן איראָנישן ביגעשמאַק, ווי :

עס יאָגן זיך מיט ווילדקייט האָרדעס כאַיעס,
און ס׳יאָגן זיך געפליגל גאַנצע סטאַיעס.

אָדער :

אין דרויסן איז אַ טריבער טאָג,
אין שטיבל איז אַ פּאַרע.
כ׳האָב אָפּגעלעבט מיינע יונגע יאָר,
ווי אין אַ פינצטערע כמאַרע.
(פאָלקס־ליד.)

אויך גראַמט אַפילו מאַני לייב אָסען (האָרבסט), מיט גע־גאָסן (אַ רעגן), און קוויטקאַ, פיינבערג, פעפער, כאַריק, כאַנע לעווין גראַמען אָפט : סטעפּ, צעפּ, קעפּ, און אויך —געשווינדל טרעפּ (באַ ניידוסן).

פערעץ מאַרקיש האָט אַ שטאַרקע נייגונג צו פאָרן סלאַוויזמען.

לעצטנס האָבן זיך גענומען באַווייזן אויך גראַמען פון יידישע ווערטער מיט ענגלישע ווערטער, וואָס גייען אַריין אין יידיש. אויך אַנדערע לאָקאַליזמען הויבן אָן צו זוכן גראַמען.

אבער מע דארף דאס ניט שטופּן איבערגוואַלד. מע דאַרף זיין געהיט אי פּאַר אַ שלאַל מיט לאָקאַליזמען, אין פּאַר אַ שלאַל מיט גראַמען. עס שטייט אייביק — און אומעטום — די געפאַר פון באַדכן, אַז וואָרט זאָל זיך גראַמען מיט אַ וואָרט, מיט וועלכן עס האָט קיין שום בילד־שייכעס ניט.

## 5. אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן דער אַנטוויקלונג פון יידישן גראַם אין אַלגעמיין.

דער יידישער גראַם האָט געדאַרפט דורכגיין, אַריבערקומען, אַ סאַך שווערקייטן פון דער ספּעציפיש־אייגענער סוויווע ביז ער האָט דערגרייכט די שטופּע פון אינהאַלט, פון בילדלעכקייט, פון באַגריף שייכעס, די שטופּע פון: „ווערטער וואָס פּאַסן די זאַכן".

די גראַמען פון פּיעט, (איך מיין די שלעכטע גראַמען, ווייל דער פּיעט האָט אויך גוטע גראַמען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון טאַלאַנטירטע דיכטער), די אָן־אַ־שיער מאָל זיך איבערכאַזערנ־דיקע „נו" גראַמען (עזבתנו, און אַזוי ווייטער); די: „ת"־גראַמען (ביקשת, און אַזוי ווייטער), און אַלע אַז־קציץ־גראַמען, האָבן איבערגעלאָזט אַ שלעכטן איינפלוס אַף דער ווערסיפיקאַציע פון יידישן ליד.

די האַסקאָלע, די שלעכטע זייטן פון דער האַסקאָלע, האָבן צו דעם נאָך מיטגעווירקט דעמדאָזיקן איינפלוס צו פאַרגרעסערן. פּאָעטן, סיי אין יידיש, סיי אין העברעיש, האָבן דאָך עפּעס געדאַרפט אויסמענטשלען דעם יידן, אַריינברענגען אים אין העברעע ספּערן, האָט מען אים גענומען פאַרקלינגען מיט „הויכע" מעליצע־לידער, מעליצע־ווערטער, וואָס האָבן נאַטירלעכערווייז שוין געמוזט פירן צו פּוסטע גראַמען, פרעמדע ווערטער, צו נאַרישע גראַמען, צו בילדלאָזיקייט — און זשאַרגאָן.*

און דאָ זיינען דידאָזיקע גראַפּאָמאַנישע גראַמען צעטראָגן געוואָרן אין פּאָלק דורך די באַדכאָנים. מיר קענען געשיכטלעך בלויז אַ צוויי־דריי באַדכאָנים. אָבער געווען זיינען דאָך הונדער־

* אַגעוו, שלעכטע „זשאַרגאָן"־גראַמען, קופּלעט־גראַמען — גראַם־שטראַם, — זיינען דאָ אויך אַנדערשוו, אין אַנדערע שפּראַכן, ניט נאָר אין יידיש.

טער. אין יעדן שטעטל איז געווען אַ באַדכן. און דער באַדכן איז געווען דער מעשוירער, דער זינגער, דער גראַמען־פֿלעכטער פֿון שטאָט, פֿון קאָהאָל. די באַדכאָנים האָבן אַף אַ לאַנגע צייט איבער־געלאָזט זייער איינפֿלוס אַף דעם יידישן גראַם, און נאָך היינט צו טאָג, בא דער דערהויבונג פֿון יידישן וואָרט, בא דער פֿאַרפֿיינערונג פֿון יידישן גראַם, רייסט זיך דאָ און דאָרט דורך אַ שעמעוו, שניידט זיך דורך אַ שפּליטערל פֿון „באַדכאָניזם".

יידן און יידענעס — אַלע האָבן געקענט רעדן אין גראַמען! דער גראַם איז זייער פֿאַרביליקט געוואָרן.

דאָס פֿאָלקס־ליד האָט שוין געבראַכט בעסערע גראַמען. עס טרעפֿט, אַז מע דערזעט אין אַ אַלטן פֿאָלקס־ליד אַ גראַם, וואָס איבעראַשט. מע פֿרעגט זיך: „איז דערדאָזיקער גראַם, וואָס קלינגט אַזוי מאָדערן, שוין געווען אויך דאַן?" דעהיינע: אין איינע פֿון די לידער וועגן „ליבע" וואָס דער זאַמלער י. ל. כהן האָט אָפּגע־דרוקט אין אַמעריקאַנעם „פּנקס" (פֿון וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט) איז דאָ דער גראַם: „געלייטערט־דערווייטערט". אָדער אין אַנדערע פֿאָלקס־לידער טרעפֿט זיך דער גראַם: „צווייגן־שטייגן־שווייגן", אויך אַ גראַם וואָס קלינגט מאָדערן, היינטיק, אָדער, די רייד צום פֿויגל: „פֿליסט איבער יאַמען, גיב אַ גרוס דער מאַמען". (אַ ליד וואָס די אימיגראַציע האָט אַרויסגעבראַכט). שוין אָפּגערעדט פֿון דעם וואָס דאָס פֿאָלקס־ליד האָט ביכלאַל אַריינגעבראַכט אַ נאָענטערע, ניט־מעליצעדיקע, נוסעכדיקע באַציונג צום וואָרט און האָט דערנענטערט „פֿערד" צו „ערד", „שווער" צו „טרער", „אַלט" צו „קאַלט", „נויט" צו „טויט", און אַזוי ווייטער.

דאָך איז דער גראַם אין אונדזער פֿאָלקס־ליד געבליבן זייער אָרעם. דאָס האָט זיך גענומען פֿון דעם וואָס עס האָבן געפֿעלט נאָמען־זאַכן, הויפּט־ווערטער, אין יידיש, און אין ליד, אַפֿילע אין פֿאָלקס־ליד, האָט מע פֿריער פֿאַר אַלץ אַ פּלי געטאָן אַף אַבסטראַק־ציעס. דער לאָשן יידיש איז געבליבן באַם פֿאָלק אין די הענט, איז מויל, ניט קיין אָפּגעקליבענער, ניט קיין געלייטערטער, ניט קיין אַנטוויקלטער, ניט געווען פֿריער בא יידיש קיין אינטע־ליגענץ. עס האָט געפֿעלט איינגעשטעלטקייט, טראַדיציע. עס האָט געפֿעלט געדער, צאַם.

דערצו האָט דאָס פֿאָלקס־ליד, מאַכמעס דער „יאַסעמדיקייט פֿון יידישן וואָרט", באַנוצט זשאַרגאָנמעסיק, אָן אַ מאָס סלאָוויזמען אין די גראַמען. מאָדנע, די שורש גופֿא איז געווען אַ יידישע, נאָר דער גראַם איז געווען אַ ווילדער, אַ זשאַרגאָן־גראַם (אַלץ מיסטאָמע מאַכמעס ווייל די נייגונג צו דערשיינען אין אַ „לייטישער ספֿערע" האָט דאָ געווירקט...). ס'איז געווען רעכט צו גראַמען: „פּאָ־באָד" מיט „גאָט", „לאָדקע" מיט „סאָלדאַטקע", „בלאָטע" מיט „אָכאָטע", — און וואָס ניט?...

און דאָן איז אונדזער פֿאָלקס־ליד געשעדיקט געוואָרן פֿון די דריי־פֿיר געגנט־דיאַלעקטן, וואָס האָבן געהערשט אין יידיש. איז אויסגעקומען, צום ביישפּיל, אַז „קעיז" (קעז) זאָל זיך גראַמען מיט „בייז" און דאָס זעלביקע וואָרט אויסגערעדט אַנדערש: „קייז", זאָל זיך גראַמען מיט „אייז"...

און אַזוי קעסיידער.

אין שפּריכוואָרט אָבער, ווי איך האָב שוין דערוויזן אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען פֿון דעם אַרטיקל, איז דער גראַם געווען אַ סאַך בעסער (דאָרט ווו ס'איז געווען גראַם. וואָרים עס זיינען געווען אַ סאַך גוטע שפּריכווערטער, ווי עס גיבן גוטע לידער, אינ־גאַנצן אָן גראַמען). דער גראַם אין שפּריכוואָרט איז געווען אָן אָפּגעקליבענער, אַ מאַמאָשעסדיקער, האָט באַהעפֿט וואָרט צו וואָרט דורך אַ געוויסער שייכעס, באַגריף־נאָענטקייט, בילדלעכקייט.

איך האָב פֿריער גערעדט וועגן דעם זשאַרגאָן־גראַם פֿון די באַדכאָנים. אויב דאָס פֿאָלקס־ליד ליידט פֿון אָרעמקייט ליידט דער באַדכן־גראַם פֿון קלוימעשטער רייכקייט, פֿון צופֿיל גראַמען. דאָס איז פֿיל ערגער. דער טאָעם פֿון צופֿיל גראַמען האָט זיך אָפּילע אָפּגערופֿן, און רופֿט זיך אָפּ, בײַ אַזוינע פּאָעטן היינטיקע, וואָס זיינען גאַנץ ווייט פֿון דער באַדכאָנישער וועלט.

אַ גוואַלדיקע, מעשונעדיקע רייכקייט אין גראַם האָט אַרויס־געוויזן דער באַדכן־זינגער עליאָקעם צונזער. ער אַליין האָט זיך דאָן געריסן צו וועלטלעכקייט, צו בילדונג, צו האַסקאָלע, און האָט געוויס געצילט דעם גראַם רייכער, ברייטער צו מאַכן. ער האָט געהאַט גוטע קאַוואָנעס. אָבער אין דער עמעסן האָט ער אים נאָך מער פֿאַרזשאַרגאָניזירט. איין וואָרט האָט ניט געהאַט

צו טאָן מיטן צווייטן: אבי עס האָט געקלונגען! דאָס ליד איז אייגנטלעך געווען אַ געדאַנק, אַ מוסער־האַסקל, אַז דער גראַם איז בלויז דערשינען, ווי אַמאָל אין דעם מאָנאַכן־ליד, צוצובאַמקען, צוצוקלאַפּן.

צונזער האָט מאַמעש געהאַט אַ שלאָל מיט גראַמען! בּאַ אים האָט זיך געקענט גראַמען: „קאָמפּלימענטן" מיט „פּאַציענטן", „רעגימענטן" מיט „יענטע'ן", מיט „צענטן" מיט „פּרעזידענטן", (און אַלץ אין איין ליד!). אויך: „שאַיקע" מיט „זאַיקע", „פּאָלקע" מיט „האַלקע", „שטאָט" מיט „שטשאָט", „טאָרט" (לעקעך) מיט „ראַפּאָרט", און נאָך, און נאָך.

ניט פּיל בעסער איז דער גראַם געווען בּאַ מאָריס ווינטשעווסקין (אויסער אין זיינע „לאָנדאָנער סילועטן", וואָס דאָס איז די בעסטע דערגרייכונג אין זיין ליד.). אַ וועלט מיט גראַמען!

מער שייכעס אין גראַם האָט אין יענער צייט, אָדער עטוואָס שפּעטער, שוין געזוכט ש. פרוג. ער האָט געצווינגן יעניקע פונעם פּאָלקסטימלעכן, און האָט שוין אַליין עטוואָס אופגעטאָן אין דער הינזיכט. פרוג האָט שוין ניט אַזוי פּיל גראַמען ווי צונזער און ווינטשעווסקי. דאָס אַליין, אַפּצוואַרפן די ווילד־פליש־גראַמען, אין געווען אַן אופטו, אַ פּאָעטישע דערגרייכונג.

פּערעץ האָט אין זיינע לידער ביכלאַל ניט צופּיל אופגעטאָן. דאָך האָט ער אַרויסגעוויזן אַ פיינע, געקליבענע וואָרט־נאָענטקייט אין זיין ליד, — וואָרט־נאָענטקייט און וואָרט־צימצעס. ער האָט אויך געזוכט שייכעסן פון וואָרט צו זאַכן. ער האָט ניט איבער־געריסן מיטן פּאָלקסטימלעכן, אָבער איז ווייטער געגאַנגען. נאָך וואָרטער־שייכעסן צוגעגעבן.

אַ שטייגער:

שטיינערנע פּאַלאַצן.
אייזערנע באַלקאָנען.
טרעפּ פון ווייסן מאַרמאָר,
גאָלדענע סאַלאָנען.

אָדער:

האָסט געצילט און האָסט געטראָפן,
מיר איז דאָס האַרץ מיט בלוט פאַרלאָפן.

בילד ווערט צוגערוקט צו בילד אין וואָרט און אין גראַם.

אדער:

קליינע מענטשן, דריבנע מענטשן,
זייער שעלטן, זייער בענטשן,
זייער ליבן, זייער שרייען,
זייער פלאמען, זייער שפייען,
זייער בעטן מיט געוויין,
זייער קריצן מיט די ציין.

אין די „וואָרט־גראַמען" איז שוין דאָ קאָנדענסירטקייט, אופטו, פּאָעטישע וואָרט־כשיוועס, אַ וואָרט און באַגריף־נאָענטקייט.

דאָך האָט פּערעץ אויך געזוכט צו שנעל אַריינצוברענגען אַ רייכקייט פון גראַמען. ער האָט אין זיין „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק", אַשטייגער, זיך דערלויבט צו גראַמען:

אַ ניט זאָל ווערן געטריצט (?)
ווילט איר — און אייער אויג נאָר בליצט!

ווילדער גראַם פון: „בליצט" מיט „געטריצט"...

צוליב אַט דעמדאָזיקן געיעג נאָך אַ סאַך גראַמען אין יידיש, האָט ח. נ. ביאַליק אַמאָל געוואָלט גראַמען:

גלוסט זיך מיר ווייגען געשמאַקער און העכער,
ציט מיך, ווי כמאַרעס, צו יאַמען און טעכער.

„טעכער" אַנשטאָט „טייכן", — אַבי עס האָט זיך געגראַמט.*

בא ליעסינען זיינען דאָ אַ סאַך נייע אופטוען אין גראַמען. ליעסין האָט אָפט אויך אַ נייעם גראַם צווישן אַ וואָרט וואָס שטאַמט פון העברעיש מיט אַן אַנדער וואָרט. דאָך ווערט דאָס שוין אַ צו אָפטע רעגילעס בא אים. נאָך אַלעמען שיידט זיך דער היינטיקער יידיש, צוליב אַ סאַך סיבעס אָפּ פון העברעישן קלאַנג און אויסדרוק!

דער טאָעם פון צופיל גראַמען, וואָס שלאָגט צוריק צום אַמאָליקן טאָעם פון דער האַסקאָלע־שפּראַך, באַדכאָנים־יערושע, באַווייזט זיך נאָך אַלץ פון צייט צו צייט אין אונדזער היינטיקער צייט, נאַטירלעך שוין אונטער אַנדערע אומשטענדן, מיט נייע פּרעטענזיעס, אָבער מיט דעמזעלביקן עצעמדיקן טאָעם.

* שאול גינזבורג אין זיינע זיכרוינעס — „פאָרווערטס", 1931.

איך דערמאָן זיך: מיין פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענער יוגנט־כאַווער לייב ניידוס האָט אויך געריסן זיך צו באַרייכערן דעם יידישן גראַם, קלאַנגיקער צו מאַכן די ווערסיפיקאַציע אונדזערע און ער האָט אַריינגעכאַפּט צופיל פּרעמד־ווערטער, הויפּטזעכלעך פון פראַנצויזישן אָפּשטאַם. באַ אים, (נאָך צונזערן) קען מע ווידער געפינען אין גראַם דאָס וואָרט „בודואַר", „מאַנבלאָן", „עמבלעם" און ענלעכעס. טיילווייז האָט דאָס צייטנווייז אויך געטאָן מ. בראָדערזאָן. געווים האָט ל. ניידוס שוין געהאַט פּאָעטישע קולטור און טאַלאַנט! ניידוס איז דאָך אַ פּאָעט! אָבער ער האָט אין זיין יאָגן זיך נאָך אַ סאַך גראַמען, געמאַכט טאָעסן און בעמיילע שוין אונטערגעליטן אַף דער מאַכלע, וואָס איך רוף אָן: צופיל גראַמען!...

אויך יעהויאָש האָט אַ צייט לאַנג געליטן אַף דערזעלבער זאַך. ער האָט צופיל געריסן זיך מיט אַמאָל רייכער צו מאַכן די יידישע שפּראַך און פול צו מאַכן דעם באַגאַזש פון באַגריפן פון דער יידישער שפּראַך, פון יידישן וואָרט. ער האָט אַריינגעפירט דייטשמעריזמען אין זיין גראַם, אַלץ אַזוינע גראַמען, וואָס האָבן זיך ניט געקענט פאַרוואָרצלען אין אונדזער ליד. שפּעטער האָט ער, מיסטאָמע אונטערן איינפלוס פון זיין טאַנאַך־איבערזעצונג, גענומען (אויך אַף אַ צו אַלגעמיינעם אויפן) אַריינצופירן אַר־כייישע, אַלטע ווערטער, אין זיינע גראַמען. ווערטער, וואָס אָפּט דוכט זיך, אַז זיי שטאַמען ניט פון יידיש, נאָר פון יעשאַיעס צייטן. דיזעלבע ליניע פון צופיל גראַמען!

אויך מאָרים ראָזנפעלד האָט געזינדיקט אַף דעם. זיין קלאַנג־קויעך איז מער פון אַלץ געלעגן ניט אין גראַם, נאָר אין אויסיעס־קלאַנג, אין אַליטעראַציע, זיינע מאַשין־לידער און שטראָף־לידער ווייזן ווי שאַרף זיינע „ריישן" און „שינס" קלינגען!* אָפּט גיט זיינע אַ שורע איבער דעם קלאַנג, דאָס לעבן פון דער זאַך, וועלכע ער באַשרייבט. ער האָט בילדער געשאַפן. ער האָט היים און קויעכדיק געאָטעמט. ער האָט מיט־געריסן! אָבער דער גראַם איז באַ אים געווען אַ געמישטער, ניט קיין ריינער, אַזוי ווי זיין שפּראַך אין אַלגעמיין. (גראַם איז

* זע די עסיי וועגן מ. ראָזנפעלדן אין ש. ניגערס שריפטן.

אומעטום אַן איידעס וועגן דער שפּראַך־מאַדרייגע פון פּאָעט!). ער האָט געקענט גראַמען: „עטער" מיט „שפּעטער", „טייך" מיט אַזאַ דייטשישן אויסדרוק ווי: „דומער־שטרייך", און נאָך. און נאָך.

און אַפילע אַזוראַם רייזען האָט אָפּט געהאַט שוועריקייטן מיטן גראַם. רייזען האָט אייגנטלעך ווייטער געצויגן די פּאַשעטע בילדלעכע ליניע פון פאָלקס־ליד, ווערטער וואָס ליגן פאַרוואַרצלט אין דער שפּראַך אונדזערער! דאָך האָט ער זוכנדיק נאָך גראַמען, מער גראַמען, געקענט צונויפשטעלן אַזוינע גראַמען, ווי „מענגע" מיט „שטרענגע" און ענלעכעס. מיר דוכט אָבער, אַז איצט היט זיך רייזען שוין אָפּ פון דעם.

און אַפילע דאַוויד איינהאָרן, דער פּאָעט וואָס האָט פיינע וועלטלעכקייט געבראַכט אין יידישן ליד, ראָמאַנטישקייט, ליבע, נאַטור, פּייזשאַזן, טאָן און האַלב־טאָן, דער וואָס האָט נייע ווערטער־גראַמען געפּרוווט שאַפן אין די ראַמען פון אונדזער אייגענעם שפּראַך־שעטעך. אויך ער האָט (מיסטאָמע אויך וועלנדיק אַרויסגיין פון דער געטאָ...), אין זיין „צו אַ יידישער טאָכטער" גענוצט שלעכטע גראַמען, אַ סאַך דייטשמעריזמען. ער האָט דאָרט דאָס וואָרט „ערגריפן" און ער זוכט אַ גראַם צו דעם אין יידיש...

צופיל גראַמען!

און אַפילע באַ גאָר נייע פּאָעטן. אַרן צייטלען, ער, זע איך, רייסט זיך אַריינצוטראָגן נייע באַגריפן אין ליד, עפּשער קאַבאָלע, מיסטיק, עפּשער עפּעס אַנדערש. ער האָט בילדונג, געוואַגטקייט, פּאָעטישן ציטער. דערוויי‌ל אָבער רייסט ער זיך אַריין אין ליד מיט צופיל — נו, קאָנטראַבאַנדישן גראַם. דאָס יידישע ליד וועט ניט געהאָלפן ווערן. די ווערסיפיקאַציע וועט בעשום אופן ניט רייכער ווערן, ווען מע זאָל, ווי צייטלין טוט עס, גראַמען, אַז אַלט־יידיש וואָרט, אַמאָל אַפילע אַ טעכניש־וואָרט, מיט אַ שפּאָגל־נייעם, מאָדערנעם וואָרט; עס קומט אַרויס פון דעם אַ צעמישע־ניש פון באַגריף, עס בלייבט וואָרט אַליין, אָן בילד. מאָדנע וואָרט־שידוכים קומען באַ אים אַרויס אין זיין יאָגעניש נאָך רייכקייט פון באַגריף און שפּראַך!

צייטלין קען גראַמען: „דיאַלאָג" מיט „ראָג", „שכינע", מיט „גרינע", „קאַרקע" מיט „שטאַרקע", „כאַוועס" מיט „לאַוועס" — און וואָס ניט?...

אין זיינעם אַן אַרטיקל וועגן אונדזער „פּאָעטיק" האָט אַרן צייטלין (אין דעם זשורנאַל: „יידישע וועלט", ווילנע־וואַרשע) גערעדט וועגן דעם ווי שלעכט עס איז דייטשמערישקייט אין אונדזער גראַמען־קלאַנג. ער איז אויך קעגן גראַמען „געגרייט" מיט „ברויט". (דאָס איז בלויז אַ גראַם לויט דעם ליטווישן דיאַלעקט, וווּ מע זאָגט ניט „ברויט" נאָר „ברייט". אַגעוו, אַזוינע גראַמען — אויב זיי האָבן נאָר בילד־שייכעס — קענען, דענק איך, אַמאָל יע באַנוצט ווערן. זיי קענען אַריינגענומען ווערן אין דערזעלביקער קאַטעגאָריע ווי אַן אַסאָנאַנס).

צייטלין, ווי איך האָב אַרויסגענומען פון יענעם אַרטיקל, לייגט נאָר געוויכט אויף קלאַנג, ווען עס קומט צו גראַם. אַלץ גייט עס בא אים לויטן „אויער", לויטן מוזיקאַלישן קלאַנג.

אָבער גראַם איז מער ווי דאָס. ווען מע באַנעמט דעם איניען גראַם ווי אַ מיטל צוצובערענגען אַ וואָרט צו אַ וואָרט, ווי אַן אָפּ־קלייב־מיטל, ווי אַ געדער, ווי מענטשלעכער שפּראַך אויסדרוק, וואָרט־שייכעסן איינצוזען און צו שאַפן, — דאַן וואָלט צייטלין געווען ניט נאָר קעגן „דייטשמעריזם", נאָר אויך קעגן „לאַטייניזם", „הויכ־ווערטעריזם", „העברעיזם" „קאַבאַליזמען" — אַף וואָס ער אליין זינדיקט אונטער...

אַזוי האָט אויך אַ. לעיעלעס אָפּט איבערגעכאַפּט די מאָס מיט אַ צו גרויסער רייכקייט אין זיין גראַם. איבערפלוס פון ווערטער ביכלאַל ברענגט אויך צו איבערפלוס פון גראַם. ס'איז נאַטירלעך אַ ווייטער מעהאַלעך פון צונזערן ביז צייטלינען און לעיעלעסן, אָבער ס'איז דאָך בלויז אַ נייע פאַרוואַנדלונג פון דער מאַכלע, וואָס איך רוף אָן: „צופיל גראַמען".

און מיילעך ראַוויטש האָט אויך צופיל דייטשמעריזמען (און טאָקע פּאָשעטע דייטשישע ווערטער אין זיין שורע) אַלס גראַמען, ווי: „וואַנגען־געגאַנגען", (אין זיין בוך: „נאַקעטע לידער", זייט 80).

דאָס פירט אים אַמאָל אַוועק אין אַלגעמיין — צו צופיל

גראַמען — דאָרט ווו ער באַנוצט גראַמען. (ראַוויטש שרייבט אַ סאַך אַן גראַמען און דאָס גיט זיך אים בעסער איין. ער האָט ביכלאַל, לויט זיין שאַפונגס־קוויעך, ניט ליב קיין געדער אין זיין שורע).

און דאָס, די נייגונג צו זוכן איבערגוואַלד נייע גראַמען, באַ־ווייזט זיך ניט דאַווקע באַ „ריכטונג"־פּאָעטן, אָדער זוכער־פּאָעטן וואָס פּרוּוון זיך שטעלן ספּעציעלע צילן און מיסיעס, נאָר באַ אַנדערע אויך. ז. ווײַנפּער, צום בײַשפּיל, וואָס גייט אין דער גלייכער ליניע פון יידישן שאַפן, פון דער יידישער פּאָעטיק, ליידט אויך אַמאָל אַף אַן איבערפלוס אין גראַמען. ער גראַמט דאָס וואָרט „זעלבער" מיט „געוועלבער", „לעוואָנע" מיט „קאַוואָנע", „טויבן־וואָרקע" מיט „טאָרקע", און ענלעכעס, אַלץ אַזוינע גראַמען וואָס זיינען, דוכט מיר, ניט פאַרטיפט גענוג.

און אַנדערע, זוכנדיק נייע גראַמען, (זוכן אַ גראַם בעקיוועון איז ביטער!...) הויבן אָן צו מאַכן קאָמבינאַציעס, וואָרט־קאָמ־בינאַציעס, אַבי עס זאָל זיך גראַמען. געוויינלעך לאָזט זיך אויס שלעכט.

ביישפּילן קען מע געפינען באַ מאַרקישן: „הײַדאַמאַקעס" וואָס גראַמט זיך באַ אים מיט „געשמאַק איז"; באַ לעיעלעסן: „איידעס" מיט „באַשייד עס" (אין זיין ליד וועגן „סאַקאָ און וואַנזעטי'ס הינריכטונג). אַנדערע ביישפּילן פון דעם סאָרט גראַם — האָב איך געטראָפן באַ ל. פיינבערגן, א. אויערבאַך, און באַ אַנדערע.

* * *

אָט אַזוי איז געגאַנגען דער וועג פון אונדזער פּאָעטיק. אָרעמ־קייט, פּאַרווירונג, דיאַלעקט־צאָרעס, ניט־אָפּגעקליבנקייט, באַד־כאָנים, פיעט, צופיל גראַמען, טאָעסן; שפּראַך־ראַנגלענישן.

און דאָך האָט דער גראַם אונדזערער דערגרייכט אַ הויכע מאַדרייגע אין די לעצטע יאָרן. דיזעלביקע פּאָעטן באַ וועמען איך האָב געפונען טאָעסן, פעלערן, אָפּשטאַמלינגען פון אַמאָל, די־זעלביקע האָבן אָבער, צוזאַמען מיט אַנדערע, פיל אויפגעטאָן פאַר דער פאַרפיינערונג פון וואָרט און פאַרטיפונג פון גראַם. גראַם

איז דערהויבן געווארן צו בילדלעכקייט. נייע, פיינע ווארט־שייכעסן זיינען געפונען געווארן, אדער באשאפן געווארן. נייע שייכעסן וואס האבן צו טאן מיט די נייקייטן פון לעבן, מיט דער באנייונג פון לעבן. נייע סוויוועס ברענגען ארויס נייע ווארט־פארבינדונגען. נייע זאכן ברענגען ארויס נייע באגריפן.

אין סאוויעט־רוסלאנד בויט זיך א נײַ לעבן. א מאסע נייע זאכן זיינען דארט צוגעקומען — און מיטאמאל. און דאך, אין אלגעמיין גענומען, האבן די דארטיקע נייע פאעטן אונדזערע ניט פארלוירן זיך און אפגעהיט זייער פאעטישע שורע פון א נייעם זשארגאן... די געפאר איז געווען — און דאך זיינען פעפער, כאריק, פיינבערג, קוויטקא, אפילע דער צופיל־זוכער מארקיש, געבליבן אין דעם שעטעך פון טראדיציאנאל־יידישן ווארט, פון פארווארצלטן יידישן ווארט. געוויס, זיי זוכן נייע שייכעסן פון ווארט צו ווארט. דאס איז גוט. דאס איז דער גאנג, דער דראנג פון פאעט. ער נעמט אלטע, פריערדיקע און ער זוכט צו דעם אויך נייע אין ליכט פון די נייע אומשטענדן, נייע באגריפן. דער „בראנעוויק" און דער „טראקטאר" האבן ניט איבערגעפארן דאס יידישע ליד אין סאוויעט־רוסלאנד...

יידיש איז, אין אלגעמיין, ארויס פון קליין־שטעטל אין דער גרויסשטאט אריין. און יידיש, אין דער שאפונג, אין ליד, האט זיך ניט פארלוירן. דא איז בייגעשטאנען דער קוועך פון פאעטישן ווארט אנצוהאלטן שייכעסן און ניט צו דערלאזן א געמיש, א מאדערנעם זשארגאן. יידיש האט דעם עקזאמען אויסגעהאלטן...

דאס ווארט „שטאט" האט ארויסגערופן נייע גראמען, וואס דאס מיינט בא מיר — נייע באגריפן. דאס ווארט „באן" האט אין ליד ארויסגערופן א ריי נייע פיינע ווארט־שייכעסן: דאס ווארט „עראפלאן", דאס ווארט „בראנעוויק", דאס ווארט „ניקאליי" (א באפעל פון בליי — קייסער ניקאליי! בא מאר־קישן), און אזוי קעסיידער.

נייע סוויווע, נייע שייכעסן, וואס דאס מיינט: נייע ווערטער! סטאם אזוי שאפן נייע גראמען אן סוויווע, קען מע ניט.

אין אמעריקע האט מאני לייב, ז. לאנדוי, י. קיסין, ר. אייזלאנד, ב. לאפין, מענאכעם באריישא, מ. ל. האלפערן, ה. לייוויק און

אנדערע, און ראַלניק נאָך פריער, דעם פּאַרדינסט פון אופהייבן אַ קאַמף קעגן פּאַלשן, קעגן שלעכטן גראַם, וואָס דאָס מיינט קעגן שלעכטן וואָרט.

דער קאַמף איז אויך ווייטער אָנגעהאַלטן געוואָרן פון די נייערע דיכטער. אייניקע פון די פריער־דערמאָנטע, הויפּטזעכלעך די „יונגע", — האָבן אָבער שוין צופיל געהאַט באַגרענעצט דאָס וואָרט. זיינען נייערע געקומען און געזאָגט: גוט, אויס מיט צופיל גראַמען, אויס מיט דייטשמעריזם, אויס מיט באַדכאָנים־ירושע, אויס מיט האַסקאָלע־פּערזן. אָבער אין אָרעמקייט, אין מאָנאָטאָנישקייט, אין באַגרענעצטקייט טאָר אונדזער גראַם, און אונדזער ליד ביכלאַל ניט בלייבן. מע מוז נייע וואָרט־שייכעסן דערפילן, נייע סוויווע זען און שאַפן.

און אַזוי האָט דער גראַם — צוזאַמען מיט דעם קויעך פון די פריער־דערמאַנטע, די וואָס האָבן די רייניקונג אָנגעהויבן — נאָך ווייטער זיך אַנטוויקלט בא ייצחאָק מאַנגער, י. י. סיגאַל, בא וויינ־פּערן, קולבאַק, אויערבאַך, אַננאַ מאַרגאָלין, בא נאַפטאָלי גראָסן, וואָס ער האָט געבראַכט אין זיינע לידער אַ סאַך נייע הויפּט־ווערטער, פּאָשעטע ווערטער, אָבער פּאַרוואָרצלטע, גוטע און דורך זיינע נייע שפּראַך־פּאַרבינדונגען, נייע גראַמען. אויך דורך יאַקעוו גלאַטשטיינען זיינען נייע ווערטער צוגעקומען, (כאָטש ער איז גאָר קעגן גראַם. בא אים אָבער הויבט זיך בווּלעטער אַרויס דער אינעווייניקסטער אויסיעס־קלאַנג, אַליטעראַציע, וואָס איז, לויט מיין מיינונג אַ נאָענטער מעכוטן מיט גראַם). בא ייצחאָק רייזן (מוישע נאַדיר), בא ניסנזאָנען, בא לוצקין (כאָטש ער האָט צייטנ־ווייז אויך „צופיל גראַמען"), בא דאָוויד פּראַמ'ן, בא שטאָלצנ־בערגן; — אין סאָוויעט־רוסלאַנד בא כאַריק, פעפער, פינינבערג, כאַנע לעווין, האָפּשטיין, אשער שוואַרצמאַן, און אויך אין דעם יידישן ליד — פון אַרגענטינע, פּוילן, רומעניען און אין אונדזער גאַנצער וועלט־צעשפּרייטקייט.

דער יידישער גראַם איז אין די לעצטע 25 יאָר געוואָרן אויס סטאַם „גראַם", אויס „גראַם־שטראַם", נאָר איז געוואָרן וואָרט. גראַם וואָס איז ניט „אַ טשוועקל צוצוקלאַפּן די שורע" (ב.

ריווקינ׳ס קוק אַף גראַם), גראַם וואָס איז ניט נאָר אָרנאַמענט מעכאַנישקייט, נאָר גראַם וואָס איז וואָרט, בילד, גראַם וואָס דערשיינט ווי אַ פֿרישער קוועך, גראַם וואָס לעבט אין זכּוס פֿון זיין אינהאַלט.

און וואָס ס׳איז שייעך צום גראַם איז אויך שייעך צום האַלב־גראַם, צום אַסאָנאַנס. ער איז שוין געווען אין פֿאָלקס־ליד: „זאַמד"־„לאַנד", „מאַן"־„פּלאַם" און: „דו פֿאָרסט אַף אַ בערלינקע, זאָלסט ווערן דערטרינקען"; אָדער: „באַדאַרפֿ־בראַנפֿן", אָדער אין קינדער־ליד: „דער טאַטע איז געפֿאָרן אין דאָרף — שלאָף מיין ייִנגעלע, שלאָף", וואָס דאָס איז נויטע צום אַסאָנאַנס. אָדער: „דו פֿאָרסט פֿון מיר אַוועק, דו פֿאָרסט דאָך איבערן ים, פֿאַרהאָפֿן־פֿאַרהאָף איך צו גאָט אַליין, אַז דו וועסט נאָך זיין מיין מאַן". דער אַסאָנאַנס קומט זיך דאָ צונויף אין „מאַן־יאַם".

דער אַסאָנאַנס איז איצט שטאַרק אין דער מאָדע אין סאָוויעט־רוסלאַנד. ער קומט אין דיזעלביקע פּוסטריט פֿון גאַנצן גראַם. ער זוכט שייכעס. נאָר אַנשטאָט צו וואַרטן אַף אַ גאַנצן קלאַנג, זאָגט דער פּאָעט: אויך האַלב־קלאַנג איז גענוג מוזיקאַליש, אַבי די טיפֿערע וואָרט־שייכעס איז דאָ (ווי אַ בערלינקע־דערטרינקען). פֿיינע האַלב־קלאַנגען האָט פּערעץ מאַרקיש. אין אַמעריקע האָט נאָך לאַנג צוריק ב. לאַפּין געגעבן פֿיינע אַסאָנאַנסן. אָבער אין די נייע אַסאָנאַנסן־זוכענישן קומען אריין, ווי איך האָב שוין דאָס באַמערקט אין אַ פֿריערדיקן קאַפּיטל, פֿיל זייער שלעכטע האַלב־קלאַנגיקע ווערטער — אַזוינע, וואָס ווי שלעכטע גראַמען, האָבן זיי צווישן זיך ניט קיין שום שייכעס אין בילדלעכקייט, נאָר קלינגען בלויז גלייך, — גאַנץ אָדער האַלב, — דאָס איז קיין נאָפּקעמינע ניט.

איך וואָלט נאָך צום סאָף געוואָלט געבן אַ רייע ביישפּילן פֿון שלעכטע, אָדער שוואַכע גראַמען, כאָטש קיין דייטשמערישקייט, אָדער אַנדערע „איזמען" איז אין דעם ניטאָ. און עס זיינען אַפֿילע ניטאָ קיין שלעכטע וואָרט־קאָמבינאַציעס צוליב גראַם (ווי „דייזשע־וויים־זשע"...). איך וועל זיך באַגנוגענען מיט אַ פּאָר ביישפּילן.

בא מ. ל. האלפערן אין א פריער־ציטירטן ליד:

פון וואנען וויס מיין בלוט דערפון,
אז בלאנד איז ליכטיק ווי די זון?

און בא איזי כאריקן איז דא אזא גראם צום ווארט „זון“:

אין יעדן גייט אוף א טריבון,
— א זון!

וועלכער גראם איז דא דער בעסערער?

„דערפון“ איז בכלל קיין גראם־ווארט ניט. עס גיט ניט קיין שום בילד. עס האט אין זיך גופא קיין שום שייכעס ניט צו: זון!

אבער ווען עס באווייזט זיך דאס רעוואליוציאנערע בילד: ווי אין יעדן גייט אוף א „טריבון“, דאן פאלט דאס ווארט: „זון“ אריין ווי אין זיין וויג אריין, אין א נייער וואנדערלעכער שייכעס, אין א נייעם בילד!

אדער אין א ליד בא אן אנדער פאעט:

אלטע לייט פלעגן קומען אין יוז,
זיך צו ווארעמען אין זוז.

דא ווערט אויך „יוז“, דער ליכטיקער זומער־כוידעש, דער־נענטערט צום ווארט „זון“. א סאך בעסער ווי צו „דערפון“.

אדער בא ציליע דראפקין:

צעלאזענער בייזער עראט — גאט!

איז דאס אוודע בעסער ווי בא לייב ניידוסן:

און ס'האט
א שטראל געטאן — עראט!

דאס ווארט „האט“, האט גאר ניט צו טאן מיט „עראט“ — ניטא קיין בילד, ניטא קיין אפשטעל, ניטא קיין ווארט־באגריף־פארבינדונג.

אבער עראט — לויטן באגריף, האט שוין גאר א שייכעס צו „גאט“.

אין דעם גייט עס.

זאל דאס זיין ווי א ביישפיל פאר דעם גאנצן געדאנק וואס איך האב דא געוואלט ארויסברענגען, וועגן דעם אינעווייניקסטן זין און אינהאלט פון גראם.

## סאָף-וואָרט.

די טענדענץ צום גראַם-וואָרט שטאַמט אין דער שפּראַך פון זייער אַלטע צייטן. דער גראַם האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון שפּראַך און ער דאַרף אויך אַזאַ ראָליע היינט שפּילן — דאָרט ווו ער איז דאָ. דער פּאָעט דאַרף זיך ניט צופרידנשטעלן מיט גוט־קלאַנג אַליין, מוזיקאַלישקייט, גלייך־קלאַנג אַליין, נאָר דאַרף דערפילן די אינערלעכע בילד־שייכעס פון וואָרט צו וואָרט, קעדיי וואָס עמעסער, וואָס עקזאַקטער צו זיין, וואָס בוילעטער אין זיין אויסדרוק צו זיין.

נאַטירלעך. נאָכצוגיין דעם פּאָלקס־גראַם אייביק, איבער־כאַזערן דאָס אַלטע וואָרט און גראַם־שייכעסן („נאַכט־פאַרשמאַכט” און אַזוי ווייטער) דאָס טויג ניט. צוליב דעם אַליין שוין וואָס אומשטענדן, צושטאַנדן בייטן זיך און ווערטער באַנייען זיך, פאַר־וואַנדלען זיך און דאַרפן נייע קרויוים, נייע שייכעסן באַקומען. נייע סוויוועס, נייער שטעך פון אונדזער לעבן אַף דער וועלט רופן אַרויס נייע באַגריפן, נייע פאָרשטעלונגען און אויך נייע ווערטער.

בלויז אַף דעם באָדן פון נייער סוויווע, עמעסדיקע, גענגעבענע, אָדער סוויווע דיכטעריש־געשאַפענע, קען נייער גראַם געבוירן ווערן. אָבער ניט דורך פלינקע וואָרט־מאַנעוורעס, אָדער שלעכטע וואָרט־קאָמבינאַציעס. אויך ניט דורך סטאַם זוכן נייע גראַמען אַף דער אויבערפלאַך פון וואָרט, נייקייט צוליב דער קונץ פון נייקייט.

ניט אין דער נייקייט פון גראַם דאַרף ליגן דער אופּטו פון פּאָעט, נאָר אין דער נייער שייכעס וואָס אים איז געלונגען דורך בילד און פאַרב צו באַקומען.

גראַם היט אָפּ די שפּראַך פון זשאַרגאָניזירונג. גראַם לייטערט. זשאַרגאָן־גראַמען, ווערטער וואָס ווערן צווישן זיך ניט דער־נענטערט — דאָס שעדיקט, דאָס ציט צוריק צו דער באַדכאָנישער טראַדיציע, צום שלעכטן מאַכזער־גראַם.

גראַם ווייזט אַרויס אַ טענדענץ זיך צו באַווייזן אין דריי־פיר באַשטימטע גרופּירונגען: 1) קענגזאַץ; 2) סינאָנים און 3) סוגעסטיע.

גראַם האָט אינהאַלט, גראַם פאַרמאָגט צאַר פון קאָנטראַסט און קאָמיזם פון קאָנטראַסט; גראַם פאַרשטאַרקט, באַטאָנט; גראַם סוגעסטירט, שאַפט פאַרבינדונגען; גראַם אַנטהאַלט אין זיך דאָס רייסן זיך פון מענטשן צו וואָרט!

דער פּאָעט זוכט אויס פּאָר אַ וואָרט נייע פאַרבינדונגען, נייע קרויוווים אין דער שפּראַך, נייע שייכעס. און עס טרעפט דאָס עס זיינען דאָ צוויי ווערטער וואָס קוקן אויס צו זיין גאַנץ פרעמד צווישן זיך, קומט דער פּאָעט — און דורך שעפערישן קויעך, דורך קויעך פון געשטאַלט, דורך קויעך פון ריטם, האַרמאָניע און זין, דורכן קויעך פון אויפסגיי באַלעבטע כושים — דערזעט דער פּאָעט אין דער נייער געשאַפענער פּאָעטישער סוויווע אַ נייע שייכעס צווישן די צוויי ווערטער און — עס ווערט באַשאַפן אַ גראַם. אַזאַ גראַם באַווייזט זיך פּלוצלונג ווי אַ בליץ אויף דעם פּאָעט׳ס הימל...

גראַם — גלייכקלאַנג, נאָר בילד איז פריער געקומען. קלאַנג אַליין קען פאַרנאַרן, אַריינגנאַרן אין שאַבלאָן...

אָבער —

גראַם אַליין — דער בעסטער — איז נאָך ניט אַלץ. מע קען זיך ניט אויסזוכן אַ גראַם וואָס האָט אַ שייכעס צווישן זיך מיט אַן אַנדער וואָרט און מיינען אַז מע האָט שוין אַ ליד! קודעמקאָל קומט ליד. ליד וואָס דאָס מיינט — געזאַנג, בילד־שאַפונג, אינערליכער ריטם, אָפּקלייב און געפיל און רייניקונג פון וואָרט אין אַלגעמיין. ערשט דאַן, ווען ליד איז דאָ, קען קומען דער זיניקער, דער שעפערישער, דער וווּנדערלעכער גראַם, — וואָס מאַכט דאָס בילדלעכע אין ליד נאָך שטאַרקער דורך אַ קאָנדענסירונג פון בילד אין צוויי ווערטער.

און ער קומט זעלטן, ווייל זעלטן, זעלטן קען דער פּאָעט זיך אינגאַנצן אָפּטאָן פון באַדכאָנעסדיקייט, פון קלישע־רייד, פון עפּיגאָנישקייט, פון אויסגעטראַכטער, אָדער דערווייטערטער סוויווע, פון „גרינגן גראַם“, — ער קומט זעלטן, ווייל שאַפונג ביכלאַך קומט זעלטן.

נויאָרק, 1929־1932.

# ג. אין דעם ליכט פון אונדזערע טעג

# אין דעם ליכט פון אונדזערע טעג

אין אונדזער ליטעראַרישער קריטיק מעבוץ פון סאָוועטן־לאַנד. (אָדער מעבוץ פון די סאָוועטישע לאַגערן), אין דער קריטיק אין אַמעריקע, אין פּוילן, אין אַרגענטינע, — איז אַ סאַך שוין גערעדט און געשריבן געוואָרן וועגן די נעגאַטיווע זייטן פון דעם צוגאַנג צו ליטעראַטור, און קונסט בּיכלאַל, וואָס הערשט אין ראַטן־פאַר־באַנד. איך בּין איבּערצייגט, אַז אונדזער ערנסטע פּאָלעמיק, אַז אונדזער קריטיק אַרום דעם, איז ניט געגאַנגען לעיבּעד. איך בּין שוין גאָר ניט אַזוי פּעסימיסטיש, ווי קאָלעגע נאַכמען מייזל, וועלכער מיינט (אין נומער 1 „ליטעראַרישע בּלעטער", פון יאָר 1931), אַז „דער טהאָם צווישן דער יידישער ליטעראַטור אין אַלע צעשפּרייטע צענטערס און צווישן דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבּאַנד ווערט אַלץ מער פאַרטיפט און פאַרבּרייטערט". פאַרקערט, איך גלייבּ, אַז ס'וועט נאָך צוריקומען, שפּעטער־צו, אַ דערנענטערונג אַף דעם יעסאָד פון די פּאָזיטיווע מאָמענטן, וואָס זיינען, נאָך אַלעמען, אויך פאַראַן אין די דאָרטיקע פאָדערונגען וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט צו ליטעראַטור און קונסט בּיכלאַל. ס'איז פאַר מיר קלאָר: אויבּ די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע פּלענער זאָלן זיך דאָרט איינגעבּן אין ראַטנפאַרבּאַנד, אויבּ די אַרבּעט־און־לאַנד־לאַגע זאָל בּעסער, געזונטער ווערן, אויבּ דער 5־יאָריקער פּלאַן און אַנדערע פּלענער, זאָלן זיך איינגעבּן, דאַן וועט די שאַרפ־קייט פון די פאָדערונגען וואָס ווערן איצט אַרויסגעשטעלט צו ליטעראַטור פאַרשווינדן. די שפּיציקייטן, די איבּערטרייבּונגען. וועלן אַרונטערפאַלן, די פאַלשקייטן, וואָס כאַפּן זיך אַריין אין די גאַסן־רעדעס און גאַסן־פּלאַקאַטן, וועלן צערונען ווערן, און איבּער־בּלייבּן וועלן די פּאָזיטיווע מאָמענטן, די קאָנסטרוקטיווע אופטוונ־גען. אויבּ, פאַרקערט, די פּלענער וועלן זיך, כאָלילע, ניט איינ־געבּן, דאַן — וועגן אַזאַ „דאַן" איז איצט שווער צו רעדן און צו זאָגן נעוויעס, וואָס עס קען פּאַסירן. פּעסימיסטיש אָבּער דאַרף מע ניט זיין. פאַרקערט, פאַר אונדז, די קריטיקער, די וואָס שטייען מעבוץ פון די שווערע מאַטערנישן און הערלישע פּרווון,

וואָס ווערן געמאַכט אין ראַנטפאַרבאַנד, פאַר אונדז, איז נייטיק, ווערט אַלץ נייטיקער, מיט דעם גאַנג פון די טעג, אַ בליק צו טאָן אַף די קאָנסטרוקטיווע זייטן פון דעם דאָרטיקן ליטעראַריש־קריטישן וועג. אין דער פּאָלעמיק, אָפּט פּערזענלעכער און פּאַרטייִישער קריגערײַ, טאָר דאָס בעשום אויפן ניט דורכגעלאָזט ווערן.

איך גלייב און איך פיל, אַז עס איז אויך פאַראַן נייקייט, נייטיקע נייקייט, און מאַמאָשעסדיקייט, אַ סאַך קאָנסטרוקטיוועס, אין יענעם יאַטישן, פלאַקאַטישן, אָפּט־כוצפּעדיקן, אָבער רעוואָליר־ציאָנערן, צוגאַנג צו ליטעראַטור. אַ שאָד נאָר וואָס אָט די אינע־ווייניקסטע גרונטאָוונע בויענדיקע מאָמענטן ווערן אָפּט פאַרשטופּט אָן אַ זייט, ווערן אָפּט פאַרשריען מיט זייטיקע, פּלאַכע רייד, ווערן פאַרגרילצט פון אַלערליי מעשאָרסים און ייוצער מעשאָרסים פון דער רעוואָליוציע . . .

די נעגאַטיווע זייטן: געשריי, אַז מע מוז נאָר שרייבן פון שאַפ; געשריי, אַז מע מוז נאָר באַזינגען דעם אַרבעטער, רימען אים, ליבן אים — ער איז פרום און גוט, ווו ער קערט זיך און ווו ער ווענדט זיך; אָנזאָגן, אַז מע טאָר ניט שרייבן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, אַז מע מוז זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון יערושע . . . אַז מע מוז שרייבן פלאַכער, וואָס מער הימנע־מעסיק, מאַרשן, אַז מע מוז וועגן נעכטן זינגען מיט האַס, ארור־המנדיק; געשריי, אַז מע מוז ליגן אין כיירעם דעם הימל, די לעוואָנע, די שטערן, די ליבע; פאַרזאָג, אַז ס'טאָר זיך קיינמאָל ניט אַריינכאַפּן קיין שום צווייפל, קיין שום פּאָשעטע בענקשאַפט, קיין שום בענקשאַפט צו: „די טאַטעס און מאַמעס" — דעקרעט, אַז מע מוז פלאַקאַטיש דינען דעם פאַרשאַרפטן קלאַסן־קאַמף, אַז מע מוז שאַפן אַ פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, וואָס דאָס מיינט אַ קלאַסן־ליטע־ראַטור, פאַרניינונג פון דער סטאַם־אַזוייקער נייגונג פון מענטש צו ליד, צו קלאַנג, צו שיינקייט, צו רו, צו זיך; פאַרניינונג פון יאָכיד, — — — דאָס אַלץ גייט אַריין אין סכום פון די נעגאַטיווע זייטן פון קריטיק, וואָס ליטוואַקאָוו, און נאָך אים אַנדערע, האָבן אָוועקגעלייגט אין דעם יידישן ליטעראַרישן לעבן פון סאָוועטן־לאַנד, און וואָס דער אַמעריקאַנער אַלגין, און אַנדערע, פּאָפּולאַ־ריזירן דאָס אַזוי שרייענדיק. ס'האָט זיך אַלץ אויסגעמישט צו־

זאמען און העכער פון אַלץ האָט זיך גענומען הערן: שטעלט צו דעם נייטיקן שטאָף! מיר דאַרפן שטאָף!

אַזוי ווי אָט די אויבנאויפיקע פאָדערונגען זיינען פּאַרטייישע, פּראָגראַמאַטישע, רעדנעריש־שרייענדיקע, האָבן זיך אַרופגעכאַפּט אַף דעם ליטעראַריש־רעוואָליוציאָנערן וואָגן אַלערליי פּאַטעטישע שרייער, שאַפּ־שרייער, רעוואָליוציע־אויסרופער, אַלערליי האַמען־קלאַפּערס, אויך דעמאַגאָגן, באַוווסטזיניקע ליגנער, און ס'איז געוואָרן אַ שרעקלעכע קלאַפּעריי: ויבוא המן!...

פּאַרטויבט צו ווערן!

מענטשן טאַלאַנטלאָזע, זיינען געקאַשערט געוואָרן אַבי זיי שטעלן צו דעם שטאָף... אַבי זיי גראַגערן!

מיר אַלע, וואָס שטייען מעבוץ פון ראַטנפאַרבאַנד, האָבן אַף דעם אַ סאַך מאָל מיט רעכט אָנגעוויזן, אַז ס'איז, ווי געזאָגט, פאַר מיר קלאָר, אַז אונדזערע רייד זיינען ניט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן.

אָבער טיף, אין דער טיפעניש פון דעם לעבן, פון דעם נייעם לעבן־אָטעם פון סאָוועטן־לאַנד און פון דער דאָרטיקער אופקומענ־דיקער ליטעראַטור, זיינען דאָ, שאַפן זיך אין דער זעלבער צייט בויענדיקע עמעסן, קערנדיקע ווערטן. איך ווייס ניט צי מע קען זיי באַטיטלען מיט דעם צו ענגן וואָרט „פּראָלעטאַרישע", נאָר, „לא בשמה תלוי מלתה."

עס זיינען דאָרט דאָ זאַכן, אָנהייבן פון זאַכן, פאָדערונגען פאַר געוויסע נייקייטן אין דער ליטעראַטור, וואָס זיינען שוין אין דער און יענער פאָרמע, אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין די מאַניפעסטן — פון די פאַרשידענע ליטעראַרישע שולעס פאַר די לעצטע 20 יאָר — שולעס וואָס האָבן אייגנטלעך מיט דער רוסישער רעוואָליוציע קיין שייכעס ניט. די שולעס זיינען זיך צעפאַלן. די שאַפונגען פון די פאָרשטייער פון די נייע שולעס אין דער ליטעראַטור זיינען אין פיל פאַלן גאָר געגאַנגען לעהיפּעך צו די מאַניפעסטן...

אין סאָוועטן־לאַנד האָט מען אָבער די פאָדערונגען אַף אַ נייעם אופן, אין ליכט פון די נייע פּאַסירונגען, גענומען אַרויסהייבן, קעמפן פאַר זיי (כאָטש ניט אַלע מאָל מיט די פּאַסיקע רייד און פּאַסיקע מיטלען) און וואָס נאָך וויכטיקער: מע האָט זיך גענומען צו שאַפן סוויווע פאַר די עמעסן.

## 1. דער דיכטער, זיין לעבן און זיין וואָרט

אין דעם גאַנג פֿון דער ליטעראַטור דורך דוירעס, אין דער פֿאַרוועלטלעכונג פֿון דער ליטעראַטור, און דעם אַוועקגיין פֿון דער קירכע (פּאָעט איז אַוועק פֿון דער קירכע נאָך איידער דער שטאַט איז פֿון דאָרט אַוועק). האָט זיך באַשאַפֿן אַזאַ צווייִיקע לאַגע, אַזאַ היפּעך פּאָנעמדיקייט: דער דיכטער, דער פּאָעט איז זיך געבליבן אין איין ווינקל און זיין ליד — אין אַ צווייטן, אָפּט אין אַ קעגנזעצטן. דער פּאָעט האָט געזונגען וועגן בת־מלכות, און אַליין איז ער געגאַנגען צו דער אויסגעלאַסענער פֿרוי. וואָרט לחוד — דיכטער לחוד. וואָרט איז געוואָרן ליגן, אָדער מענטש איז געוואָרן ליגן. ווי האָט אַמאָל געזאָגט מאָריס ראָזנפֿעלד: „קראַנק איז עמעץ פֿון אונדז ביידן". דעריבער האָט מע זיך גענומען טרייסטן מיט „קונסט צוליב קונסט", — אַ מין העטער פֿאַרן ליגן. אַ העטער — ניט אַזוי צו ראַטעווען די קונסט, ווי צו ראַטעווען זיך... ליד אַן און פֿאַר זיך, כאָטש עס האָט מיט דעם מענטשן, מיט דער פּערזענלעכקייט, גאָר ניט צו טאָן. מע האָט זיך געזאָגט: וואָס מאַכט עס אויס וואָס פֿאַר אַ מענטש דער דיכטער איז — אַבי ער שרייבט אַזוי וווּנדערלעך! און מע האָט ווייטער גערעדט: קריכט ניט אין יענעמס שלאָפֿצימערן, קוקט אים ניט נאָך ווי ער לעבט — אַבי ער טראָגט אונדז צו אַזוינע וווּנדערלעכע שטראָף־רייד, אַזוינע שיינע זאַכן, בלאָע כאַלוימעס. ס'האָט זיך באַקומען אַזאַ מין יאַנקל־שאַפּשאָוויטשעריי אין דער ליטעראַטור — אַ סייפֿער־טוירעלע אין איין ווינקל בלויז פֿון זינ־ דיקן האַרץ... און מע האָט עס גוטגעהייסן, מע האָט קעגן דעם מער קימאַט ניט געקריגט, אַלץ איז קאָשער וועיאָשער... און ווייטער און טיפֿער איז אָט דער פּיל־פּיסיקער ראַק געקראָכן אין דעם אַלגעמיינעם קולטור־לעבן און ס'איז קאָשער געווען די צע־ טיילונג: מענטש באַזונדער און זיין טאַט באַזונדער! וואָרט האָט פֿאַרלוירן זיין ווערט, וואָרט האָט גענומען איינלויפֿן, אָט אַזוי ווי אַ קליין שטראָמל וואָס דער פֿראָסט יאָגט אים נאָך... ליד האָט גענומען ווערן: דעקאָראַציע, ניט קונסט, ניט אינערלעכער שטראָם, נאָר „דעקאָראַציע"! דיכטונג האָט אין גאָר אַ סאָך

פאַלן זיך גענומען דערוווייטערן פון דיכטער, פון זיין לעבן און בעמיילע שוין פון מענטש ביכלאַל, און מ'האָט געשאַפן אַ ווערטל:
— „דער דיכטער איז אויך אופריכטיק אין זיין ליגן״...

קעגן אָט דעם צושטאַנד האָבן זיך גענומען הערן שאַרפע רייד אין די לעצטע יאָרן. אַנדערע האָבן גענומען טראַכטן, אַז עפּשער איז דאָס די איקערדיקע אורזאַך פאַרוואָס ליטעראַטור האָט נאָך די רעליגיעזע צייטן גענומען פאַרלירן איר ווירקונג.

אין די ברוטאַלע רייד וואָס באַלשעוויקעס אָבער האָבן גענומען רעדן, אין די בייסיק־ציינערדיקע פראַזן זייערע, האָט זיך גענומען הערן ניט נאָר כאַראָטע, נאָר שאַרפער פּראָטעסט קעגן דעם. ס'איז אופגעהויבן געוואָרן אַ מילכאָמע קעגן דעם דאָזיקן צושטאַנד. אין קאַמף ווערט מע געשטרויכלט. אָבער הינטער די אַלע שטרויכלונגען שיינט צו מיר ארויס אָט דערדאָזיקער, אין טאָך פּאָזיטיווער קויעך, וואָס ווערט ארויסגערוקט צום פראָנט פון דער ליטעראַטור. איך וויים: צופיל שוין באַנוצט מען נעגאַטיווע מיטלען צו קעמפן פאַרן פּאָזיטיוון... איך ווייס אַנדערע נאַכלויפער זיינען בלויז געוואָרן באַדכאָנימלעך, די באַזינגערלעך פון דער רעוואָליוציע, און זיי פאַרבינדן שוין זייער לעבן גאָר ניט מיטן ליד וואָס זיי זינגען. אָבער אָפּגעזען פון דעם אַלעמען לייכט ארויס פון הינטערגרונט פון די אַלע רייד קעגן „לידער וואָס זיינען בלויז שפּילצייג״, — דער פּאָזיטיווער קאַמף, דער קאָנסטרוקטיווער קאַמף פאַר דער גאַנצקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. ס'איז אין טאָך אַ קאַמף קעגן אַ מאַכלע, וואָס האָט דעם מענטשן פון זיין וואָרט אָפּגעריסן. אָט אַזוי קוקט מיר אוים דער אופשטייג פון דעם וואָכעדיקן, אָפּט ברוטאַלן און רויען טאָן אין דער סאָוועטישער ליריק.

## 2. שטאָט

שטאָט איז געוואַקסן. ווענט האָבן זיך אופגעהויבן. שטאַלענע ליניעס האָבן זיך אַזוי ווי שנורן ארום און ארום דעם שטאָטישן מענטשן גענומען פלעכטן, ארומנעמען אים. מענטש האָט זיך דערשראָקן. אַ נייער קויעך איז צוגעקומען. אַ נייע סטיכיע.

מענטש האָט זיך גענומען שרעקן פאַר זיין אייגענעם באַשאַף, און מענטש איז אָפּהענטיק געוואָרן:

— די שטאָט איז קעגן ליד!

— די שטאָט איז קעגן מענטש!

— זאָל צעשמעטערט ווערן מיין באַשאַף!

— גוואַלט, ראַטעוועט!

מע האָט אינערלעך, אין זיך, גענומען אַנטלויפן פון דעם ריז. וואָס רופט זיך „שטאָט"; מע האָט גענומען באַוויינען דעם מענטש, וואָס ווערט פאַרלוירן אין דער שטאָט. שטאָט איז באַשאַפן געוואָרן דורך אימפּעט און אָט דער אימפּעט האָט אין דער שטאָט־פּאָעזיע גאָר אַריינגעבראַכט אַ גוואַלטיקע אָפּהענטיקייט, מוירע, קלאָג, — געבראָכענער טאָן. יעדער איינער האָט אין מיטן פון דער שטאָט זיך אַ קליין־דערפעלע באַשאַפן. אַ געדערל, אַ דערפעלע פאַר זיך... די שטאָט האָט ווי אַ מאַסע זיך גענומען לייגן אויף יעדנס פּלייצעס, הויפּטזעכלעך אויף די פּלייצעס פון די מערסטע וואָרט־קינסטלער און דיכטער. האָט מען גענומען קלאָגן מיט דעם קלאָג פון דעם געפּלאָגטן, ביבלישן איעוו:

— וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט מיין ליד קעגן שטאָט? וואָס בין איך קעגן דער מאַיעסטעטישקייט פון דער גרויסשטאָט? ווי קען זיך הערן מיין וואָרט, ווען די שטאָט ראַשט אַזוי שטאַרק? ווי קען איך כאַלעמען, ווען די שטאָט איז אַזוי ניכטער?

— גוואַלט, ווײ־געשריען!

קעגן אָט דער דאָרפישער אָפּהענטיקייט, קעגן אָט דער קליינשטעטלדיקייט, האָבן זיך גענומען דערהערן שטאַרקע אַרויסטרעטונגען. מע האָט גענומען דעם כוילע אָפּשרייען... אין דעם, צי אין יענער ליטעראַרישער שול־פּראָגראַם האָט זיך דערהערט אַ גוט וואָרט וועגן דער שטאָט. אַזוי איז עס געווען אין דער פּראָגראַם, אָבער אין די לידער פון די „ריכטונג־פּאָעטן" האָט זיך אַלץ געהערט דער זעלבער סקאַרבאָוועער אל רחום־וחנון... ראַטעווע!

שטאָט איז געקומען צו בלייבן. שטאָט איז דאָ. דער מענטש מוז די שטאָט מיט זיין ליד באַזיגן, (ניט נאָר באַזינגען!) ווי ער האָט דעם מידבער באַזיגט, מענטש איבער דער שטאָט!

דער רוף צו באפרייען זיך פון דער דארפישער ראמאנטישקייט, דער רוף צו באפרייען זיך פון אלטע קלישע־פערזאניפיקאציעס, און אלטער בילדלעכקייט, פון „בלויע ריטער", דער רוף אנצונעמען די שטאט, ארייננצונעמען זי אין זיך אריין, האט זיך גענומען הערן שארף דאווקע אין דעם פויערים־לאנד — רוסלאנד! רוף: אופצוהייבן א נייעם טאן, אופצוכאפן נייע דערפארונגען, אופצו־בויען א נייע סוויווע פארן נייעם ווארט, ניי לעבן, — דאס אלץ הערט זיך אף אזא, אדער אף אן אנדער אופן אין דער ליטערא־רישער קריטיק פון ראטנפארבאנד. מע קומט דארט ניט אף סטאם מיט טאכנונים־רייד, נאר מע קעמפט פאר דעם.

איז נאך פארלייפיק א געמיש. מע טוט אוולעס צו ליד ביכלאל, מע פארבייט עס אפט מיט גראמען, מיט פראקלאמאציעס, מיט נייעס, מיט אויסרוף־צייכנס, — אבער ס'איז דאך דא הינ־טער דעם אלעמען עטוואס בויענדיקעס, קאנסטרוקטיוועס.

## מאשיניזאציע

און צוגלייך מיט דער שטאט האט די מאשין אויך ארופגעווארפן א מוירע אף אונדזער אלטער וועלט. די מאשין גייט! מיר לעבן איצט אין דער מאשין־צייט! היט זיך! די מאשין שלינגט איין דעם מענטשן! די מאשין נעמט צו פון מענטשן זיין אקטיוויטעט, זיין אמביציע, זיין שאפונגס־פעיקייט! די מאשין מאכט פון דעם מענטש אליין א מאשין, ניין זי מאכט פון מענטשן א שרייפל בלויז, דער מענטש ווערט א קליינטשינק שרייפעלע!

ווער האט שוין ניט געקלאגן אט די דאזיקע קלאגן? ווער האט שוין ניט פארגאסן קיין טרערן אף דעם?

א בארג מיט ביכער זיינען אנגעשריבן געווארן וועגן דעם. אלע פראפעסארן, אלע פריוואט־דאצענטן, אלע גריבלער, אלע אידעאליסטן, אלע קירכע לייט, אלע מאגידים האבן ניט איין טרער שוין פארגאסן אף דער „מאשין וואס איז אן א זין" און וואס האט „טויזנט פיס און טויזנט מיילער"... די מאשין האט זיך גענומען באוויזן צו אונדז אין געשטאלט פון א דראקאן, פון עפעס א ווילד געשפענסט: די מאשין־צייט טויט אף דעם

מענטשן, די קולטור פון מענטשן!! טרערנדיק האָט וועגן דעם אויך געקלאָגט דער אַמעריקאַנער קריטיקער קראַטש. ער דאַווקע? אַלע האָבן געקלאָגט. כאָטש נעם און צעבּרעך די מאַשין, ווי דאָס איז געשען אַמאָל מיט הונגעריקע אַרבעטער אין ענגלאַנד!...

פּאַריז האָט געוויזן דראַמעס ווי דער מענטש ליגט אונטער דער מאַשין: לאָנדאָן האָט, ווי אַלע מאָל אין אַן עת צרה, גערופן צוריק צו דער ביבּל; ווין, צי פּראַג, האָט זיך געקליגט און געוויזן ווי דער מענטש ווערט אַ ראָבּאָט; בּערלין האָט דעם מענטשן אין אַ מינע באַגראָבן (ערגעץ אין אַ דראַמע) נויאָרק האָט גאָר געוואָלט פּאַטער ווערן פון ליד, פון מענטש און בּלייבּן בּאַ דער מאַשין אַליין — מיט אַ גרינגן האַרץ...

די „מאַשין־צייט" איז דערשינען פאַר אַ סאַך וואָרט־קינסט־לער, אַזוי ווי אַ פאַרניכטנדיקע אייז־צייט, שטיין־צייט...

אָבּער אין סאָוועטן־לאַנד האָט מע זיך גענומען צו באַזיגן די מאַשין. מע האָט זיך דאָרט פאַר דער מאַשין ניט דערשראָקן. רופן האָבּן זיך דאָרט דערהערט: „אופצוהערן זינגען לידער וועגן שפּין־ראָד, נאָר צו זינגען וועגן טורבּינען". דער טראַקטאָר גייט, די הייב־מאַשין טראָגט, הייבּט, די זעג־מאַשין רוישט, — אָבער מענטש בּלייבּט מענטש. אין דעם בּיז איצט פאַרוואָרלאָזטן רוס־לאַנד פיל איך, וואַקסט דער קוועך וואָס וועט אין לעבן און אין וואָרט ענדלעך בּאַזיגן די מאַשין.

## 3. קאַמף קעגן דעקאַדאַנץ

דער אונטערגאַנג פון דער מאַרעוו־אייראָפּעישער ציוויליזאַ־ציע, דער איבּערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם, דאָס שאָקלען זיך פון דער איצטיקער אָרדענונג, — דאָס זיינען געוואָרן די לאָזונגען פון שפּענגלערן בּיז — בּיז וועמען ניט? — בּיז דעם צייטונגס־רעד־פאַרטער. די ירושע וואָס איז איבּערגעבּליבּן פון דער וועלט־מילכאָמע, די וואַקסנדיקע אַרבעטסלאָזיקייט, די איבּער־פּראָדוק־ציע, די צעשרויפטע פינאַנץ־סיסטעמען, די און נאָך זאַכן, האָבּן געהאַלטן אין צוגרייטן איבּער גאָר דער וועלט אַ שרעקלעכע דעקאַ־

דאַנק־שטימונג, אַן אונטערגאַנגס־פּסיכאָלאָגיע, אַ ייעש, אַ טויט־שאַטן... דער שאָטן האָט זיך שוין געהאַלטן אין אויסשפּרייטן אין אַ סך ליטעראַטורן. דאָס האָט שוין געהאַלטן אין ווערן אַ פילאָזאָפיע. מע גייט באַרג אַראָפּ! מע איז געקומען צו אַ שפּיץ און מע מוז איצט גיין אָפּ צוריק!

אין אָט דער דאָזיקער צייט האָט זיך גענומען הערן גאָר אַן אַנדער שטים פון גרויסן רוסלאַנד. ניט אַראָפּ, נאָר אַרויף! אין סאָוועטן־לאַנד האָט זיך באַשאַפן אַן אַנטידאָט צו דעם מאַרעוור־אייראָפּעיִשן אונטערגאַנגס־געפיל. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ קאַצניאָמער עס וואָלט גענומען הערשן אין דער ליטעראַטור, ווען ניט די ווירקונג פון סאָוועטן־לאַנד. מע האָט זיך דאַרט פאַרנומען צו ראַטעווען די וועלט פון דער אונטערגאַנגס־שטימונג.

דאָס איז אויך אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר אין דעם גאַנג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

## 4. טויט

ס'איז נאַטירלעך, קאָמיש צו הערן פון אַ סאָוועטישן קריטי־קער, אַז מע טאָר ביכלאַל ניט שרייבן וועגן טויט. אַהאַ, וועט מע נאָך שרייבן וועגן דעם! מע מוז אָבער צוגעבן, אַז דער שוואַרצער קאַטאַפאַלק האָט זיך צו ברייט צעלייגט אין דער וועלט־פּאָעזיע. בלויז דער יידישער טילים, דער נאָווי, דער שיראַשירים, האָט באַזיגט דעם טויט־מאָטיוו. עפּשער אויך דער גריך אין אַ געווי־סער אופשטייג־עפּאָכע. אָבער אין אַלגעמיין האָט דער טויט מאַמעש אופגעגעסן די וועלט־פּאָעזיע. אומעטום דער זעלבער געקלאָג. מערקווירדיק ווי אַנטאָלאָגיעס פון דער וועלט־פּאָעזיע זיינען אָנגעשטאָפּט מיט טויט־מאָטיוון.

די גרויסע קלאָג האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן נאָך דעם ווי דער מענטש האָט פאַרלוירן די „יענע וועלט“. אָבער ווי לאַנג איז דאָס דער שיר צו קלאָגן. ניטאָ קיין יענע וועלט! ניטאָ — און אַ סאָף זאָל עס נעמען! מע מוז דאָך שאָלעם מאַכן מיט די יאָרן וואָס מע האָט, מיט דעם לעבן וואָס מע לעבט. און אָט דער דאָזיקער רוף צו שאָלעם־מאַכן מיטן לעבן הערט זיך אַרויס פון

די אַלע בייסנדיקע ווערטער וואָס סאָוועטישע קריטיקער וואַרפֿן אַף די דיכטער וואָס האַלטן אין איין קלאָגן אַף טויט. הינטער די צופעליקע באַמערקונגען, הינטער די אַגיטאַטאָרישע, פֿלאַכע גאַסן־רופֿן: פרייד! — ליגט דאָך אַן אינעווייניקסטער טיפער עמעס; אַ רייסעניש צו אַ נייעם עמעס, צו אַ נייעם אַנהאַלט.

מיט אַ צייט צוריק האָט אַ סאָוועטישער שרייבער זיך דאָס לעבן גענומען. און אין זיין געזעגענונגס־בריוול האָט ער אומגעפֿער אַזוי געזאָגט: „קעמפֿט, איך האַלט פֿון קאַמף. בויט, מיר אָבער איז שווער געוואָרן מיטצוגיין און דעריבער האָב איך באַשלאָסן אָוועקצוגיין קעדיי איך זאָל אייך ניט צו שטערן. און נאָך אַלעמען וואָס מאַכט עס אויס: מער ווי איין מאָל שטאַרבט מע דאָך ניט!״ אַזוי האָט ער געשריבן. געדענק איך ווי אַ סאָוועטיש־אידישער קריטיקער האָט באַמערקט: „די לעצטע פֿראַזע טויג ניט, זי קלינגט בורזשואַזנע״. מיילע, איך בין שוין גאָר ניט אַנטציקט צו הערן, ווי מע רוקט על־פּי־מצוה אַריין דאָס זידל־וואָרט: „בור־זשואַזנע״ און דאָס ייכעס־וואָרט: „קלאָסן״ וווּ דאָס פּאַסט זיך און וווּ דאָס פּאַסט זיך ניט. אָבער אין דער באַמערקונג האָב איך דערהערט אַ קלאַנג... אַן עמעס. קאַמף קענען קעהעלעסדיקן העוועל. אין דער אומצופרידנקייט מיט דער לעצטער פֿראַזע פֿון זעלבסטמערדער האָט זיך געהערט: יעדער שאָ פֿון לעבן איז עפּעס ווערט, עס מאַכט שוין גאָר אויס ווען איינער שטאַרבט, דעם טויט דאַרף מע ניט נאָכיאָגן!

אַזאַ רוף, אַזאַ קוק, קלינגט וואַרעם אַפּ. צום דאָזיקן שאַלעם מיטן לעבן וועט מוזן קומען דער היינטיקער מענטש.

* * *

שטייענדיק אויסער דעם נייעם לעבנס־שטייגער פֿון ראַטנ־פֿאַרבאַנד קענען מיר פֿון דערווייטן בוילעט אײַנזען די נעגאַטיווע זייטן פֿון דעם דאָרטיקן לעבן. אונדז טוט ווײַ צו זען ווי פֿאַלש עס איז דער צוגאַנג פֿון די דאָרטיקע נייע קריטיקער צו אונדזער ייִדיש־קלאַסישער ליטעראַטור, צו אונדזערע פֿאַרגייער: אונדז טוט ווײַ צו זען און צו הערן ווי כּוויזעקדיק עס איז זייער באַציונג צו אונדזערע אַלע שאַפֿער, וואָס לעבן מעכוץ פֿון דער סאָוועטישער

ספּערע; אונדז טוט וויי צו זען ווי זיי באַנעמען ניט די קולטור־רעלע נויטן פון אונדזער פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט. אונדז טוען וויי די אַלע נעגאַטיווע זאַכן, וועלכע איך האָב דערמאָנט נאָך אין אָנהייב פון דעם אַרטיקל. אונדז טוט וויי און מיר פּאָלעמיזירן, מיר קריגן קעגן דעם. אָבער אין דער היץ פון דער דעבאַטע טאָרן מיר ניט פאַרמאַכן אונדזערע אויגן אָף די פּאָזיטיווע מאָמענטן פון יענעם אופשטייג, אָף די קאָנסטרוקטיווע מאָטיוון וואָס הויערן איבערן אויבערפלאַך פון דעם דאָרטיקן ליטעראַרישן שליאַך. פּעסימיסטיש טאָר מען גערווים ניט זיין. צייטן וועלן זיך איינשטילן, דער רייץ פון מאַרש וועט זיך אָפּקילן. די הימנע וועט צוריק ליד ווערן. שפּיציקייטן וועלן זיך אָפּשאַרפן, פאַרשווינדן. דאָס פּאָזיטיווע וועט בלייבן. מיר דאַרפן העלפן, זען, אַז דאָס זאָל בלייבן.

# וויג־ליד און אנדערע לידער

קאַלעגן —
לאָמיר זיך אָנעמען מיט מוט און אַרויסוואַרפֿן פֿון אונדזער פּאָעטישן קלומיק ראָמאַנטישע, שיינע אָבער אַלטע, אָפּגענוצטע זאַכן.

ווערט דערציילט ערגעץ אין אַ פֿאָלקס־וויץ ווי דער זינגדי־קער מעס האָט ליגנדיק און ציטערנדיק פֿאַרן מאַלעך־דוימע זיך געוואָלט אָנכאַפּן באַ דער באָרד און שווערן באַ באָרד און פּייעס, אַז ער האָט אויך מיצוועס געטאָן, אָבער —

ער האָט גאָר פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַ געגאָלטער און האָט ניט קיין באָרד...

אָבער מאַני לייב, אים צו לאַנגע יאָר, וואָס איז מיסטאָמע אויך אין דער זעלבער לאַגע פֿון דעם זינדיקן, קימערט זיך ניט איבער דעם און ער זינגט:

— פֿאַרנעם איך עס אָפּט אַזוי קלאָר
און נאָענט ווי פֿון באָרד מיינע האָר.

כ׳וויים, אַ פּאָעט איז ניט קיין מעס און ער קען זאָגן זאַכן „אין דער וועלט אַריין", ער קען זען און פֿילן אומרעאַלע זאַכן ווי זיי וואָלטן טאַקע זיין אין דער עמעסן. אָבער דאָס איז אַלץ גע־רעדט געוואָרן וועגן זאַכן אין דער דיסטאַנץ, ווייטער פֿון זיך. קיין פּאָעט, ווי וויזיאָנעריש ער זאָל ניט זיין, קען אָבער ניט זינגען פֿון זיך, אַז ער קוקט מיט דריי אויגן. (פֿון עפּעס אַ וויטן ר י ז יאָ — אָבער פֿון זיך ניט!...).

בערד! מאַלכוסדיקע בערד, זיידע־בערד — דער „באָרד־מאָטיוו" איז אַוועק; יאָ, אַוועק צוזאַמען מיט איינהאָרנס לעצטן „באַלטפּילע"...

און אין אַלגעמיין:
די דאָרפֿישקייט גליטשט זיך אַלץ מער און מער אַרויס פֿון אונדזער ליד.

דער צעפּ־מאָטיוו (צעפּ שלייערן: צעפּ־נעצן, צעפּ־מאַכשייפֿע־

דיקע) איז אויך פלוצלונג ניט־געווארן, כאטש דער זעלבער מאני לייב זינגט נאך:

— טו אז א ווייסע קלייד
און לאז פאנאנדער דיינע צעפ.

און אט אזוי איז שוין היינט־צו־טאג אויך שווערלעך צו שרייבן וועגן „איר" ווי זי שוועבט מיט דער לייכטקייט פון א פרינצעסן (אפילו ניט דוד אינגאטאווס „פרינצעסן שבת"...).

ניטא מער קימאט שוין קיין פרינצעסנס. אייגהארנס „בת־מלכה מיטן פאסטוך" זיינען אוועק צוזאמען מיט זיין פריער־דער־מאנטן באלטפילע...

און דאס סענטימענטאלע בילד „א פאלאץ אין דער נאכט" — די אמאליקע פארשטעלונג פון דארפישער פריצישקייט און קעניג־לעכקייט — פאסט זיך אויך ניט פאר דעם שטאטישן, סופער־מאדערנעם — יא, יא — לעיעלעסן.

גיי שרייב פון ווייטע, פארהוילענע פאלאצן, אז פאלאצן שטייען גאר היינט אין מיטן פון נויארק...

און די ריטערישע פארהערלעכונג פון פערד איז, דוכט זיך, שוין אויך געפאלן צוזאמען מיטן לעצטן דארף־זינגער סערגעי יעסענין... אונדזער ליבער מאני לייב מעג זיך שוין דעריבער פארגינען צו פארן אין אן אווטאמאביל און ניט רייטן צו דער שעקיע אף א „בלאען פערד". אויך זישע לאנדוי מעג שוין אופהערן „רייטנדיק צו באגלייטן זיינע טעג".

און אזוי מעג נאפטאלע גראס שוין אויך אוועקשיקן צוריק אין שלאס אריין דעם „ווייסן רייטער" זיינעם... אפילו מעשי־עכם „ווייסער פערד" האט שוין אויך פארלוירן די פאדקאוועס...

איך מיין, אז אפילו „וויג־לידער" (ניט קינדער־לידער, נאר טאקע וויג־לידער, איילע־לו־לו־מאטיוון), וועלן מוזן ארויס פון דער פאעטישער מאדע. די וויג מיט דער שטריק, מיטן באלקן — ניטא!

א, וויפיל צארטקייט, וויפיל נעשאמע־ווייכקייט, וויפיל נעפל־האפטע, זיסע בענקשאפטן, וויפיל ראמאנטישער כיין עס גייט דאס פארלוירן פאר אונדזערע אויגן! אבער מע קען זיך ניט העלפן — טאם ווענישלאם! (אגעוו, אז אייצע טויווע: זאל

מען די הארציקע אָבער פּראָווינציעלע ראָמאַנטיק נים פאַרבייטן מיטן נאָמען עסטעטיק...).

פּערזאָניפיקאַציע, געשטאַלטן, אפילע מאָטיוון ווערן אויס־געוואָרצלט ווי געניזעקטע ביימער.

ווען איך בין געגאַנגען צו ייצכאַק אייזיק הורוויטשעס לעוואַיע און געזען ווי מע האָט זיין גוף פאַרברענט, ווי ער האָט פאַרן טויט אָנגעזאָגט, האָב איך געטראַכט: אויס קיייווער, אויס מאַצייווע. אויס מיט דער באַהעפטונג מיט דער „מאַמע־ערד", אויס מיטן ביבלישן מאָטיוו פון אומקערן זיך צוריק צו דער ערד!

די גאַנצע מאַצייווע־בעסוילעם, שיידים און געשפּענסטער־וועלט האָט זיך פאַר מיינע אויגן גענומען וואַקלען, וואַקלען און פאַרשווינדן.

פון נאָענט־סענטימענטאַלע מאָטיוון ביז ווייט אילוזיאָרישע, טראַגישע. ס'בייטן זיך צייטן און פאַרשווינדן. ווונדערלעכע אַמאָליקע וועלט־אילוזיעס פאַרשווינדן אויך. ראָמאַנטישע נעצן צעפאַלן זיך. מיר גייען אַלץ מער און מער אַריין אין אַ צייט אָן כאַלוימעס, אָן „הונדערט־יאָר־ארום פאַנטאַזיעס", אָן אַ יענער־וועלט, אָן אילוזיעס און —

גאָט זאָל זיך אָפּ אונדז דערבאַרעמען!...

# וואָרט!

ערשט אַז מע נעמט זיך צו איבערזעצן אַ ליד פון אַן אַנדערער שפּראַך קען מען ריכטיק באַגרייפן די פילבאַדייטונג פון אַ וואָרט. מיר דוכט זיך: דער סאָד פון דער אוממיטלבאַרער ווירקונג, וואָס אַ פּאָעטיש ווערק (און איין ליד פאַר זיך אַליין דאַרף זיין אַ ווערק!) האָט אַף אונדז, ליגט ניט אַזוי אין דער לירישקייט, אין דער פאַרכאַפּנדיקער טעמע און שטימונג, ווי אין דעם קישעף פון וואָרט, אין די נאָכקלאַנגען פון וואָרט. גענוי: ניט אַזוי אין דעם קלאַנג פון וואָרט ווי אין די נאָכקלאַנגען. די נאָכקלאַנגען — דאָס איז דער מאַלערישער הינטערגרונט פון וואָרט.

בילדער, מעטאַפאָרן, פּערזאָניפיקאַציעס, אַסאָסיאַציעס פון זעונגען, סוגעסטיעס פון געפיל, — אַוואַדע דאַרף דאָס דער פּאָעט האָבן. אָבער מער פאַר אַלץ דאַרף ער האָבן וואָרט. און ניט אין דער „שיינקייט פון וואָרט" גייט עס אַזוי, ווי אין דער טיפקייט. איך מיין ניט טיפקייט פון געדאַנק, נאָר טיפקייט פון וואָרט אַליין. אַ וואָרט איז ניט אַליין, אַ וואָרט איז ניט קיין יאָסעם. אַ וואָרט האָט אונטער זיך וואָרצלען און איבער זיך צווייגן. אַרום איין וואָרט זיינען דאָ עטלעכע האַלב־ווערטער, שאַטירונגען פון טייטש, שאַטנדיקייט פון קלאַנג. נאָענטקייט, קרויווּעשאַפט צו אַנאַנדער וואָרט. ווערטער זיינען ווי שאָלעם־אַליי־כעמס יידן — זיי האָבן גרויסע מישפּאָכעס... איבערזעצן אַ פּאָעטיש וואָרט — אַ ביטערע זאַך! צוזאַמען מיטן אַרויסגעזאָגטן פּאָעטישן וואָרט דאַרף מע שוין אַריבערנעמען די ניט־אַרויסגעזאָגטע, אָבער מיטן פּאָעטישן־אויג־געזעענע קרויווּים זיינע, ווייל מע קען דאָך ניט לאָזן אַף העפקער...

ווערטער זיינען ווי לעבעדיקע נעפאַשעס, עס זיינען דאָ אָפּגעלעבטע, אָפּגעריסענע ווערטער אַף וועלכע דער פּאָעט קען זיך ניט פאַרלאָזן, ווערטער וואָס בלאָנדזשען אַרום אין דער שפּראַך ווי פאַרוואָרלאָזטע נעשאָמעס. און אַזוי קען דער פּאָעט זיך אויך ניט פאַרלאָזן אַף נייינקע ווערטער, וואָס האָבן נאָך די אייגע־

לעך ניט געעפנט, און דערהויפט נאָך אַף פּרעמדע ווערטער. (אַ. איר, אַרכידייען, אַראַנזשערייען, באַכן, פּראָדוקטיוון, פון א. לעיע־לעסעם אַ ריי לידער און פון אַנדערע „ריכטונג־לידער״.). די האַרטע, פרעמדע ווערטער אין אַ ליד בלייבן שטיין פּוסט און פאַריאָסעמט ניט קוקנדיק אַף זייער גראַנדיעזער האַלבאַשע...

זשאַרגאָן. וואָס מיינט אייגנטלעך זשאַרגאָן? דאָס מיינט אַ שפּראַך, ווו איין וואָרט קערט זיך מישפּאָכעדיק ניט אָן מיטן צווייטן, ווו דאָס וואָרט האָט קיין קרוּיווים ניט, ניט קיין זיידן פון פריער און ניט קיין ייורעש דערנאָך —

זשאַרגאָן איז שלעכט. און פּונקט אַזוי שלעכט איז פּאַטישער זשאַרגאָן.

*   *   *

און נאָך עפּעס: ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט די כאָכמע, אַז אַלע ווערטער מוזן באַנוצט ווערן, צו זיי דאַרפן און קענען באַנוצט ווערן פון מאָדערנעם פּאָעט. דאָס איז דאָך ריינער שטוס, און פירן פירט דאָס בלויז צו תהו ובהו, צום פּאָעטישן זשאַרגאָן.

אין דעם גאַנג פון לעבן, אין דעם לויף פון יאָרן זיינען אין דער שפּראַך צוגעקומען נייע ווערטער. נייקייט איז אַ גוטע זאַך. אָבער פון ניי ביז ניי איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד פאַרן פּאָעט. פאַראַן ווערטער וואָס די מאָדערנע טעכניק האָט זיי געבוירן; פאַראַן ווערטער וואָס די אַנטוויקלונג פון עלעקטרי־ציטעט האָט זיי אַרויסגעבראַכט — די מאַטעמאַטיק, די פאַברי־קאַציע, די כעמיע, די מעדיצין. פאַר זיך, פאַר זיין געהעריקער סוויווע, האָט דאָס וואָרט פון דעם מין אַ באַדייט. אָבער וואָס פאַר אַ באַדייט האָט דאָס פאַרן פּאָעט??

אַ פּאָר ביישפּילן:

דירעקט. אַ ליניע־באַגריף, אַ באַן־באַגריף. זאָגט מען אַרויס דאָס וואָרט, דערזעט מע גלייך אַ באַן־ליניע. קען דען אַ פּאָעט פאַרבייטן דאָס אָפּן וואָרט „גלייך״?

נאָך אַ ביישפּיל:

פּראָדוקטיוויטעט. מיינט אויך „אַרויסברענגען״ עפּעס. אָבער אַם נאָענטסטן האָט עס צו טאָן מיט „פּראָדאַקשאַן״ מיט פאַברי־

קאַציע. קען מע דען זאָגן, אַז „אַ פּאָעט איז פּראָדוקטיוו״ ? אַי, מע זאָגט דאָך דאָס יע, אַ סך זאָגן אַזוי. דאָס באַווייזט נאָר, אַז די גרויסע שטאָט און אירע צייטונגען האָבן ביכלאַל זשאַרגאָ־ניזירט דאָס לעבן און שפּראַך. אין אַ ליד נאָך דערצו איז דאָס געוויס שלעכט צו געברויכן.

אָדער, אַקסיאָמע. קען דען אַ פּאָעט רעדן צו אַ געליבטער, אַז „איר ליבע צו אים איז אַן אַקסיאָמע״ ? . . .

דאָס איז ניט קיין שאַרזש און ניט קיין וויץ. צו אַזוינע אַבסורדן און זשאַרגאָנישע אויסדרוקן זיינען דערגאַנגען — און דערגייען נאָך — געוויסע מאָדערנע פּאָעטן — אי ביי אונדז, אי באַ לייטן.

„אינצידענטן״ פון מיין לעבן — צו כאַפּן בלויז אַן אויסדרוק פון יאַקעוו גלאַטשטיינס אַ ליד — קלינגט מיר אויך פריקרע. אַלץ איז אין ליד געווען מענטשלעך, פּאַשעט — נאָר דאָס וואָרט „אינצידענטן״ איז אָפּגעשטאַנען אַליין, יאָסעמדיק . . . און מיט מאָדנעם שטאָלץ, ווי שאָלעם־אַליכעמס יאָסעם, זיך נאָך גע־פּאַטשט אין בייכל: „מיר איז גוט, איך בין אַ יאָסעם ! . . .״

אַבסטרוקציע, קאָנסטרוקציע, פּאַראַלעלאָגראַם („גראַם״ אַליין אין אַ שווערע זאַך, צו וואָס נאָך. פּאַראַלעלאָ־גראַם ! . . .) סכעמע, מעטאַבאָליזם, פּראָגנאָז, רעפּראָדוקציע — — — און אַזוי ווייטער און ווייטער ; נייטיקע ווערטער אַוואַדע דאָרט וווּ זיי באַלאַנגען.

פאַרוואָס אָבער אַריינשלעפּן די מאַטעמאַטיק, די כעמיע, די פיזיקע מיט דער טעכניק אין דעם פּאָעטישן לאָשן אַריין, צו וואָס אָט די סנאָבישע ווויל־קענעוודיקייט, צו וואָס אָט דער פּאָעטישער זשאַרגאָן ? . . .

* * *

דערביי וויל איך מע זאָל מיך ניט שלעכט פאַרשטיין : ס׳קען זיין אַז מע קען פּאָעטיש אויך אָנגעצונדן ווערן פון לאָקאָמאָטיוו און — אים באַזונגען ; עפּשער קען מען אויך באַזינגען פּאָטאָ־גראַפישע פּראָצעסן, פיזיאָלאָגישע צושטאַנדן אוי אַזוי ווייטער (זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן מיט דעם ! . . .) נאָר דאָ, באַ אַזוינע

וויסנשאַפטלעכע פּאָעטן וואָס „רעדן“ פון זייער פּאַך, בּאַ אַזוינע קען מע נאָך דערוואַרטן צו געפינען פרעמדע ווערטער, אינטער־נאַציאָנאַלע טערמינען, אויסדרוקן. אָבער וואָרום אַנכאַפּן בּאַם גאָרגל און שלעפּן די „גאַוואַבּראַנצעס“ איינציקווייז צו אַזוינע „רעגיאָנען“ (ווײלקענעוודיקע קאַלעגן, פּאַסקנט איר איצט צי פּאַסט זיך דאָ דאָס דאָזיקע הויך־וואָרט?...) וווּ זיי האָבּן אינערלעך קיין שום צוטריט ניט?

* * *

נאָכאַמאָל: ניט אין דעם ליריזם ליגט אַזוי די מאַטאַנע פון פּאָעט, נאָר אין דעם אָפּקלייבּונג פון וואָרט, און ניט אַזוי אין דער אויסערלעכער שיינקייט ליגט דער פּאָעטישער קויעך, ווי אין דער טיפקייט פון וואָרט, ניט אַזוי אין קלאַנג, ווי אין נאָכקלאַנג, אָפּילע ניט אַזוי אין דער פאַרצווייגונג, ווי אין דער פאַרוואָרצלט־קייט פון וואָרט.

ליריקער זיינען עפּשער אַלע. שטימונגען האָבּן אַלע. נאָר עפּענען דאָס האַרץ, ווי דעם שטיין אַף דער לעגענדאַרער וווּנדער־הייל, קען נאָר דער וואָס ווייסט דעם שעם־אַמפּוירעש. צוויי ווערטער זיינען פאַר אַלאַ־באַבּאַן — אין דער לעגענדע — גענוג געווען דעם שטיין צו רירן.

צוויי ווערטער בּלויז!

ליריקער, מיט ליריזם אַליין איז זיך ניטאָ פיל וואָס איבּערצו־נעמען. בּאַ פּושקינען ווערט ערגעץ געוויזן אַ בּילד ווי אַ פּאַרמאַ־טערטער פּויער טרייבּט זיין פערד אַרום אַ דרעש־ראָד. אַ זומער־פאַרנאַכט, הייסע שטיקעניש. דער פּויער שוויצט און פּאַכעט מיטן אַרבּל. דאָס פערד גייט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, פאַרקלעפּטע אויגן, אַראָפּהענגנדיקער מידער מויל, מאַטער עק. מיטאַמאָל האָט דאָס פערד אַ הויבּ געטאָן דעם קאָפּ, אַ הירזשע געטאָן, אַ קוק גע־טאָן און גענומען אַרום ראָד שנעלער צו גיין. קיינער האָט אים ניט בּארירט, ניט דערמאָנט, ניט געטריבּן, פון זיך אַליין האָט ער זיך פּלוצלונג פאַנאַנדערגעוואָרעמט, עפּעס האָט אים אינעווייניק פערדיש אַ בּרי געטאָן, אַ צי געטאָן...

ניין, לירישקייט אַליין — „אַ צי אַליין“ — איז ניט קיין אויסשליסלעכע מאַטאַנע פון פּאָעט, נאָר דעם קויעך אָפּצוקלייבּן

די ווערטער, מיסכאַטן צו זיין אַ וואָרט מיט אַ וואָרט, צו כאַפּן די גילגולים פון אַ וואָרט, פאַרב מיט פאַרב, קלאַנג לעבן קלאַנג דורך וואָרט צו באַהעפטן, — דאָס פאַרמאָגט נאָר דער פּאָעט.

און נאָך עפּעס:

צו דערהייבן דאָס וואָרט וואָס ליגט אין מאַרק, אין ביליקייט, אין אַלטעגלעכקייט: אַרויסצושיילן דאָס וואָרט פון זיין טרוקע־נער שאָלעכטס, צו ראַטעווען אים פון זשאַרגאָן, — אויך אָט דער קוויעך ליגט נאָר אין דער קעניגרייך פון פּאָעט.

# גראפאָמאַניע

— איזהו גבור?

„דער וואָס באַזיגט, נעמט איין זיין יעצער־הרע".

און —

— איזהו טאַלאַנט?

וויל איך זאָגן:

— הכובש את האגראפאָמאַן.

אָט אין דעם ליגט דער פּרוּוושטיין פון אַ טאַלאַנט: איינצוּנעמען דעם גראַפאָמאַן אין זיך, איינצושטילן, איינצוהאַמעווען אים.

פון טונקל זעט זיך אַ מייזיש עקל אַרוים. און אין יעדן טאַלאַנט: די אייגעלעך פון דער איינגעצאַמטער מאַניע...

האַלט פעסט די נעץ!

האַלט שטאַרק די צאַם!

לאָזט אים ניט אָפּ!

דאָס אייגנטלעך מיינט „אַרבעטן אָפּ זיך". ניט אַזוי צו דערגרייכן אַ בעסערע פאָרם, סטיל, אויסדרוק, — ווי וואָס טיפער צו באַהאַלטן דאָס גראַפאָמאַנישע אין זיך, דאָס פּוסטע וואָרט, די איינגערעדטקייט, די פלאַכקייט, די מאַניע.

פריער קומט העל־זעערישקייט, געשווינטקייט פון אויג און אויער, נעווע, און דערנאָך קומט — מאַניע. אַמאָל ווידער קומט די מאַניע צוגלייך מיט דער העל־זעערישקייט.

און איך מעסט די גרייס פון אַ טאַלאַנט נאָך דעם אָפּ וויפיל אים איז געלונגען די מאַניע, דעם גראַפאָמאַנדל וואָס אין אים, איינצוצאַמען. אפילע בײַ גאָר גרויסע טאַלאַנטן פּאַסירט דאָס.

אַז אַ פייער ברענט און ברענט אין אויוון אַן אופהער זיבן יאָר נאָכאַנאַנד ווערט אין פייער אַ סאַלאַמאַנדרא געבוירן, זאָגט די טאַלמודישע לעגענדע.

און אַזוי ווערט אַמאָל בײַם טאַלאַנט אויך אַ „סאַלאַמאַנדרא" געבוירן, — אַ שערעץ אַזאַ פון צופיל ברענען, פון צופיל אַש...

לאָז דעם גראַפאָמאַן אַף די סאַלאַמאַנדע־פּיסלעך ניט אַרויס־שפּרינגען! ...

האַלט זיך!

* * *

אַז מע זעט פאַר זיך בלויז גראַפאָמאַן, איינגערעדטן דיכטער, וווּנדערט מע זיך ניט. ס'איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. מע וווּנדערט זיך ניט און ס'אַרט ניט קיינעם. זיינע לאַנגע האָר, ווי זיינע לאַנגע שורעס רופן בלויז אַ שמייכל אַרויס. אָרעמער איינגערעדטער! קרענקלעכער, קלינגענדיקער נאַר!

נאָר אַמאָל דערזעט מען עפּעס אַזוינס פון וואָס דו ווערסט געפּלעפט. מאָדנע: אָט שטייט אַ מענטש מיט אַ מענטשלעך וואָרט אין מויל און דאָך פון הינטן פאַרט מיט אים אַ קאַרליק אין פּערדלעך...

אָט לייכט אויף בײַ אים אַ שורע, ווי אַ בליץ אין מויעך, ווי אַ שטערן אין הימל און — אָט שיסט ער שוין מיט פייערווערק.

ווי קען זיין אַזאַ געמיש? גראַפאָמאַניע איז דאָך דער היפּעך פון טאַלאַנט? ווי פּאַרט זיך עס, ווי מישט זיך עס אויס?

מע קען נאָך פאַרשטיין אַ געמיש פון אינטויציע מיט געדאַנק־לעכקייט, פון ספּאָנטאַנישקייט מיט „אויסגעברייטקייט", אויסגע־זעסנקייט, מעלאָכע. אָבער ווי שיקט זיך עס: טאַלאַנט מיט גראַפאָמאַניע?

אין די לעצטע יאָרן האָבן איך אָט דעם געמיש עטלעכע מאָל באַמערקט, סיי אין פרעמדן און סיי בײַ אונדז. ניט אַנדערש, אַז מע האָט איצט, אין צייטן פון זוכן נייע רייד, נייע טעמעס און נייע צ ו ה ע ר ע ר, זיך פאַרקוקט אַ ווײַלע און דעם גראַפאָמאַן אָפּגע־לאָזן, אַרויסגעלאָזן פון נעץ אַרויס.

די סאַלאַמאַנדרע שפּרינגט אַזוי מיעס פון פייער אַרויס.

נעמט שאָלעם־אַליכעמען. אוואַדע האָט ער אויך געהאַט צאָרעס פון „גראַפאָמאַן". נאָר ער האָט אים קיינמאָל אַף דער פריי ניט אַרויסגעלאָזן.

און פּערעץ האָט אין זיין ראַנגלעניש אויך באַוויזן דעם גראַפאָ־מאַן וואָס אין אים — ווי אין יעדער טאַלאַנט — דעם מויל צו פאַרשטאָפּן. אַזוי יעדער קויעך, יעדער שאַפער, יעדער באַל־מאַזל.

בא בערגלסאַנען ליגט דער „גראַפּאַמאַן" — די מאַניע — אונטער זיבן שלעסער פאַרשפּאַרט. זוך אים — ניטאַ!

ווייסנבערג, לעמאַשל, האָט שוין ווייניקער מאַזל געהאַט.

אויך מאָרים ראָזנפעלד האָט די מילכאָמע ניט אויסגעהאַלטן אין זיינע לעצטע יאָרן.

פּערעץ הירשביין איז אויך ניט אַלע מאָל געווען אין זיין לאַנג-יאָריקע קינסטלערישער ראַנגלעניש.

פאַראַן אַזוינע ווידער וואָס, אַז זיי דערזען: עס האַלט שמאָל, הערן זיי אײַנגאַנצן אויף צו שרייבן, שטעלן זיך אָפּ. די נעוווע האָט זיך אָפּגעטאָן איז — אוים!

פאַראַן אָבער אַנדערע וואָס ווערן געשטרויכלט.

געווען בא אונדז אין וואַרשע אַ אוריע צווי גרינבערג. דוכט זיך אַ מענטש מיט טאַלאַנט, מיט עמעסן אימפּעט. אָבער אַט גייט שוין בא אים דער באַפּרייטער גראַפאָמאַנדל פאַרויס מיט „שוואַרצע שלאָמים" אין האַנט, מיט „שקיעס" און מיט ווײַרוויך־געזאַנגען... און אַט אַזוי איז ער מיט זיין „קרייץ־צוג" קיין יערושאַלאַים אַוועק... אַ מאָדנער געמיש.

מײַלעך ראַוויטש. קענט איר די געצאַמטע שורעס זיינע פון „שפּינאָזע"? ווייסט איר די אָפענע, נאַקעטע לידער זיינע פון זיין „קערן"? עכטע לידער, עכטע רייד — טאַלאַנט!

אָבער — אַט גייט ער שוין מיטאַמאָל מיט אַ באָרד און בא דער האַנט אַ קאַרליקל. ראַוויטש איז דערזעלבער. נאָר ער פירט אַ קאַרליקל, אַ „סאַלאַמאַנדרא" בא דער האַנט... אַפּאַנים פון צופיל פייער געבוירן געוואָרן. נעמט זיינע „אופרופן צו דער יידישער יוגנט"? נעמט זיינע שוועס ניט צו שרייבן מער קיין לידער און — לייענט דערנאָך זיין „דאָס געזאַנג פון האָס און ליבע צום יידישן פאָלק"; לייענט זיין מאָדנע פאַרעדע אין זיין נייסטן פּאָעמען־בוך. וואָס פאַר אַ מאָדנע אַנגעצווינגנקייט, פאַלסי־פיצירונג פון טאָן, וואָס פאַר אַ מאָדנע זשופּיצעס זיינע שורעס טראָגן!

און מאָדנע: אויך אין דעם דערמאָנטן געזאַנג זיינען דאָ טאַלאַנטפולע, זייער קרעפטיקע שטעלן; אָבער זייט בא זייט —

שטעלן קימאַט גראַפאָמאַנישע. ווי קומט דאָס? פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ געמיש?

ראַוויטש און גרינבערג זיינען ניט די איינציקע בײַ אונדז. דערמאָנען גלײַך נאָך נעמען איז אַ מוירע. גיי צעקריג זיך אַף איין מאָל מיט דער גאַנצער וועלט...

אין דער היסטעריש קייט וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער ליטעראַטור און אין די לעצטע היסטערישע מילכאָמע־און־נאָך־מילכאָמע־יאָרן האָט די מאַניע, אַז אייביק לווערנדע גראַפאָמאַניע בײַ אַ סאַך שרײַבער און דאַווקע טאַלאַנטירטע, דאָ און דאָרט, דעם קאָפּ אַף אַ ווײַלע אַרופגעהויבן. מע זאָגט אַז פאַר דער מילכאָמע איז די ליטעראַטור צו סענטימענטאַל געווען. נו, און היסטעריקע איז בעסער? היסטעריקע — צוליב באַפרײַטע ליטעראַטורן (פּוילישע, ליטווישע, באַלקאַנישע.) היסטעריקע — צוליב רעוואָליוציע; היסטעריקע — צוליב קוירעכס מעשונעדיקער רײַכקייט (אַמעריקע.); היסטעריקע — צוליב פּאָגראָמען, נויט און אומגליק, צוליב איבערבייט פון לעבנס־שטייגער (מיר אַליין.); היסטעריקע צוליב נעצאָכן און היסטעריקע צוליב מעפּאָלע. האָט זיך די היסטעריקע, וואָס האַלט נאָך אַן, אויך אין דער ליטעראַטור זיך אַריינגעריסן; אָנשטאָט דממה דקה — קולות וברקים; האָט מעשונעדיקע ריכטונגען געבראַכט. געשריי, אַז מע קען זיך קוים צונויפרעדן.

און אין אָט דער היסטעריקע, אין אָט דעם פאַרלירן זיך, אין אָט דער יאָגעניש נאָך נייע סענסאַציעס — קימאַט שוין ווי דער געיעג אין לופט־פליערײַ — אין אָט דעם געוועט וואָס שנעלער צום פאַרהיילענעם „נאָרט־פּאָל" פון דער ליטעראַטור צו דערלאַנגען, דערפינדונגען צו מאַכן, יעשועס צו ברענגען, אין אָט דער היסטעריקע האָט דאָס גראַפאָמאַנישע אַפילע בײַ שעפער באַקומען אַ געלעגנהייט — פון באַהעלטעניש זיך צו באַווײַזן. היינט — כיזויען, העל־זעערישקייט, און מאָרגן — באַם זעלבן: ביזויען און גראַפאָמאַנישקייט. אַזוי באַמערקט זיך דאָס בײַ די צעסימכעטע פּוילישע דיכטער; אַזוי באַמערקט זיך דאָס בײַ אַמעריקאַנישע (מאַסטערס, דרײַזער און אַנדערע.); אַזוי בײַ ענגלישע, פראַנצויזישע, רוסישע. איין שאַפונג בײַ אַ שרײַבער

דערגרייכט אַ הויכע הייך און גלייך נאָך דעם — אַראָפּפאַל, ווי פון די אַלפּן־שפּיצן אין אַ טאָל אַראָפּ.

ס'איז אַ מכת מדינה, אומעטום.

אַ סאַך פילן עס באַ זיך זייער שטאַרק און ראַנגלען זיך. און קיינמאָל איז דער קאַמף אַזוי שווער ניט געווען. קיינמאָל האָט די „מאַניע" אַזאַ קויעך ניט אַרויסגעוויזן.

ס'איז אַ שווערער קאַמף. מע מוז שטענדיק שטיין אַף דער וואַך. מע מוז זיך שטענדיק פרעגן:

— שומר מה מליל?... דוכט זיך ס'ווערט שוין עטוואָס שטילער, ניין?

און גוט איז אים — דערהויפּט נאָך איצט — וואָס קען אַף אייביק דעם „גראַפאָמאַן אין זיך" בייקומען. ער איז דער געבענטשטער.

טאַלאַנט — מיינט צום גרויסן טייל:

— דער וואָס קען בייקומען די מאַניע, און אייביק זאָל רייז און רויט זיין פייער ברענען, און אייביק זאָל די העל־זעערישקייט אים אַנטקעגן קומען!

# אונדזער ליד אין אמעריקאַ

דריי דוירעס — דריי הויפּט־עפּאָכן.

פריער איז געווען וועלט־ווײ. דער טאָך פון דעם ליד איז געווען: וועלט, ראַכמאָנעס אַף דער וועלט, טײנעס צו דער וועלט, גלויבן אין דער וועלט (אָדער „מענטשהייט”).

עדעלשטאַט, דער באָווינער, ווענדעט זיך צו דער וועלט.

באָװשאָװער, דער רעוואָליוציאָנער, רופט די וועלט.

פאַר יעהויאָשן אפילע, דער שאַבעסדיקער אַליין־זינגער, שטייט אין דעם גרעסטן טייל פון זײן שאַפן, און דערהויפּט אין דעם וואָס איז עכט יעהויאָשדיק, — אַ וועלט, וועלט־צאַר.

און אויך פאַר ליעסינען. אויסנאַמען? יוצע־מין־האָקלאַל־לידער באַ דעם צי באַ יענעם? געווים! נאָר דער הויפּט־טאָן איז געווען — וועלט, וועלט־ווײ — דאָס פייער וואָס האָט דאָס וואָרט צעשמאָלצן.

ראָזנפעלד האָט די „געשטאַלט פון בלייכן אַפּרײטער” דערזען. און דאָך איז ער אינגאַנצן געווען וועלטיק, אַלגעמיין, מענטשהייט; כאָטש די לידער אַליין זײנען באַ אים, אַזוי ווי באַ יעהויאָשן און ליעסינען, פון אַ העכערער מאַדרייגע שוין געווען. וועלט־ווײ — די ראָד וואָס דרייט זיך אויך אַרום זײן פּאָעטישן שייער.

* * *

„יונגע”. נײקייט פון וואָרט? עקזאַקטקייט פון וואָרט? רייניקונג פון וואָרט? נײער קאָליר? ניט נאָר דאָס, נאָר אויך דער אינערלעכער קאָלאָריט האָט זיך אַ מינע געטאָן און זיך געביטן, דער איבערבלייבנדיקער אַקאָרד האָט אַ נייעם ציטער באַקומען אָנשטאָט „וועלט־ווײ” — — „היים־ווײ”. קאָס קענען זאָרגן זיך אייביק וועגן סטאָם וועלט, ווידערווילן קעגן פּאָע־טישע דראָשעס, נענטער צו זיך. איז אָנשטאָט „וועלט־ווײ” געוואָרן — „היים־ווײ”.

וואָס איז געווען — און איז — דער גרונט־טאָן פון די לידער וואָס זײנען געשאַפן, געזונגען געוואָרן פון י. ראָלניקן, מאני לייבן,

מ. ל. האַלפּערנען, אייזלאַנדן און ז. לאַנדוין? איך זע דאָס איז דער פאַרכאַלעמטער, פאַרבענקטער שאַטנדיקייט פון „היים־ווײ". דאָס איז זייער גרונט־טאָן געווען. איינער מער, א צווייטער — ווייניקער, איינער שאַרפער, א צווייטער — באַהאַלטענער, אָבער דאָס איז עס.

אַפּגעגרענעצטקייט, זייטיק, פרעמדלעך צום לעבן דאָ, בייזלעך אַף דער שטאָט וואָס „שלינגט לעבנס איין", אַף די „מעשוגענע געשרייען" פון דער שטאָט.

היימישע בענקשאַפט, היימישער ריטם, היימישער טאָן, היימישער פּאָעטישער נאָכקלאַנג. אַנטלאָפן פון דער צונויפגעלאָפנקייט דאָ, אין די אייגענע כאַווערשע, קימאַט ווייבלעך־פאַרבליקטע, דאַלעלאַמעם זיך פאַרקליבן.

קוקן און זען, און דערמאָנען זיך: קוקן אין דער איבערגעבליבענער ווייטקייט אַריין... זיכרוינעס, דערינערונגען. קליינע פענצטערלעך, קליינע הייזלעך, א מיל־ראָד; ווערבעס, גאַליציער ערעוו־שאַבעס, ליטווישע הימלען, אוקראַינישע פאַרנאַכטן.

„היים־ווײ" און געמיינט האָט דאָס: לאָמיר ערלעך זיין צו זיך, לאָמיר זינגען אונדזער געזאַנג, לאָמיר אויסזינגען דאָס וואָס אונדז טוט ווי מיט אַן עמעס.

— היים, מיין היים!...

און דעריבער אַזאַ שטילקייט, ראָמאַנטישקייט, אַזאַ ציטערדיקע, לופטיקע מוזיקאַלישקייט אין די מערסטע לידער פון „יונגן" פעריאָד.

גייט י. ראָלניק אין דער בראָנקס, דערמאָנט ער זיך:

— איך זע אַמאָל, אַפּולע גויים,
צוויי שטיינער מאָלן מעל אַף ברויט.
א שורע אופגעלייזטע זעקלעך,
ס'האַלט יעדער גוי זיין זאַק געגרייט!

און מאַני לייב. איבער אַלע זיינע לידער ליגט היימישע שנייִיקייט. ער איז אין זיינע ליבע־לידער, אין זיינע מייסעלעך ווי אומעטום, אַפילע אין זיינע שאַפּ־לידער: „שנייִיק אין שניי א פאַרשנייטער"...

מאַני לייב „יאָגט" אַף היימישע ווייסע פערד: יאָגט זיך נאָך

היימישע לעוואַנעס; בראַדזשעט אין „עפּעס אַ וועלט פון שניי״ און זעט אַלץ פאַר זיך געזיכטער און לענדער, וואָס זיינען:

אוועק פון מיר ערגעץ, אַמאָל.

דער מאָטיוו פון „היים־וויי״ האָט אין מאַני לייבן זיין שטאַרקסטן אויסדרוק געפונען. דאָס איז געווען — און איז — זיין באָדן, זיין פונדאַמענט, זיין סטרונע.

און אַזוי אויך ר. אייזלאַנד. ער זעט דעם שאָפּ, ער זעט פּאַרקן, גאַסן, לינקאָלן — אָבער מער פון אַלץ — ווייטקייט. (דעריבער האָט דאָס וואָרט „ווייט״ אַזאַ מאַזל־בראָכע געהאַט בא די אַזוי־גערופענע „יונגע״.) היימישער פּאָעטישער אַקאָרד, פאַרבענקט־קייט, שיער ניט ביז סענטימענטאַליטעט. געשריבן, געשריבן! מיטאַמאָל: דער גערוף פון היימישן, גאַליצישן שאַבעסדיקן גע־ווירץ! דאָ האָט אייזלאַנד אופגעלעבט!

און זישע לאַנדוי פירט זיך אַרום מיט „דאָרפישע הינט״, זעט דאָ לאַנדשאַפטן מיט היימישן לעוואָנע־שיין באַגאַסן, כאָטש ער, פון קלוגשאַפט וועגן, וויל דאָס אונדז אָפט ניט אויסזאָגן. ער וויל ניט בענקען און ער סטאַרעט זיך דאָס מיט בליציקייט. אַמאָל מיט כאָכמעס, אַמאָל הומאָר, צו פאַרדעקן (כאָטש וואָס איז דער ביזויען?...); מיט „גראָבע פיס פון נעגערטעס״ וויל ער זיין „היים־וויי״ פאַרשטעלן, נאָר מע קען עס דאָך גרינג כאַפּן. דערזען. די „טאָלן״ פון אַ סאַך פון זיינע פערזן, שמעקן מיט „היימישן היי״.

אַפּאָנעם אַז צוליב „היים־וויי״ האָבן זיי פאַרבענקטע אויך געליטן פון — שלאָפלאָזיקייט...

לאַנדוי באַקלאָגט זיך:

— אין שטוב איז היים, איך קען ניט שלאָפן.

און אייזלאַנד שטייט גאָר אַ נאַקעטער, אַזוי זאָגט ער, באַם פענצטער און —

— קיל אין שויב דעם שטערן,
און ס'ציטערן די פיס...

בא מאַני לייבן שלאָפט אַמאָל דער יאָם בלויז. ער — ווער ווייסט דאָס ניט מאַני לייבס נאַכטוואַנדלעריי אין זיינע לידער!

היים־ווי.

באַ מ. ל. האַלפּערן גייט ערשט אַפּ די שיף אַהער. ער קוקט אַף דעם לעבן דאָ וואָלפּיש, בייז, אַמאָל היימיש־זאַרכידיק... און אַז ער דערזעט אַמאָל אַ בלאַנד שיקסל אַפּן קוני־איילאַנדער ברעג מיינט ער, אַז דאָס איז נאָך אַלץ די שיקסל פון זיידנס פעלד.

אויך י. י. שוואַרץ, — כאָטש ער זעט דאָ היגע יאַם־ברעגן, און היגע לאַנדשאַפטן — וואַרפט אַף זיי היימישע פּאַזימקעס...

און אויך ב. לאַפּינס הינטערגרונט איז — דערמאַנונג, ווייט־קייט, היימישקייט.

לייוויק, ווידער אַמאָל: ווייטע וועגן, ווייטע פענעמער, ווייטע זעונגען — זיין גרונט. צייטנווייז, אַ רייסן זיך באַ אים צו אַ געוויסער גלויביקייט, צו ניי־רוסלאַנד, צוריק צו וועלט, עפּשער, אין נייעם ליכט געזען. אָבער שווער אַפילע פאַר דעם לעגענדאַרישן, גריכישן העלד זיך אָפּצורייסן פון זיין גרונט און דאָך בלייבן שטיין. אַ גרונט־טאָן אַן איינגעלעבטן, אַן איינגעוואָרצלטן איבער־צובייטן איז זייער שווער.

זיכרוינעס, היים־ווי, ווייט־ווי.

* * *

שפּעטער.

אין אונדזער היגער נייסטער פּאָעזיע הערט זיך ווי אַ נייער טאָן רייסט זיך גרונטיק צו ווערן. ניט „וועלט־ווי", ניט „היים־ווי", נאָר — „דאָ־ווי".

דאָיקער צאַר און דאָיקער ווי, אַמאָל אויך פרייד, אומעט? ניין, טרויער מער ווי „אומעטיק".

עס פילט זיך דאָ אין די יונגע לידער אונדזערע אַ דאָיקייט (און מאָדנע, דאַווקע לאַנדוי האָט אויסגעטראַכט דאָס וואָרט: „דאָיק"...), אַ נאָענטקייט צום אַמעריקאַנער טאָן, — אַלנפאַלס, אַ דערנענטערונג — צו דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע. די היימישע בענקשאַפט האָט זיך שוין וויפיל ס'איז איינגעשטילט. אַמאָל, אַמאָל שווימט ווידער אַ דערפל פאַר די אויגן אוף און — פאַר־שווינדט. אַפילע דער פּאָנעם פון דער מאַמען „לייכט אוף און פאַרשווינדט". נייע מאָטיוון, היגע מאָטיוון קומען צו. מע מאַכט שוין שאָלעם אי מיט דער שטאָט, אי מיט דער געטאָ דאָ, אי מיט

דער אומבאַקאַנטקייט און פֿרעירישקייט פֿון לאַנד. יאָ, עס פֿילט זיך אַ שאָלעם־מאַכן, אַן איבערבעטן זיך, שטאָט — ניט שטאָט וואָס לויפֿט פֿאַרביי, נאָר שטאָט וואָס בלייבט. שטאָט ניט אַף בייז־וווּנדער, נאָר שטאָט — די אָנגענומענע, געוויינלעכע טאָג־טעגלעכקייט. דאַיקייט. אַפֿילע ווען זיי, די נייערע פּאָעטן, שרייבן וועגן דער היים, פֿילט זיך — אַ דאַיקייט, אַ רייסן זיך צו דאַיקייט.

פֿון „וועלט־וויי" דורך „היים־וויי" צו „דאָ־וויי" דערגאַנגען.

דערגאַנגען? נאָך ניט אינגאַנצן. אָבער אַהער גייט דער וועג. און די היגע קאָמוניסטישע „פֿרייהייט" וועט דאָס בעשום אויפֿן אַפֿילע מיט אירע „רוסלאַנד מאָטיוון" ניט אָוועקשלעפּן אַן אַ זייט.

„דאָ־וויי". דאָס איז, וויל זיין, דער גרונט־טאָן פֿון דער גאַר יונגער דיכטונג אונדזערער.

און אַזוי איז דאָס געגאַנגען: פֿון אָנפֿאַנג איז אויך באַם דריטן דאָר — ווי איך באַצייכן אים — געווען „היים־וויי" — דער הויפּטקוואַל. אָבער דערנאָך איז דאָס אַנדערש געוואָרן.

ז. וויינפּער האָט פֿון אָנהייב גייענדיק איבער אַ נויאָרקער גאַס פּלוצלונג דערפֿילט אַז:

— עס האָט אַ לייכטע האַנט מיך אופּגעהויבן פֿון דער ערד,
און אופּגעזעצט אַף אַ פֿלינקן פֿערד,
וואָס האָט אַוועקגעטראָגן מיך געשווינד,
אַז טראָגנדיק האָב איך געהערט דאָס קרעכצן פֿונ'ם ווינט.
וואָס האָט אין אַ געיעג
פֿאַרמעסטן זיך געוואָלט מיט מיר.
און פּלוצלונג האָט געענדיקט זידדער וועג,
און פֿאַר די אויגן מיינע שטייט אַ הויז
מיט אַ באַקאַנטע טיר
די לאָדנס אַף די קליינע פֿענצטער צוגעמאַכט
און קוקן אויס
ווי דרעמלענדיקע אויגן אין דער נאַכט.

אויך —

היים־וויי, — דערמאַנונג.

און אָט אַזוי איז וויינפּער אַ שטיק צייט אויך געגאַנגען „באַ דער גרעבליע" (זיין בוך פֿון יאָר 1922). געגאַנגען — — פֿון עפּעס זיך געמוזט באַפֿרייען צייטנווייז זיך אומגעקערט צוריק אַף אַ ווײַלע — אָבער דאָך — אינערלעך זיך באַפֿרייט פֿון דעם.

א. ניסנזאָן האָט אָנגעהויבן:

— פון דער ליטע׳ס וויסטע פעלדער,
קום איך דאָ אַהער;
ליגט אַף מיר מיין טאַטנס טרויער,
און מיין מאַמעס טרער...

דאַרף מע נאָך קענטיקערע סימאָנים — „מאַמעס טרער, טאַטנס טרויער״ — פון היים־וויי, פון איינגעוואַנדערטן, פון וואַנדערער וואָס זינגט אין דער פרעמד?

און עפראַים אויערבאַך. געקומען, געווען אין ערעץ־יישראָעל. געזען „קאַראַוואַנען״. אָבער דער הויפּט־טאָן זיינער פון אָנפאַנג איז אויך, היים־וויי. בעסאַראַביע. „פליסט דער פריילעך בלאָער דניעסטער, צווישן צוויי געטרייע שוועסטער — בעסאַראַביע און פאָדאָליע״.

און:

ס׳האָט מיר היינט געבראַכט דאָס ווינטל
דער גערוך פון גרינע זאַנגען.
האָב איך צוגעמאַכט די אויגן
בלינדערהייט אַזוי געגאַנגען.

אויך אין ל. מילערס ערשטע לידער איז געווען שטאַרק קענטיק דער זעלבער מאָטיוו. אַזוי אין בערגערס מעלאַנכאָלישע לידער. (נאָכעם י. ווידער איז נאָך אַדאַיעם אַ „היים־וויי״ דיכטער).

און נאַפּטאָלי גראָס מיט דער „מאַמע״־דיקייט אין זיינע ערשטע לידער, מיט דעם רעדן אַזוי אָפט פון „קינד״ און קינדער, פון לו־לו־דיקייט, איז דאָך אויך געווען שטאַרק אונטערן איינפלוס פון דעם היים־וויי־טאָן און פון דער היים־וויי־שטימונג.

אויך ר. לודוויג האָט אָנגעהויבן מיט „היים־וויי״, „היים־טרויער״. און לאָמיר דאָ דערלויבט זיין צו זאָגן — אויך איך האָב אין מיינע ערשטע לידער אַ סאַך פון „היים״ גערעדט, אַדער געזען אַלץ דורך דער היים־פּריזמע, היים־בילד און היים־אָפּבילד!

אָבער דאָס האָט זיך געענדערט און — פון וואָרצל אויס האָט זיך דאָס געענדערט. פון זיך אַליין, אומגעזען האָט זיך דאָס געביטן. די נייערע פּאָעטן האָבן זיך אינגאַנצן באַפרייט פון דעם איינפלוס, פון הויפּט־טאָן פון די „יונגע״. דער גרונט־טאָן בא זיי איז שוין ניט היים־וויי, נאָר „דאָ־וויי״ — אָרומיקייט, אַנשטאָט

דאָס וואָרט „ווייט", „דאָרט", כאָזערט זיך אָפּט איבער אין די נייע לידער דאָס וואָרט „נאָענט" און אויך דאָס וואָרט „דאָ". דאָס איז סימפּטאָמאַטיש. די שטאָט האָט „זיך אין די בלוטן אריינגעגאָנוועט"... די אַטמאָספּערע, דער הויך פון דעם נייערן ליד איז געוואָרן — דאָיק. דער זעלבער ז. ווייַנפּער פון דער „גרעבליע" זינגט דערנאָך „מיר אַמעריקאַנער":

— אין דיינע שטעט יאַרידישע
מיר קינדער יידישע,
יונג יעריקע.
אין דיינע גאַסן וואַכיקע,
מיר קינדער לאַכיקע,
און טרעריקע.
אין דיינע לידער גאַסיקע,
דאָס ליד אויך אונדזער ראַסיקע,
צו אַמעריקע.

און דאָס איז שוין ניט דאָס איינציקע ליד בּאַ אים פון דעם מין.

ער זעט אין דעם טומלדיקן נויאָרק די אידיליע פון „צוויי ברידער", פרעמדע און דאָך ברידער. ער זעט „אויף יעדן סקווער זיין טראָט, בליק, בּאַריר" — און אַזוי ווייטער.

אָפן וואָרט „היים" ווערט ניט געלייגט קיין כיירעם, נאָר דער גרונט־טאָן בּייט זיך — האָט זיך געבּיטן.

אַזוי אויך אויערבאַך אין זיין צווייט בּוך דער „רויטער פאָדעם" זינגט פון „אונדזער ברודערשאַפט", פון דער בּויערי, פון אָרטשאַרד סטריט.

און א. ניסנזאָן זאָגט איין מאָל און נאָך אַמאָל — וועלכע פון זיינע נייערע לידער מע זאָל ניט אופמישן —

בּראָדוויי —

בּראָדוויי־געוויקס' קאָלירפולסטע פון פלאַנצן!

בּראָדוויי און נויאָרק; עוועניוס און גאַסן און סקווערן — נויאָרקישער געמיט. ניט נאָר וואָרט „בּראָדוויי", נאָר בּראָדוויי אין טאָך.

נ. גראָס האָט אונטער דער שטימונג פאַרעפנטלעכט זיין בּוך „יידן". אָבער זעט זיין רויקייט! דאָס זיינען „יידן" פון וועלכע ער קען שוין זינגען מיט פעסטקייט, פּלאַסטישקייט, און טאָן־אָפּגעשטאַנענקייט, אָוועקגעשטאַנענקייט.

„דאַ־ווײ" — איז געווים אויך דער שפּעטערדיקער ר. לודוויג און אויך יאַקעוו גלאַטשטײן. דאַיקײט. אַגעוו, די „אינזיך" האָט ווי אַ גרופּע — עפּשער צו באַוווסטזיניק — געזוכט אַרויסצוהייבן די דאַיקײט אונדזערע, אַז די אינזיך־גרופּע האָט אַמעריקאַנעם אַטעם געבראַכט.

י. י. סיגאַל.

איז דער טאָן בײַ אים נאָך אַלץ „יונג" ? איז זײַן וואָרט — זײַן שטילער, דורכזיכטיק־נעפּלדיק וואָרט — נאָך אַלץ „ווײַט" ? נײן!

סיגאַלס שטילקײט איז ניט קײן שטילקײט פון — „שאַ, רעדט ניט הויך" (מאַני־לײבּ). זײַן „שטילקײט" איז אַזאַ וואָס רעדט דאַווקע הויך... עמעצער האָט אַמאָל פּאַראַדאָקסאַל זיך אויסגעדריקט: „איך הער ווי די שטילקײט רוישט". דאָס איז סיגאַל. זײַן טרויער איז ניט קײן פאַרבּענקטער, נאָר „אַן אָפּשײַן פון פּענעמער". טרויער אָנשטאָט אומעט. זײַן וואָרט איז אַ דאַיקער, זײַן שורע־בּוי — ריטמיש־ניט־ריטמיש — איז אַ דאַיקע. ער בּענקט ניט. ער רוקט זיך ניט אַוועק, אַרויס, נאָר ער פאַררוקט זיך, ווי ער זינגט אָפּט, דאָ גופא, אין אַ זײַטיקן געסל, און דאַווקע אין דער גרויסער שטאָט און דאָס איז פאַר אים טאָל און דאָרף און שבת קודש... אין זײַן לעצט בּוך איז ניטאָ די בּײזקײט אָף דער שטאָט און די פאַרבּענקטקײט, נאָר ווי איז דער גאַנצער נײַסטער דיכטונג: אַן אָפּגעזעגענען זיך מיטן שטעטל און אַן איבּערבּעטן זיך מיט דער שטאָט, ווײַל —

—ס'איז אַזוי שײן און אַזוי גוט
וואָס איבּער דער גרויסער און שווערער נויאַרק
שפּרייט זיך אויס אַזוי פיל מאָל
אַ שטילער, בּלאָער הימל,
און טעג זײַנען דאָ,
וואָס גײען אַרום צווישן מויערן —
אַזוי ווײל און אַזוי ליבּ ווי צווישן דאָרפס־שטיבּער

ער קוקט שוין ניט אַזוי שטאַרק אַהין, אַז ער וויל האָט ער דאָ געגנוג דאָרף...

מיר האַלטן בּײַ דאַיקײט... וואָס ווײַטער ? ס'איז נאָך אַ סאַך דאָ אויפצוטאָן צו דערגרײכן אָף דעמדאָזיקן גרונט־טאָן, און ניטאָ זיך וואָס צו אײַלן — וואָס ווײַטער...

## פון דעם "גרויסן שמערץ" ביז דער "גרויסער פרייד"

### בראשית...

בראשית — דאָס איז געווען אין אָנהייב פון אונדזער פּאָעזיע ווען עס האָט — געהערשט דער „גרויסער שמערץ".

„שמערץ" איז קימאַט געווען אַ סינאָנים פון „הערץ".

דער „גרויסער שמערץ" און זיינע קרויווים:

דער ווייטיק; די ביטערע טרערן; די הייסע טרערן; דאָס לעכצעניש און סטאָם: וויי־געשריען! אַ גאַנצע מישפּאָכע.

און צונויפגעקליבן האָט זיך די מישפּאָכע פון ארבע פּנות העולם:

פון נאַדסאָנס טרערן יאַם.

פון אייגענעם „ללעג ולקלס".

פון געטאָ־קרעכץ.

פון שבתי צבים פּייניקונגען.

פון דעם דייטשישן „וועלט־שמערץ".

פון באַדכאָנישן: „וויין, קאַלעניו, וויין"...

ווייטיקן, אייגענע און פרעמדע. פון דער פרעמד האָבן מיר צומייסטן די ווייטיקן גענומען. פון אַלץ צוביסלעך — אין פרוגס טרערן קאָס פון דער יידישער פּאָעזיע.

און איבער אַלץ און אַלעמען:

אַך!

און שמאַך,

און — שוואַך,

און —

נאָכאַמאָל —

אַך!

און אַ, —

און וויי־געשריען!...

אַזוי האָט דער סאַר פון „שמערץ" געוועלטיקט בּאַ אונדז.

פון די באַדכאָנים און דורך צונזערן, וואַרשאַווסקין, עדעל־

שטאָטן, דורך פּרוגן און פון פרוגן דורך רייזינען, ליעסינען, אויך דורך ראָזנפעלדן, דורך יעהויאָשן אַפילע, דורך איינהאָרנען... (באַם לעצטן: ווייטיק — שוין צוגעמישט מיט מאָדערנער „בענק־שאַפט"...).

די פּאָעזיע אין איר הויפּט־געשטאַלט — פאַר אַ סאַך יאָרן — איז טאַקע ניט געווען פיל אַנדערש ווי פרוג האָט די יידישע מוזע ערגעץ אַראָפּגעמאָלן.

די פּראָזע באַ אונדז האָט אין איר הויפּט־טאָן געלאַכט, גע־גלויבט (מענדעלי, שאָלעם־אַליכעם, פּערעץ, פינסקי, אַש אויך רייזינס פּראָזע־הומאָר) אָבער די פּאָעזיע האָט געוויינט, געבאַלעשט. ווי דער ווילנער וויצלינג, וואָס איין באַק האָט באַ אים געלאַכט און די צווייטע — געוויינט...

אַזוי איז דאָס געווען אַ לאַנגע צייט, די עפּאָכע פון „שמערץ". — די פּאָעטן האָבן געזונגען, געוויינט, גערופן, — ווער קיין ציען, און ווער — צו דער פרייהייטס־אַרמיי: פאַרשיידענע וועגן. אָבער איין קוואַל: „שמערץ".

און אין די שטעט, שטעטלעך און דערפלעך זיינען אַרומגע־גאַנגען יונגע, בלאַסע בעכורימלעך מיט געהיימע פאַרשריבענע העפטלעך אונטערן אָרעם און באַ קיינעם פון זיי — אַנפאַנגער — האָט כאַסוועכאַלילע, ניט געטאָרט פעלן די שורע: „ווי גרויס עס איז דער שמערץ, וואָס דריקט מיין הערץ".

## ט ר ו י ע ר

אַרויס פון די שטעטלעך! די יונגע־לייטלעך זיינען, ווי צע־שראָקענע פייגל־מאַכנעס אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט צע־טריבן געוואָרן און — אַמערסטן צו דעם ווינקל וואָס רופט זיך „אַמעריקע".

גרויסשטאָט! — אָבער פאַר זיי, פאַר אונדז איז דאָס הויפּט־זעכלעך געווען: פרעמדשטאָט!

אַליין אין דער שטאָט, אַליין — אָן טאַטן און מאַמען, ניט קיין קאָרעוו און ניט קיין פריינט.

דאַווקע אין אַנגעלאָף פון דער גרויסער שטאָט איז ביסלעכ־

ווייז בא אונדז אין דער ליטעראַטור און הויפּטזעכלעך אין דער פּאָעזיע — דער „איך“ געבוירן געוואָרן.

די וועלט — די גרויסע וועלט, די אַבסטראַקטע וועלט — איז הינטן געבליבן, פון ווייטן („אין די ווייטע ווייטן“...) און דאָ „אַף עוועניו בי“ — איז אַ מענטש אַליין געבליבן שטיין.

* * *

אַ נייער טאָן האָט זיך גענומען הערן אין אונדזער ליד: אַ גאַנץ נייער. ניט ניי דאָרט, בא זיי, אין אַנדערע ליטעראַטורן, נאָר ניי — בא אונדז.

בא עדלשטאַטן: (אין זיין „מוזע“) — „און דו האָסט אָפּדאַכלאָז געוואַנדערט דורך דער וועלט“.

אָבער לאָמיר אופּמישן בא ראַלניקן, צום ביישפּיל, ווו ניט איז — אויך בא ראָזנבלאַטן, און מיר זעען: די וועלט ציט זיך איין, ווי דורך קישעף: קלענער, קלענער, קלענער, ביז מיר דערזען אַ קליין צימערל, אַ מענטש, אַ טיש...

— נייער טאָן.

ס'האָט אויסגעבראָכן אַ באַוווסטזיניקער קאַמף קעגן „שמערץ“.

און „הערץ“ איז אַזוי שוין אויך געפאַלן אין וועג.

מע האָט גענומען זינגען און ביסלעכווייז אַלע צוזאַמען זיך אַריינגעזונגען אין אַ נייעם קלאַנג, אין אַ נייעם הויפּט־טאָן.

ס'איז פאָרגעקומען אַ בינע פאַרוואַנדלונג.

שמערץ — אָפּ (דורך דער פאָדער־טיר).

טרויער — (קומט אָן דורך דער הינטער־טיר...).

ס'איז אַזוי אַרום אופּגעטראָטן די צייט פון „טרויער“.

טרויער —

טרויעריק;

דער טרויער גייט מיר נאָך...

טרויער —

טויער

באַדויער

לויער

און (מיר זיינען דאָך עפּעס אין שטאָט):

— מויער!

און נאָך אַ נײַעס:
ניט „אָך",
נאָר „אוי".
און „אָ" (אָן אַ הײ...), אַ „אָ" אַזאַ אָן אַ הײ און אָן אַ זיפֿץ.
אינעווייניק, אינערלעך, האָט עס געמיינט:
אָנשטאָט „וועלט־שמערץ" — פּערזענלעכער טרויער.
פֿילאָזאָפֿיש: ניט פֿון דער וועלט צו זיך, נאָר פֿון זיך צו דער וועלט, אַזוי די „יונגע" — וואָס מאַני לייב איז (אויב ניט דער בוילעטסטער) דער כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פֿון זיי. און דערדאָזיקער טאָן האָט אויך זיין איינפֿלוס זיכער געהאַט אויף יענער זייט יאַם: אין פּוילן, רומעניען, רוסלאַנד, מיט יאָרן צוריק.

## צווי כושים

ס'איז דאָך קלאָר: פּונקט ווי שרייענדיקער „שמערץ". פּונקט ווי הייסע טרערן" טויג אויף קאַפּאַרעס ווען דאָס ווערט אַ מאָדע אַזאַ, אַ קולט אַ באַנאַליטעט, אַ נאָכזאָגעניש (נאָך זיך אַליין, צי נאָך יענעם...) אַזוי טויג אויך ניט: „שטילע טרערן" צי „שטילער טרויער", ווען דאָס ווערט עפּיגאָניש.
איך וויל דערביי דאָ אָנווייזן אויף אַ צאַדאַשאָווע פֿון דיביידע אָנגעצייכנטע פּעריאָדן אין אונדזער דיכטונג.
די לידער סיי פֿון דער שמערץ־פּעריאָד, סיי פֿון דער טרויער־צייט זיינען געווען צו אויסגעהוילן, צו אַרומיק, צו עכאָ־דיק, — אַ פּאָעזיע שיער ניט פֿון ווידערקאָל און ניט פֿון קאָל אַליין.
זאַכן, מאַמאַשעסדיקייטן, געשטאַלטן, מענטשן, פּראָסט־פּאַ־שעטע קליינינקייטן, וואָס מע קען אָנטאַפּן מיט די הענט — אין דעם איז געווען אַ דוחק אין אונדזער פּאָעזיע. דאָס ליד אונדזערס האָט זיך געהאַלטן הויפּטזעכלעך אויף צוויי כושים: אויף דעם כוש האַשמיע און אויף דער כוש האַריע. עס האָט אָבער צומייניסטן שטאַרק געפֿעלט דער כוש האַמישוש, דאָס פֿילן מיט די פֿינגער, וואָס מע קען דערזען, דערטאַפּן אויך בלינדערהייט.
אַ מאָלער מוז זיין קאָנקרעט, ער מוז זען קליינינקייטן אויף זיין לאַנדשאַפֿט, ער מוז זען זאַכן און ניט נאָר געשעענישן (ווי לעמאַשל

„זון־אונטערגאַנג", וואָס איז יעדעס מאָל אַ געשעעניש). ער מוז זען אַ סך גראַקייט, דעם דוימעס, פּאַרגליווערטקייטן, וואָס נאָר מיטן קויעך פון אַנטאָפּן קען מע זייער לעבן דערפילן...

די ערשטע יידישע פּאָעטן האָבן צופיל געזען, געזען זאַכן אין זייער סאַכאַקל, געזען, וואָס דאָס מיינט אויך: פאַרשטאַנען.

געזען אַז די וועלט ליידט;

געזען אַז דער אַרבעטער איז געבויגן;

געזען אַז דער ייד וואַנדערט אין וועג;

געזען, אַז „די בעט איז צו ענג" פאַר אַ פאַמיליע פון אַכט; געזען, ווי די קעדוישים גייען צו דער אווטאָדאַפע און אַזוי קעסיידער. געזען אַלץ אין אַ סאַכאַקל, אין געשעענישן.

די ערשטע יינגערע פּאָעטן, הויפּטזעכלעך דאָ אין אַמעריקע, האָבן אין דערזעלבער מאָס צופיל געהערט.

געהערט ווי דער גריל גרילט.

— ווי דער הונט בילט.

געהערט דעם גאַנג פון טריט, געהערט דעם טרויער פון געמיט, דעם קלאַנג פון וואָרט, דעם דינסטן אָפּקלאַנג! — דין־דין־דין; געהערט ווי די נאַכט שלייכט זיך אַדורך און שיער ניט — ווי „דער שאָכן שלאָגט זיך מיט דער דייע"...

אַזוי האָט אויך די נייערע פּאָעזיע מער לופטיקייט, אויסגעהוילטקייט, טאָן, קלאַנג, ווי זאַכן, געבראַכט.

* * *

צוויי פאַרשיידענע צייטן פון אונדזער ליד. ביידע עפּאָכן האָבן אַוואַדע געלייגט דעם פונדאַמענט און געבויט דעם ביניען פון אונדזער פּאָעזיע. ביידע האָבן גרויסע מיילעס. ביידע עפּאָכן האָבן אונדז געבראַכט און צוגעגרייט די שורע, דעם נוסעך, דעם קלאַנג — דעם וועג! איך האָב דאָ נאָר געוואָלט אָנווייזן אויף די איבערטרייבונגען, אייגענע און פרעמדע, אויף וואָס ביידע עפּאָכן האָבן געליטן.

נעמט לעמאָשל אַ ליד פון ווערהאַרן און אַ ליד פון ראָזנפעלד. (דער מאַמאָשעסדיקסטער שוין פון אונדזערע קלאַסיקער). ווערהאַרנס ליד — לאָמיר זאָגן זיין ליד פון „ברויט־קנעטערנס" — רוט אויף אַ סך סלופעס און סלופּעלעך, שטיינער און שטיינדעלעך,

דעטאַלן, זאַכן, לייב, פלייש און בלוט. ראָזנפעלדס: דער „בלייכער אַפּרייטער" (אָדער פּערעצעס „די דריי נייטאָרנס"), רוט אַף איין סלופּ, אַף אומטערדריקטקייט, אַף דעם שווער־געמיט פון מענטשלעכער פּראַצע. יענע ליד איז מילגרוימדיק, פול; אונדזער ליד — ניט לײדיק, נאָר אויסגעהוילט, ווי דער פּראַגער פינפער טורעם, צום ביישפּיל, ווו ס'אָטעמט מיט גייסטערהאַפטיקייט, יענער איז פריער פון אַלץ באַשרייבנדיק, בײַ אונדז — פריער פון אַלץ באַזינגענדיק, — זינגענדיק און — זאָגנדיק...

אַ בוים, אַ געזונטער בוים, מיט צווייגן און בלעטער, מיט נעסטן און פייגל־געזאַנג, נאָר אינעווייניק אויסגעהוילן...

און אָט אַזוי האַלט מאַני לייבס ליד, לעמאַשל, אויך ניט אויס דעם עקזאַמען מיט פּיאַדאַר סאָלאָגובס אַ ליד. סאָלאָגובס „טייפעל־וויג" איז פול מיט זאַכן, מאַני לייבס „שטילער־שטילער" — מיט קלאַנג בלויז. ווידער אַמאָל: ניט ליידיק נאָר אויסגעהוילט.

ס'קען זיין, אַז אונדזער לייענער איז אויך אַזאַ וואָס לעבט בלויז אַף צוויי כושים: זען, הערן און ניט פון אָנטאַפּן מיט די הענט. קלייניקייטן מאַמאַשעסדיקייטן, — אומגעהובלעוועט, שפּיצנדיק, — קוקן אים אויס גראָ, קליינלעך, גאַרנישטיק...

אָבער אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון אונדזער פּאָעזיע האָט דאָווקע שוין גענומען אַריינדרינגען דער חוש המישוש. די באַשרייבונג, די דערציילערישקייט; דער אָנצייל פון זאַכן, פון קלייניקייטן, — דאָס אַלץ האָט גענומען באַקומען די אויבערהאַנט אין אונדזער ליד. די שורע איז געוואָרן נאַקעטער, אָבער קאָנקרעטער, גראָער אָבער זאַכלעכער, ניט נאָר אין דער זאַכלעכקייט פון וואָרט נאָר אין דער זאַכלעכקייט פון די זאַכן גופא...

איך וועל דאָ רופן עטלעכע אײדעס בלויז:

י. שוואַרצס קענטאַקי־לידער, קולבאַקס „רייסן", אַ סאַך פון זיינע אַנדערע לידער; נ. גראָסעס לאַנדשאַפטן, זיינע „יידן"; ז. וויינפּערס „אייגנס", און אַנדערע לידער; עפראַים אויערבאַכס „בויערי"; זיינע „רעפּאָרטערס"; א. ניסנזאָנס מייסעס, ווי „גילגל", „דריי ברידער"; סיגאַלס בײַנערדיקער טרויער: לודוויגס אינדיאַנער מאָטיוון; מיילעך ראַוויטשס „נאַקעטע לידער";

דער „קערן פון זיינע לידער״; דער יונגער דאָוויד פּראַם, פון ליטע (איצט דאָרעם־אַפריקע.); לוצקים קליינקייטן פון דער „טויטער וועלט״; מ. באַסינס נויאָרקער לידער; ר. קאָרנס דאָרפס־לידער; דעם יונגן שטאָלצבערגס געצאַמטע לירישע באַשרייבונגען — דאָס אַלץ: אַ ציען זיך, אַ גיין, אַ רייסן זיך צו אַנגעפילטקייט, צו וואָגיקייט, צו פּראָטים, צו זאַכלעכקייט פון זאַכן אַליין...

דער כוש פון אָנטאַפּן, פון פילן מיט די פינגער — בלינדערהייט אַמאָל, אָבער דערפילן אַלץ אונטער די הענט.

וויבאַלד אַזוי, האָט שוין אויך דער קולט פון אויסגעהוילטן טרויער געמוזט איבערגעריסן ווערן.

געוויס, מע מוז דערביי געהיט זיין ניט אַריינצופאַלן אין אַן אַנדער עקסטרעם פון: בלויז פּראָטים, פון גראָקייט אַליין...

## פ ר י י ד

איז געגאַנגען אַזוי דער גאַנג פון דער יידישער פּאָעזיע און דערווייל —

— גאַלאָפּ, גאַלאָפּ!

— דער דאָר פון רעוואָליוציעס איז אָנגעלאָפן — היים און ווילד, און צעפלאַמט...

די הערלעכסטע — און אויך די טראַגישסטע — פון אַלע: די גרויס־רוסישע רעוואָליוציע. אַ רעוואָליוציע ווארפט אַלעמאָל אַן פאַר די אויגן אַ סאַך קאָנקרעטע זאַכן, הרודעס גאַנצע, גייטיקייטן, איבערבּרוכן, פּאַסירונגען, טאָג־באַדערפעניש, מאַמאַשעסדיקייטן. די ליטעראַטור ווערט אויך קאָנקרעטער, דירעקטער, זאַכלעכער, ערדישער.

אַזוי איז געוואָרן אַ סאַך זאַכלעכער ניט נאָר אין אויסדרוק. נאָר אין איר באַנעם, אין איר צוגאַנג צו זאַכן — די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור, און אויך די דאָרטיקע יידישע ליטעראַטור, דאָס איז ניט קיין פראַגע פון קינסטלערישער דערגרייכונג, נאָר פון קינסטלערישער ד ע ר נ ע נ ט ע ר ו נ ג — די דערנענטערונג פון קינסטלער צו דער זאַך, וועלכע ער באַשרייבט. דער כח המישוש איז

דער דאָמינירנדיקער כּוש אין דעם דאָרטיקן ליד און דערציילונג. אַ סאַך פּראָטים, אַ וועלט מיט זאַכן!

און אַלץ מיט די הענט אָנצוטאַפּן, בּלינדע אַפילע קענען דאָס דערזען.

דעריבּער, לעמאַשל, זיינען היינט צו טאָג פאַר מיר די לידער פון פעפער, כּאַריק, — די כאַראַקטעריסטישע דאָרטיקע פּאָעטן — אַ סאַך פולער, זאַכלעכער ווי די לידער פון די ערעוו־רעוואָליוציאָנערע פּאָעטן (האָפשטיין, שוואַרצמאַן, מאַרקיש.) איך לייען און — פיל: איך טרעט אַף נייעם בּאָדן!

אַ וויכטיקע דערשיינונג — אַ בּאַווירקנדיקע דערשיינונג. נאָר דאָ האָט פּאַסירט וואָס ס'האָט מיסטאָמע דאָרט אין אַזאַ צייט געדאַרפט פּאַסירן. יעדער בּוים האָט זיך זיין פּאַראַזיט. אַזוי אויך יעדער ליטעראַרישער קולט, ליטעראַרישע שול. די סאָוועט־רוסישע ליטעראַטור, און דאָ האָבּ איך נאָר אין זין די יידישע, האָט אַף זיך צוויי פּאַראַזיטן. ערשטנס, די אידעע, אַז נאָר דער פּראָלעטאַריאַט (און צוליבּ די צופעליקע אומשטענדן, אויך דער פּויער...) דאַרף לעבּן אַף דער וועלט, אַז נאָר דער אַרבּעטער איז גוט און פרום, און טייער און ריין, און אויסדערוויילט (הגבור, והאדיר, והנורא — און אַזוי ווייטער ווי עס גייען דאָרט די אומצייליקע לויבּגעזאַנגען צום יידישן גאָט...).

צווייטנס, די געזיירע, אַז מע מוז פריילעך זיין, אַלע מוזן פריילעך זיין, האָפערדיקייט, אַז מע מוז טאָמיד נאָר זינגען פון דער „גרויסער פרייד", אַז דער טרויער מוז אינגאַנצן פאַרשניטן ווערן.

היינט צו טאָג אַז אַ יונגער אָנפאַנגער זאָל אין מינסק לעמאַשל, אַ זינג טאָן:

„ס'איז פול מיין האַרץ מיט אַ גרויסן שמאַרץ" — וואָלט דאָס אַוודע געקלונגען זייער אַלט און ווילד (ווענן שלעכט רעד איך דאָ ניט.). אָבּער צי פאַרשטייען ניט און צי פילן זיי דאָרט ניט אין לאַנד פון רעוואָליוציע, אַז ס'איז פונקט אַזוי ווילד שטענדיק צו פאַרכּליניען זיך מיט געצוווּנגענער פרייד.

אַ קולט פון פרייד!

„צעקוועטשטער" טרויער טויג ניט — זאָגט דער קריטיקער פון „עמעס". אָבּער פונקט אַזוי טויג אויך ניט — צעצויגענע פרייד.

אַט די צוויי פּאַראַזיטן פּירן, צום באַדויערן, די פּאָעזיע ווידער אַוועק פון דער זאַכלעכקייט און פּאַרוואַנדלען זי אין ליידיקן אויסגעשריי.

פון גרויסן „שמערץ" ביז דער גרויסער „פרייד" — אַ לאַנגער וועג. אָבער ביידע עקן באַגעגענען זיך.

און ס'איז ווירקלעך אַ שאָד: אין דער ליריק פון אונדזערע סאָוויעט־רוסישע קאָלעגן האָט זיך געהאַט באַוויזן אַ געזונטע ערדישקייט, מאַמאַשעסדיקייט, זאַכלעכקייט. און אויך דער דיכטערישער טרויער, דער דיכטערישער הינטערגרונט איז געווען (אין קוויטקאָס לידער.) זאַכלעך און יאָדערדיק: אַן איבערגעלעבטער, אַן „איבערוווּנדענער". אַ טרויער — ניט צו שפּילן זיך מיט אים, נאָר איבערצוקומען־בייצוקומען . . .

אָבער דאָ איז אַרויס פון זאַק — די גרויסע פרייד!

ס'איז געווען אַ צייט אין רוסלאַנד ווען די פרייד דאַווקע איז געווען אַף צאָרעס צוליב דער רעוואָליוציע. און איצט איז דער טרויער אַף צאָרעס — אויך צוליב דער רעוואָליוציע. דער קריטיקער מיכאַילאָווסקי, צום ביישפּיל, האָט געהאַט טיינעס צו פּושקינען האַלמאַי ער איז צו פריידיק. די וועלטליידט און ער — טאַנצט! — האָט מיכאַילאָווסקי געשריבן.

און איצט איז קאַפּויר: אין נאָמען פון דער רעוואָליוציע מוז מע פריילעך זיין.

איך פרעג באַ די פרייד־מאַניפעסטירער, לעדידך, אַפילע נאָך אייך נאָך, איז די וועלט שוין טאַקע גליקלעך — איבערגליקלעך? גוט, אייך איז גוט, אייך איז וואויל . . . אָבער צו שטאַרבן ניט מיליאָנען אין כינע פון מענטשלעכן, ניין, פון מייזישן הונגער? פאַרשמייסט מע ניט צום טויט טויזנטער מאַראָקאַנער? גייען ניט אַרום מיליאָנען אַרבעטסלאָזע איבער גאָר דער וועלט? ווו איז די באַרעכטיקונג צו זיין טאָמיד פריילעך אין נאָמען פון דער מענטשהייט? איז ניט די גלייך־סטרוניקע פרייד אייערע, — פרעג איך באַ די מאַניפעסטירער — אַן ענאַצענטרישע, אַ גאַיוועדיקע, אַ ליגנערישע?

אָבער דאָס האָט שוין צו טאָן מיט דער דיסקוסיע וועגן דער געזעלשאַפטלעכער, סאָציאַלער באַרעכטיקונג פון דער אויסגעשריי־

גענער, גרויסער פרייד. לאָמיר זיך דאָ האַלטן בּאַ דעם, בּאַ וואָס איך האָב אָנגעהויבּן — בּאַ דער קינסטלערישער בּאַרעכטיקונג פון דעם.

ניין, ליבּער, צעהוידעטער איציק פעפער, ניטאָ פאַר דיר און פאַר דיינע כאַוויירים קיין קינסטלערישע בּאַרעכטיקונג אַריינצופאַלן פון איין איבּערטרייבּונג אין אַן אַנדערער איבּערטרייבּונג — פון דער איבּערטרייבּונג פון „שמערץ" און „טרויער", צו דער איבּערטרייבּונג פון „פרייד".

איז אונדז שוין אַלעמאָל בּאַשערט צו ליידן פון איבּערטרייבּונגען!

* * *

און אַ וואָרט צו די עמעסע, טרייע, פּאַרטיי־מענטשן:

— כאַוויירים, טרויט זיי ניט! אייך איז גוט, זייער פיין! איר ווילט זיין פריילעך — זייט! נאָר מאַכט ניט קיין „פרייד־בּונט" מיט די פּאָעטן, מיט די קינסטלער. אָדער זיי וועלן אייך פּאַראַטן, אָדער זיי וועלן זיך פּאַראַטן — פּאַרעטער וועלן זיי מוזן זיין. זוכט ניט אינקוויזיטאָריש דעם טרויער בּאַ בּערגלסאָנס גרענעץ־וועכטער, צי בּאַ קוויטקאָס בּאַלמעלאָכעס (ווי די שפּאַניער האָבּן אין די קעלערן די מאַראַנען געזוכט). זוכט ניט דעם ייעש אין מ. ל. האַלפּערנס לעצטע לידער, צי אין לייוויקס שווערע זעונגען. זוכט ניט. אַלץ ליגט דאָך אויבּאויפיק. דער בּונט מיט די „פּאַרעטער" איז פון אָנהייב אָן געווען אַ לעבערלעבער, אַ קאָמישער.

אַזוי ווילט זיך מיר זאָגן צו די פּאַרטיי־לייט.

און אַז דער געצוווּנגענער בּונד וועט פּאַנאַנדערגיין, איז צו האָפן, אַז דאָס וואָס עס האָט זיך לעצטנס בּאַוויזן אין דער יידישער פּאָעזיע — סיי אין אַמעריקע, סיי אין סאָוויעט־רוסלאַנד — די וואָגיקייט פון וואָרט, די נאָענטקייט צו זאַכן, צו מענטשן, די ערדישקייט; די דירעקטקייט פון דער טעמע, די מאַמאָשעסדיקייט פון מאָטיוו, — אַז דאָס אַלץ וועט געדייען, ווירקן און אַרויספירן אונדזער ניי ליד אויף בּרייטע זוניקע שליאַכן.

# ד״ר געשטאלטן

— איר בויט מונטערע שטעט און איך וועל אייך געבן מונ־טערע לידער.

אזוי זינגט אין סאָוויעט־רוסלאַנד איציק פעפער.

אים, איציק פעפערן, דעם יונגן „האַפּליא״דיקן דיכטער פון דער יידישער סאָוויעטן־סוויווע, איז גוט. אים איז גוט, פונקט ווי עס איז גוט געווען דעם אַמאָליקן באַדכן, וואָס האָט מיט זיין גריימן: „קאַלע־קאַלעניו־וויין״, געזאָגט צו דער קאַלע: „דו האָב נאָר כאַסענע און איך וועל דיך שוין באַזעצן!״ אים איז גוט: זיין פערד איז מיט אים, זיין וואָרט איז מיט אים, ער דאַרף זיי ניט צופיל זוכן.

פעפער איז דאַווקע ניט קיין באַדכן. נאָר מיט זיין גאַנצער רעוואָליוציאָנערישקייט לעבט ער דאָך בלויז מיט דער זעלביקער באַדכאָנישער פּסיכיק, גייט מיט דעמזעלביקן גאַנג.

— בויט, בויט, דניעפּער־קינדערלעך, איך וועל אייך שוין באַזינגען!

געשריי: „מיר דאַרפן פּראָלעטאַרישע קונסט, דער דיכטער מוז ווערן זינגער פון רעוואָלוציע!

און אָט מיט אַזוינע שרייענדיקע טריט קומט איציק פעפער אָן אין אַ קאָלעקטיוו, מיט אַזוינע „גרילצנדיקע רעדער״ פאָרט ער אַריין אין ניישטאָט. ער זעט בויער, אַקערער, שניטער. דער האַמער שלאָגט. דער שוויים רינט. די הענט זיינען שוואַרץ, פּאַרמאַזאָליעוועט. די ווענט וואַקסן העכער און העכער.

זינגט פעפער:

— און באַ אייך און מיט אייך, ליבע ברידער,
וועל איך טראָגן דעם קלוגן געוועט:
איך וועל געבן אייך מונטערע לידער,
איר וועט געבן מיר מונטערע שטעט!

— בויט, בויט!

זיי זאָלן בויען — ער וועט זיי זינגען לידער!

זיי זאָלן טראָגן ציגל, און פּעפּער וועט טראָגן שורעס, און דער־פאַר וועט ער זיי, די שווערע בויער, טרייסטן:

— טראָגט, טראָגט, ברידערלעך! איר מיינט, איר טראָגט פּאַשעטע שטיינער? אַ טאָעס! איר טראָגט דאָך גאָר לידער אַף די רישטאָוואַניעס. יעדער שטיין איז אַ פּערז, יעדער ציגל — אַ גראַם!...

— אייער ליריק איז ציגל, בעטאָן!

„בעטאָן" גראַמט זיך דערנאָך מיט „פּאָן".

שיקער! ער, פּעפּער, איז שיקער פון ווערטער, אָבער ער טרייסט די בויער, אַז זיי שיקערן אויך, אַז זיי זיינען: „שיקער פון יעטוועדן מויער!"

אַ פיינער בייט.

ווער ס'איז שיקער פון וויין און ווער פון פּיין.

און אַט אַזוי גייט ער אַרום בעהאַרכאָוועדיק, און טראַכט: זיי, יענע דיכטער, די אויסלענדישע, די וואַרשעווער, די נויאַרקער — זיי זיינען בלויז קונסט־דיכטער, שפּיל־דיכטער, אָבער איך, פּעפּער — איך בין דיכטער פון בויען, איך בין פּראָלעטאַר!

— בויט, בויט...

* * *

איך טראַכט: צי פילט ער ניט, צי פילן זיי ניט אַלע, אין וואָס פאַרא שעקער זיי לעבן? צי זעען זיי ניט איין, אַז זיי זיינען בלויז „קאַלע־קאַלעניו־וויין" זינגער?

ווארים איין וועג בלויז איז דאָ פאַר ערלעכע בויער, ערלעכן „מאָן פון אַרבעט". אַזוינע דאַרפן זיך אין לייוונט־הויזן אָנטאָן און אַליין צום אַקער זיך נעמען. זיי דאַרפן אַליין אַף די באַרי־קאַדן שטיין. זיי דאַרפן אַליין טראָגן די ציגל און די בעטאָן. ווארים טאַקע אַזוי: אויב דער ציל איז אויך ליד, אויב דער בעטאָן איז ליריק, טאָ צי וואָס דאַרף פּעפּער און כאַריק און אַלע אַנדערע פון דעם מין שרייבן לידער, אַמער, טראָגט די האַרטע, קאַלטע ציגעלנע ליריק אין אייער פאַרטוך! וואָס מאַכט עס אויס — אָבי ליריק!...

איין וועג איז בלויז דאָ פאַר זיי. און אַט אַזוי, שטייענדיק אין פאַבריק, פירנדיק דעם אַקער, דאַרפן זיי זינגען צו דער ערד, אויב עס וועט זיך זיי זינגען; און אַט אַזוי קריכנדיק אַף די רישטאָ־וואַניעס דאַרף א. פעפער אַראָפּזינגען אַ הימן, אַ פרייד־רוף: — קומט אויך!

ס'איז דאָך ניט קיין קונץ צו שטיין אונטן, קוקן אַף די פּאַר־קאַלכטע רישטאָוואַניעס, אַף די שטיינערנע ווענט, אַף די מאַסיווע טראַקטאָרן און שיטן, און גיסן מיט פרייד, זינגען מונטערע לידער... גיי אַרויף אויבן, ברודערל, קוק אַראָפּ אונטן, און דאַן זינג וועלן מיר זען!...

און איך האָב דאָס געפיל, אַז אַזאַ רעגונג מוז שוין טאַקע אויך אופטליען אין די הערצער פון די עמעסע פּראָלעטאַרישע בויער!

בלויז איין אויסוועג איז דאָ פאַר אַזוינע דיכטער וואָס לויפן מיט מיט דער מאַסן־מאַס, מיט דעם הוראַ־גאַנג און וואָס לייקענען אַפּ דעם ווערט פון ליד פאַר זיך אַליין. אויב ניט — בלייבן זיי ליגנער, באַדכאָנים, באַזינגער, ניט בעסער פון די אַמאָליקע „הויף־פּאָעטן", וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין באַזינגען דעם קעניגס געבורטס־טעג. די קעניגן האָט געקינדלט און זיי האָבן געצימבלט...

און ס'איז טראַגיש, וואָס דאַווקע די פּראָלעטאַרישע רעוואָ־ליוציע האָט אופגעלעבט דעם אַמאָליקן הויף־נאַר און דעם פּעאָ־דאַלן הויף־פּאָעט...

אַנדערש איז, ווען דער דיכטער זאָגט: די מענטשלעכע אַרבעט איז פרייד, אָבער אַרבעט איז אויך בלויז אַ מיטל צו פרייד, די מענטשלעכע פּראַצע איז בלויז אַ מיטל צו רו. אויסער דער אַרבעט איז נאָך דאָ: הימל, זון, טויט, ליבע, עראָטיק, קינד; אויסער די רישטאָוואַניעס איז נאָך דאָ: ייעש, צווייפל, מענטש־לעכע טראַגיק, יוגנט, גראַקייט, עלטער. מאַכנע איז גוט, אָבער אויסער דער מאַכנע, אין דער מאַכנע, בין איך נאָך דאָ...

אַנדערש איז ווען דער דיכטער זאָגט: רעוואָליוציע איז דאָך ניט אייביק! עס קומט דאָך אָן די רו! איך טראָג אין זיך אויך איצט, אין די טעג פון אופברויז, די בענקשאַפט נאָך רו, איך

טראַג אין זיך די בענקשאַפט נאָך אוממיטלבאַרער סימכע, פרייד פון זיין! די פרייד פון זיין איז ערשטיק, איז העכער ווי די פרייד פון אַרבעט!

און אַזוי פילנדיק, זייענדיק ערלעך צו זיך וועט אַזאַ דיכטער קיינמאָל ניט זאָגן: איר אַרבעט, איר פראַצעוועט, שוויצט, סאָפּעט, און איך וועל אייער באַזינגערל זיין!

אַזאַ זינגער וועט אין מאָמענט פון שאַרפן קאַמף, פון באַרי־קאַדן אָפט גאָר שווייגן.

אָדער שווייגן, אָדער אַליין אין קאַמף גיין. אָדער —

אַ סך אַנדערע „אָדערס" קען זיך אַ דיכטער אויסקלייבן. אָבער קיינמאָל ניט פּאַכן מיט שורע, ווי מיט אַ בייטש די „באַ־פרייטע קנעכט" צו דער אַרבעט אָנטרייבן!

עס קומט מיר אויפן זינען אַ בילד פון היינעס „שקלאַפן שיף", וווּ דער שקלאַפן־טרייבער מינהער הייסט פּאַכן מיט בייטשן די שקלאַפן זאָלן טאַנצן און ער שרייט צום פידל־שפּילער: „שפּיל, שפּיל שנעלער, זאָלן זיי טאַנצן, שפּיל, אַז ניט קענען זיי נאָך פון בענקשאַפט אויסגיין!"...

* * *

פון סאָוועטן־לאַנד קומען אָן ברויגעזע מיניעס אויף „זינגער", אויף סטאַם דיכטער. אָבער צי ווייסן זיי ניט, אַז דער עמעסער זינגערל איז ניט קיין אַנדערער ווי דער טרייער איציקל?!!

ער וואָס האָט די האָזע צו שרייבן: „בויט, בויט — איך וועל באַצאָלן מיט „מונטערע לידער" — מיט וואָס איז ער פון רעוואָ־ליוציאָנעריש־עטישן קוק אַנדערש פון אַלע יענע טרובאַדורן נאָך פון די אַלטע צייטן, וואָס האָט בלויז יענעם אין מילכאָמע גע־שיקט? מיט וואָס איז ער אַנדערש פון גאַלעך, וואָס גיט דעם קריגער אַ קוש טאָן דעם צײלעם, און אַליין בלייבט ער הינטער דער מאַכנע גאָט צו בעטן?...

דער גאַנצער גייסט פון אַזוינע פעפער־לידער איז אַ וווּלגאַרער, אַ ביליקער, אַן אומקינסטלערישער, וואָס דאָס מיינט שוין: אוממענטשלעכער.

ניט דאָס מיינט: דיכטערישע פּערזענלעכקייט, דאָס איז אין אַלגעמיין ווייט פון פּערזענלעכקייט, דאָס איז בלויז: שאַבלאָן פון באַדכן!

בויט, בויט! ...

גוט און גרינג איז עפּשער דעם האָפּליאַ־דיכטער, וואָס נעמט זיין וועג, דעם וועג פון אַ מענטשן, הייבט עס אויף, דרייט עס צוזאַמען, פאַרבינדט עס מיט אַ קנופּ און זאָגט: ביזן קנוט איז גאָרניט — ניט געווען. בלויז פון קנופּ אָן הייבט זיך אָן מיין וועג! גוט איז אים — נאָר איך בין אַזאַ איינעם ניט מעקאַנע.

אַזאַ איינער פאַרלירט דעם עמעסן בלוט־לויף פון געזאַנג, פון מענטשלעך געזאַנג.

אַוואַדע זיינען דאָ טעג פון מייסים. עס מוזן זיין טעג פון מייסים. איך זאָג בלויז, אַז קיינער טאָר ניט וואַגן צו לייקענען, אַז אין מיטן פון די טעג פון מייסים זיינען דאָ מינוטן פון ליד.

* * *

דריי געשטאַלטן:

— דער דיכטער וואָס זיצט אַף אַ טעפּיך — צי פון אַ פּאַדעם־געוועב, צי פון אַ גראַמען־געוועב און וואַרעמט זיך באַם קאַמין.

בלאַע אויגן, לאַנגע לאָקן, האַרעמישער כיין, שמייכלענדיקן סאַם אַף די ליפּן, פינגערלעך ווי סטרונעס.

סטרונעס צאַפּלען זיך:

כ'האָב נאָר איך וואָס צו זאָגן,
נאָר זאָגן וועל איך ניט.
איר זייט די לייט פון מאַשים,
איך בין דער מאַן פון ליד.

(זישע לאַנדוי, אין זיין ליד וועגן „מייסים און לידער").

מיר איז ניט צום האַרצן די גאַדלדיקייט וואָס שטאַרצט אַרויס פון דער שורע „איך בין דער מאַן פון ליד", און מיר איז ניט צום האַרצן דער מיידלשער קאַפּריז, וואָס וויל ניט אויסזאָגן צי זי ליבט יע, צי ניט, — „נאָר זאָגן וועל איך ניט"...

פינגערלעך ווי סטרונעס און די סטרונעס צאַפּלען זיך קעציש:

— בויט, צי בויט ניט, — וואָס אַרט דאָס מיר?...

זאָגן מעג ער. נאָר מ י י ן דיכטער איז ער ניט.

צווייטע געשטאַלט:

מאַכנע און פון הינטן: גאַלעך און פּייקלער. די מאַכנע שלאָגט זיך און זיי... איינער פּוצט דעם ציילעם און דער צווייטער פּוצט דעם פּייקל.

באַדכן רוקט זיך פון קיוווער אַרויס:

— בויט, קינדער, איר טראָגט ציגל, איך — לידער. איר שטעט — איך מונטערע, רעוואָליוציאָנערע לידער. ברענגט מיר די רעוואָליוציע, איך וועל זי באַזעצן!

אָדער טעאַטראַליש: איר שרייבט נאָר אָן די פּיעסע וואָס הייסט „רעוואָליוציע", — און איך וועל שוין צו דער פּיעסע די „ליריקס", די נייטיקע לידלעך אָנשרייבן...

שרייען מעג ער, גראַמען מוז ער — נאָר מ י י ן דיכטער איז ער ניט.

דריטע געשטאַלט:

צווישן אַלעמענס טריט — זיין טראָט. לעבט מיט — מיט דעם גאַנצן לעבן פון מענטשן, שיידט זיך ניט אָפּ פון קיין זאַך. באַווערט זיך ניט מיטן בעסוילעם און האָט ניט קיין מוירע פאַרן לעבן. מאַן פון טאַט וואָס איז וואָרט און פון וואָרט וואָס איז טאַט; זעט די צייט, פילט די צייט אין וועלכער ער לעבט, אָבער ער לאָזט זיך ניט אופפרעסן פון דער צייט, ווערט ניט פאַרשלונגען אין דעם צייט־געשריי, לויפט ניט אין פאָרויס פון דער צייט־מאַכנע און שלעפּט זיך אויך ניט נאָך פון הינטן, נאָר לעבט מיט דעם טאָג קעסיידער, אָן קנופּן, אָן גראָבנס, אָן גרענעצן. —

מיט אים וועל איך גיין, לעבן אים וועל איך זיך זעצן, כאָטש אים איז ניט אַזוי גוט און כאָטש די עקן, די עקסטרעמען זען זיך בוילעטער אָן אין דער איצטיקער צייט.

ד. שאַרזשן.

# דער "לעזער"

אונדזער לייענער, דער ייד מיט די קליין־צוגעשניטענע וואנצ־קעלעך, וואס ווילן קיינמאל ניט ווערן גרוי; ער, וואס וויל ניט אנדערש בלייבן: „לעזער", און ניט „לייענער", דערדאזיקער ייד שטייט איבער מיר און רעדט מיט אזוי פיל ניצאכן אין זיין קאל.

— און א טאלסטאיען האט איר? און א מאפאסאנען האט איר? און א פושקינען האט איר? צו וואס זיך אליין די אויגן פארבלענדן, מיר האבן גארניט!!

איך קען דעם יידן שוין פון לאנג. אמאל, אין שטעטל נאך, האט ער דערזעענדיק בא מיר אין דער האנט לינעצקים: „דאס פוילישע יינגל", ארויסגעפלאצט:

— נארישקייט, וואס פארא ווערט האט דאס אקעגן טורגע־ניעווס „אטשי אי דעטי"?! נאטירלעך, מע דארף דאס שטיצן, מע דארף העלפן, ס'איז גוט פאר די מאסן, אבער צו וואס זאלן מיר זיך נארן?!

צוויי כאווירים — איך און ער. ער האט מיר דאס לעבן פארביטערט. און געפילט האב איך, אז די מאיאריטעט איז מיט אים. צוליב אים האב איך אויך מיין ערשטע ליבע פארלוירן. דאס „פוילישע יינגל" האט מיר טייער געקאסט. צוליב דעמ־דאזיקן „יינגל" האב איך מיין ערשט מיידל אנגעווווירן. איך בין געקומען מיט לינעצקין און ער — מיט טורגעניעוון, און נאך מיט גאגאלן אלס צוגאב. „רעוויזאר", „מיארטוויע דושי"!!! שפע־טער, אין א ווינטער־נאכט, שניי און שטערן, האב איך געהערט ווי ער און זי פארן מיטן פעטער אין א שליטן אוועק און די גלעק־לעך האבן אזוי פרעך געהילכט און זיך גערייצט מיט מיר, ווי קלינגנדיק: „צו וואס זאלן מיר זיך נארן?"...

שפעטער האבן מיר זיך אין ווארשע געטראפן. איך האב זיך געפילט זיכערער, האפערדיקער:

— געלייענט „סטעמפעניו"? „פישקע דער קרומער"? גע־לייענט שוין: „אויב ניט נאך העכער?"

ער האָט דאָן פון פּאַמאַדע געגלאַנצט און זיצנדיק אין שטאָט־גאָרטן בײַ דער זײַט פון אַ יידישער פּאַניענקע, האָט ער גע־שמייכלט:

— געלעזן, געלעזן, ווי דען? זייער שיין, נישקאָשע, ניט שלעכט, אינטערעסאַנט, זאָלן זיך נאָר די מאַסן אויסבילדן, אויס־מענטשלען, אָבער, — זעצט זיך, — צו אַ מיצקעוויטשן איז עס נאָך ווייט! כ'מיין, צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן? ...

אַ שטיקל צייט האָב איך אים פאַרלוירן. מיטאַמאָל האָב איך אים אין קעניגסבערג געטראָפן. ער האָט דאָרט אַרום אוניווער־זיטעט אַרומגעפּאַדיעט און זיך געשאַרט צו אַ דייטשישער מיידל. וואָס האָט זייער ליב געהאַט בעטהאָווען. איך האָב אים דערציילט:

— אַשם, „אַ שטעטל", איינהאָרנס, „דער לעצטער באַלטפּילע", „דער ניסטער", בערגלסאָנס „אַרום וואָקזאַל", פּינסקיס „דער אויצער", יווינג ראָזנפעלדס „קאָנקורענטן", — עס וואַקסט, עס געדרייעט — — — —

ער מיט די קליין־צוגעשווירענע וואָנצעלעך האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— יאָ, יאָ, ווי זאָגט היינע אין זיין „דייטשלאַנד"? פאַר־געסן, פון קאָפּ אַרויס, נאַרישקייטן! און אַ געטען האָט איר? און שילערן האָסטו געלעזן? איך זאָג ניט, ס'איז אַ וואונדער! אַ וואונדער! פּרוג האָט געוויס טאַלענט, נעבעך, אַ צעריסענע נעשאָמע, עס ווייזן זיך יונגע „טאַלענטע", אָרעמע געטאָ!!

מיין כאַווער, דאַרפט איר וויסן איז אַ רך לב, אַ דימענטענע נעשאָמע.

— ווייניקער ווי געטע גייט עס ניט, קלענער ווי טאָלסטאָי — וויל ער ניט.

כ'בין מיט דער שיף קיין אַמעריקע געקומען. אַרומגעוואַנ־דערט, אַרומגעוואָגלט, געזען דאָ פּאָליאַקן, טשעכן, כינעזער, נעגער, איטאַליענער. מיטאַמאָל: מיין פריינט איז ווידער דאָ! שוין אויס דייטשלאַנד, שוין אויס דייטשקע, שוין נאָך בעטהאָווען. ער שאַרט זיך אַרום דעם קאַלעדזש־קאַמפּוס: „בע־צע־באַנאַ־פּעטאַ", און שערט זיך נאָך אַלץ די בלאָנדע וואָנצקעלעך.

איך דערצייל אים:

— אמעריקע. די יידישע פּאָעזיע איז דאָ שטאַרק אויסגע־וואקסן, נייע יידישע פּראָזע. פּאָעטן עלטערע, סאָציאַלע מאָטיוון, נאַטור, יונגע פּאָעטן, יידישע לירק, נייער ריטם, שטאָט, פּאַר־טיפונג, אויסברייטונג.

און ער כיכיקעט:

— געהערט, געהערט, בערל אייזיק האָט דאָס מיר שוין גע־זאָגט. שוין דערציילט וועגן דעם. מערקווירדיק! דאָ אין אַמעריקע! איך אָבער בין לעצטנס ווייטלעך פון דעם. אָבער צו וואָס? אַז איך האָב אַביסל צייט וויל איך עפּעס רעכטס, ניטאָ קיין צייט אַלץ צו לעזן, אָבער איך לעז, כ'בין נאָך אַלץ אַ גוטער לעזער. טייערע זאַכן זיינען היינט דאָ. געהערט וועגן רעמאַרקן? אָט איז אַ שרייבער! היינט טעאָדאָר דרייזער, אַפּטאָן סינקלעיר, באַרביוס, זשעראָמסקי, מאָדערן, גוואַלטיק! איך הער, די זשאַר־גאָנישע ליטעראַטור וואַקסט. זייער שיין, אָבער, מענדעלי — איז נאָך ווי עס איז, די נייע טויגן דאָך גאָרניט, זאָגט מען. צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן?!

דער קליין־שטעטלדיקער שליטן מיט די גלעקלעך הילכט מיר שוין ווידער אין די אויערן...

איך אַנטלויף פון מיין לייענער, וואָס וויל נאָר „לעזער" בלייבן. אין יידיש געפעלט אים ניט קיין שום נייס. דאָרט — איז דאָס מאָדערנע, פיין. „צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן?" וואָס פאַר אַ פינצטערע, פּאַסקודנע פּראָזע דאָס איז?! איך אַנטלויף אין מיין צימער. נעם אַרויס די נייסטע „ליטעראַרישע בלעטער", די וואָשעוווער „וואָכנשריפט", אַ פּאָר צייטונגען, וואָס גיבן „ליטעראַרישע זייטן". איך זע, ווי איז מיר: מיין לעזער, מיין כאַוווער מיט די קליינע וואָנצקעלעך זיגט איבער מיר אַפילע באַ מיינע נאָענטסטע: אין איין נומער: — צום קאַמף פאַר יידי־שיזם — עמיל לודוויג, בערנאַרד שאָ, ראָמען ראָלאַן, סטעפען צוויג, לונאַטשאַרסקי, וועלט־ליטעראַטור!... — — — — אין אַ צווייטן נומער, שוין אַ שריפט פאַר די מאַסן — אין איין נומער: פויכטוואַנגער, אַפּטאָן סינקלעיר, ווידער אַמאָל גאָרקי, באַגדאַנאָוו.

— נייסטע סענסאַציע, אַהער, מיר האָבן אַלץ — די גאַנצע וועלט!!!

איך פיל: ליטעראַרישע אַסימילאַציע, איבערזעצונגס־מאַניע, שיפּלעם־קאָמפּלעקס, יע, אַפילע באַ מיינע נאָענטסטע, ס׳קומט שוין פון זיך אַליין, ניט באַמערקנדיק דאָס אַפילע, און דאָס איז נאָך ערגער. ס׳ווערט אומעטיק. ניטאָ אין די אַלע אויסגאַבן יענע ווארעמקייט, ליבע, פּיעטעט צום אייגענעם געבורט, וואָס האָט געוויים פון ספּעקטאָרס „פּאָלקסבלאַט״, פון „יוד״, אַפילע פון די ליטעראַרישע ביילאַגן פון „פריינד״, ניטאָ, — ברייט און גרויס ווערן מיר, די גאַנצע וועלט פאַרנעמען מיר, אין נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַליזם, אין נאָמען פון דער אַזוי גערופענער ברייטע־רער מענטשלעכקייט, אין נאָמען פון סענסאַציע, אין נאָמען, ניט אַזוי פון „ר ע־מ א ר ק״, נאָר אין נאָמען פון מארק, פון מארק אַליין...

צום טייוול, איך ווער אַ לעזער, ניט קיין לייענער נאָר אַ לעזער, די בעסטע זאַך איז איצט באַ אונדז, — אין 1931 — צו זיין אַ לעזער.

מיין לעזער זינגט!...

# מוישע—דער שווערדן־שלינגער

קוני־איילאַנד.

קעפּ אַף קעפּ.

און אין מיטן: מוישע.

אין אַלע קוני־איילאַנדס, בײַ אַלע פּאַראַדן, מיטינגען, אין אַלע צירקן, בײַ אַלע מאַסן־געיעגן — זײַנען זיי דאָ, די מוישעס. וואַקסן, ווי פון דר'ערד אַרויס.

שרײַער און אויסשרײַער. ווער עס האָט הינטער זיך „עגיפּטישע טענצערנס" פון — בראָנזוויל; ווער עס האָט הינטער זיך — „אַ הויטיקן מאַן", וואָס קען זײַן קאָפּ דרייען אַף אַלע זײַטן ווי אַ רעדל; ווער עס האָט אַ קאַליקע, וואָס קען אַפילע שרײַבן מיט די פיס — — — און מוישע מיט דער טרובע, וועמען האָט ער הינטער זיך? ער איז דער, וואָס שטייט אַף דער הילצערנער פּלאַטפאָרמע און — שלינגט שווערדן און מיט זײַן שווערדן־שלינגערײַ שיקט ער דערוויַיל פּאַרכאַפּטע, נײַגעריקע אין צירק אַרײַן.

דער צירק דאַרף אים האָבן. און ניט נאָר אין שרײַענדיקן קוני־איילאַנד. אומעטום איז דאָ אַ ניצעץ פון צירק, געפאַר פון ווערן צירק, און אומעטום געפינט זיך שוין אַ מוישע, אַ שווערדן־שלינגער, וואָס כאַפּט זיך אַף דער פּלאַטפאָרמע אַרויף.

אַרום די הייליקסטע אידעען דרייען זיך אָט די אויסשרײַער אַרום, כאַפּן אָן אַ אידעע און מאַכן אַ צירק פון דעם.

אַך האָב אַזוינע בײַ אונדזער ציעניזם געזען, און נאָך מער — בײַ קאָמוניזם, אָט יענער דרייסטער וועג וואָס האָט מיט זיך געוואַגטקייט, כאָטש אויך איבערײַלטקייט, געבראַכט.

איז געקומען אָן אָנזאָג: קאָמוניזם! און מוישע האָט זיך אַף די פיס געשטעלט. אור־וואָ, ס'איז דאָך זײַן אידעע, פּונקט ווי פאַר אים צוגעשניטן. זאָרגט ניט, ער וועט זיך שוין צושנײַדן, אָנפּאַסן, צופּאַסן.

אַרויף אַף דער פּלאַטפאָרמע. היט זיך, די יוכע האָט זיך אין אים אָנגעצונדן! ער וואַרפט מיט שווערדן, ער וואַרפט מיט

ביקסן, מיט גיפטיקע פענעס, ער קעמפט פארן עמעס. ער זוכט ערלעכקייט, אויסגעהאלטנקייט, אידעאליזם, מארטירערטום.

וועד זוכט? ער זוכט, מוישע זוכט!...

טראך־טא־רא־ראך!

ניט געשראָקן זיך, ער ווארפט ניט! זיינע שווערדן גרייכן ניט קיינעם. נאָר דאָס שפּילט ער זיך אזוי, היצט זיי קלוימערשט אָן אַף אַ פאַלשן פייער און שלינגט זיי אליין איין. אַ שלינג און — ווידער ארויסגעצויגן. בראוואָ! אַ קונץ אזאַ!

מוישע דרעמלט. מע וועקט אים, שוין צייט אַף דער פּלאַט־פאָרמע צו גיין. טפו־טפו! ער רייבט די אויגן און ער שרייט שוין.

געווען אין אייאָווא אַ פאַסטוך וואָס האָט געהאַט אזאַ געמבע, דאָס מיט איין רוף, מיט איין פייף, פלעגט ער פון פעלד אַלע כאַזיירים צונויפרופן.

און געווען אַ צירק־שרייער בּאַ „באַרנום און בעילי", וואָס האָט מיט זיין האַלדז ווי מיט אַ ראַדיאָ־טרובע געקענט טרובען.

דער פאַסטוך איז ווי געבוירן געוואָרן פארן כאַזיירים־אוילעם.

די געמבע איז אַף דער וועלט אַראָפּגעשיקט געוואָרן נאָר פארן צירק.

און מיט מוישען איז גאָר געשען קאַפּויר:

דער קאָמוניזם איז ווי פון הימל פאַר אים בלויז אַראָפּגעפאַלן.

באַם מאַרשירנדיקן קאָמוניזם האָבן די מוישעס געפונען די בעסטע געלעגנהייט אַף דער פּלאַטפאַרמע זיך ארופצוכאַפּן.

איך מיין ניט: די אידעע פון קאָמוניזם. מוישע איז זייער וייט פון דעם. ניט ער באַנעמט דאָס און ער איז לויט זיין מעהוס ניט ראָע צו דעם. וואָרים וואָלט ער אינערלעך, נעשאָמעדיק ווירקלעך געלעבט מיט דער אידעע פון קאָמוניזם, פון מענטש־לעכער באַפרייונג, פון מענטשלעכער דערהייבונג, וואָלט ער דאָך אזוי מוישעדיק ניט געווען.

ווען איך זאָג: דער קאָמוניזם איז פאַר מוישען ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, מיין איך — די פּסוילעס פון קאָמוניזם; מיין איך די וווּלגאַרע מיטלען וואָס די און יענע קאָמוניסטן באַנוצן, ווייל — ציל הייליקט זיי זייערע מיטלען.

זייער העטער!
אַף דעם האָט מוישע געוואַרט. יאָ, אַלע זיינע יאָרן געוואַרט.
מיט אַלע זיינע וויצן און מיט אַלע זיינע „טאַלענטע״:
דראַמאַטורג.
מאַרשעליק.
פּאָעט.
קאַוואַלער.
פּלאַגיאַטאָר.
סענטימענט־וויינער.
אַקראָבאַט.
קעמפּער.
דראַט־גייער.
די מוישעס זיינען געוויינלעך זייער געראָטן.
גליקלעכער מוישע!

* * *

איבער יאַמען האָבן אַזוינע מאָדנע שטימען גענומען אַריבער־הילכן. מוישע האָט ווי אַ יאָזש אָנגעשפּיצט די שטעכיקע אויער־לעך און גענומען הערן:

איין געשריי:

— די אַלטע מאָראַל איז קיין מאָראַל ניט. דאָלאָי מאָראַל!

מוישע האָט אַקוראַט ניט באַנומען וואָס דאָס מיינט, אָבער אַזאַ זאַך — אוים מאָראַל! — און ער האָט זיך מיטן שפּייעכץ באַלעקט.

צווייטער געשריי:

— גראָבע רייד — אַלץ מעג מע זאָגן! אַ סאַך מיט די זיידענע, שיינע ריידעלעך!

און מוישע האָט אופגעלויכטן! ענדלעך זיך דערוואַרט! און פון גרוים סימכע האָט ער הויך, אַפן קאָל גענומען ציילן: איין מאָל הור; צוויי מאָל הור; דריי מאָל הור...

דריטער געשריי:

— אַראָפּגעריסן זאָל ווערן די מאַסקע פון די הייליקע אינטע־ליגענטלעך! נאַקעט זאָל מע זיי אויסטאָן!

או־האַ! ווי מוישע האָט זיך דאָס דערוואַרט! אַף אָפּ־שפּילן יענעמס הויזן — איז ער דאָך אַלעמאָל געווען איינער אין דער וועלט.

ענדלעך זיך דערלעבט! איבער אָקעאַנען איז דאָס צו אים געקומען. אַזאַ יעשועו!

און אָט אַזוי האָט ער זיך אָנגענומען מיט „גאָט", מיט „קאָמוניזם" — אַז אַך און אַז ווי צו אונדז — און זיך געשטעלט אַף דער ברעטערנער פּלאַטפאָרמע און זיך גענומען צו „שווערדן־שלינגעריי".

אַלץ איז פיין און ווויל. די שמוציקייט וואָס אין אים, די שקאַצישקייט, האָט אַ טיקן באַקומען.

ער מאַרשירט דורך דער גאַס און מיינט, אַז ער איז דער פאַקל פון דער רעוואָליוציע, עפּשער טאַקע די רעוואָליוציע אַליין. די ליפּן גראָבע, די אויגן שפּיציקע, פאַר־זרע־טע. ער גייט און כאַזערט זיך: הור, נאַפּקע, נעקייווע.

און מאַרק־נאַכלויפער זיינען דאָ וואָס באַוווּנדערן זיין גע־וואַגטקייט, זיין דרייסטקייט. זיי מיינען: דאָס איז קאָמוניזם. אָבער דאָס איז ניט מער ווי מוישעיזם, אייביקער מוישעיזם. באַ אַלע דרייסטע, נייע, סענסאַציאָנעלע אויסברוכן, דערשיינונגען. זיינען זיי דאָ, די מוישעס. דער מוישע, יענער מוישע; די פּאַלערינע, יענע פּאַלערינע — דיזעלביקע געשטאַלט. און די געשטאַלט בייט זיך אויך ניט, ווען אַנשטאָט אַ פּאַלערינע טוט זיך מוישע אָן אַ רוסישע רובאַשקע מיט שטיוועלעך.

מוישע שרייבט, קעמפט. מוישע זוכט פּרישעס אַף דער וועלט. מוישע זוכט ערלעכקייט.

באַ פיל באַוועגונגען האָט ער זיך געשאַרט, נאָר אין ערגעץ האָט ער זיך ניט געפילט אַזוי גוט, ווי באַם קאָמוניזם. ווי פון הימל איז דער קאָמוניזם פאַר מוישע־קונדעס, מוישע־פּאַיאַץ אַרונ־טערגעפאַלן, ניט דער קאָמוניזם פון ליידן, פון אויסגעוויייטיקטן קאַמף, ניט דער קאָמוניזם פון „ויהי באחרית הימים", נאָר — די פּסוילעס פון קאָמוניזם, די שמוץ וואָס שלעפּט זיך באַ די ברעגן פון יעדן פריי־צעשטראָמטן טייך.

# אָן א נאָמען

מיין כאַוער — קליין און שפּרינגנדיק — שאַרזשירט:

— איך האָב מיין בוך לידער איבערגעלאָזן אָן א נאָמען. א בוך — און דאָס אַלץ. איך האָב גאָר פּאַשעט מוירע געהאַט פאַר די קריטיקער. כ׳האָב געציטערט זיי צו געבן א נאָמען אין דער האַנט אַריין. איך האָב זיך געטראַכט: ווען איך רוף אָן לעמאַשל מיין בוך: „טונקעלע פייערן" — וואָלט דער צי יענער קריטיקער, אַזוי געזאָגט: „מער ווי טונקעלע פייערן — ברענט דאָרט ניט. ניטאָ אָבער אין זיינע לידער דער פייער, וואָס מאַכט ליכטיק, דער עמעסער פייער פון לעבן".

גיי טרוי אָן א קריטיקער א — נאָמען.

אָבער ס׳האָט זיך מיר דאָך געוואָלט א — נאָמען. האָב איך געטראַכט: איך וועל אַריינגנאַרן די קריטיקער, איך וועל די שאַרפ־זיניקע מיינונגס־מעכאַשפים נעמען אָפּ זיכער און א נאָמען געבן מיין בוך: „בלאָע הימלען". טאַקע אַזוי: וואָס קען זיין שענער און העכער פון הימלען און דערצו נאָך בלאָע ? ... דאָ האָב איך זיך אָבער געכאַפּט, אַז דער קריטיקער וואָס זוכט א דראַש, ווי דיאַגנאָנעס א מענטשן, קען אַזוי זאָגן: — צו בלאָ און צו הימל־דיק ... ניטאָ אין זיינע לידער קיין ערדישעס, ניטאָ קיין ערד־גערוך, ניטאָ קיין אַנדער קאָליר אַכוץ בלאָקייט און די איין־קאָליריקייט נעמט אַזש אין די אויגן שווינדלען...

טויג ווייטער ניט. גוואַלד געשריען: ווי דאָך זאָל הייסן מיין בוך ?

שלעכט!

—„טריט אָפּן שניי..." — אַזעלכע טריט ווערן בא קריטיקער צעגאַנגען...

—„אין בלוי" — בליטן פאַלן בא רעצענזענטן געוויינלעך אַראָפּ.

אַזוי ווי איך שרייב וועגן די נויאָרקער געטאָס, האָט זיך מיר געוואָלט אָנרופן מיין בוך: „מאַלבערי סטריט".

כאַפּ איך זיך, אַז איך גראַב פאַר זיך די עמעסע גרוב. די קריטיקער וועלן פרעגן: פאַרוואָס זעט ער ניט די ברייטע אַמע־ריקע?... די פּרעירים???

— „באַם ברייטן וועגן" — דערווייל איז דער וועג בּאַ אים נאָך ניט אַזאַ ברייטער...

— „באַם שמאָלן וועג" — כשמו כך הוא.

— „אין רויש פון מינוטן" — מער ווי מינוטן קען מע בּאַ אים ניט געפינען.

שלעכט.

ניטאָ קיין נאָמען מיט וואָס צו גיין אין דער וועלט אַריין.

אַזוי האָט מיין כאַווער שאַרזשירט בּאַ אַ קאַפע־טישל און זיך דאָס האַרץ געגעסן.

# זיבן קריטיקער

זיבן קריטיקער זיינען געגאַנגען אונטערוועגנס, האָבן געפֿונען אַ שרייבער און ניט געוווסט ווער ער איז, און ניט געוווסט וואָס צו טאָן מיט אים.

זיבן קריטיקער — זיבן פּאָר גלעזער, זיבן פּאָר ברילן, ברילן אַפֿן אויער, ברילן אַפֿן שטערן, ברילן אַפֿן קאָפּ, — קרילאָווס פֿאַבל.

זיבן בעלעמער ווייבער — געפֿונען אַ מעס און ווייסן ניט וועמענס מאַן דאָס איז. איינע טײַנעט: „מײַנער רעדט מיט אַ בײַקאָל"; אַ צווייטע: „מײַנער שטאַמלט"; אַ דריטע: „מײַנער כיכיקעט"; אַ פֿערטע: „מײַנער האָט אַ לאַנגן אָטעם"; אָבער דער מעס שווייגט, און די רעטעניש — בלייבט.

אַ שרייבער, אַ בעלעמער האַרוג.

רופֿט זיך אָפּ איין קריטיקער:

— לאָזט נאָר. איך דערקען אים. דאָס איז דאָך יענער, וועמען איך האָב באַצייכנט מיטן נאָמען: דער שאַפֿער פֿון „שער און נאָדל", אָדער עפּשער גאָר איז דאָס דער שרייבער פֿון „דאָרפֿישע צלאָמים", און עפּשער: דער שרייבער פֿון „שטאָטישע באַנען". לאָזט מיך נאָר צו, לאָזט נאָר צו מיך, מיך — מיט מײַנע קעסטעלעך, איך האָב פֿאַר יעדן אַ קעסטעלע, איך וועל שוין אויסגעפֿונען, צופּאַסן, אַריינפּאַסן. שפּילן מיר אין קעסטעלעך, קומט אַרויס...

קיינער איז ניט אַרויסגעקומען און דער שרייבער איז געבליבן ליגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן.

האָט אַ ברום געטאָן דער צווייטער קריטיקער, אַזוי צו זאָגן:

— לאָזט מיר נאָר אַרויס פֿון מײַנע דאַלעדאַמעס, לאָזט מיר נאָר פֿאַנאַנדערנעמען די הענט, איך וועל שוין עפּעס מאַכן מיט אים. מע וועט אים שוין באַ מיר דערקענען. איך וועל אים אַ נעם טאָן פֿון מײַן ווינקל, פֿון מײַן זע־פּונקט. לאָזט, איך וועל אים אַריינשלעפּן צו מיר אין דער מעשיעך־ראָם אַריין, אַריינשלעפּן, אַריינפּרעסן, אָדער עפּשער גאָר צו מיר אין מײַן כוינע־האַמאַגאַל־קרײַז. ער וועט שוין אַריין, איך דאַרף אים נייטיק האָבן פֿאַר

מיין טעאָריע, מיין זע־פּונקט... גוט וואָס איך האָב אים גע־פונען, מע וועט אים שוין דערקענען באַ מיר.

א קריטיקער אזא, וואָס ליגט אַליין אין אַ קאַסטן און וויל צו זיך אויף יענעם אריינשלעפּן. אי, ס'איז ענג? איז ער גרייט דעם שרייבער מיט אַ פוס קירצער צו מאַכן, אויסמעקן אַ פוס, אַ האַנט... אַבי — אריין!

אָבער דער שרייבער האָט זיך אין זיין קאַסטן דאָך ניט אריינ־געפּאַסט.

האָט זיך אריינגעמישט דער דריטער קריטיקער, איינער מיט אַ לאַנגער ארשין אין דער האַנט:

— לאָזט מיר. איך וועל אים אויסמעסטן. איך מעסט פון לאַנג די טויטע פעלדער פון יידישער ליטעראַטור. איך וועל זען ווי גרויס ער איז, ווי לאַנג, באַ מיר גייט אַף אַן אונץ, אַף אַ לויט, איך וויים..

און דער מעסטער האָט, ווי עס פּאַסירט, פאַרמישט די מאָסן, די לויטן און אונצעס און דער שרייבער איז אַלץ ליגן געבליבן אונטערוועגנס.

האָט זיך אריינגעמישט דער פערטער קריטיקער, אַ הויכער, לאַנג־נאָזיקער, מיט אַ טעלעסקאָפּ צום אויג צוגעבונדן:

— לאָזט אַ קוק טאָן, איך וועל שוין אַלץ אופדעקן. לאָזט נאָר, האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט פאַר יעהודע האַלייווי, אָדער נאָך אים? איז ער געפאַלן פאַר לינעצקין, אָדער נאָך לינעצקין? און אויב נאָך — טאָ וויפיל מייל פון לינעצקין? איז ער אַראָפּ פון „פּערעצעס רוים”, אָדער גאָר פאַרזונקען געוואָרן אין „שאָלעם־אַלייכעמס” אַאַזים? לאָזט צו, לאָזט אַ קוק טאָן אַף דעם שטויב וואָס קלעפּט צו זיינע גלידער?

דערדאָזיקער קריטיקער דרייט מיטן טעלעסקאָפּ און קען נאָך אַלץ מיט זיך אַליין ניט צורעכט קומען וועגן דער צאָל מיילן וואָס ציען פון לינעצקין ביזן געפונענעם שרייבער.

האָט זיך אריינגעמישט אַ פינפטער קריטיקער, אַ ייד מיט צוויי ווייט־זעעוודיקע אויגן, וואָס ליגן אים באַ דער זייט פון די וויעס:

— צו וואָס מעסטן? צו וואָס קוקן? לאָמיר אופנעמען דאָס וואָס מיר האָבן געפונען. צי זעט איר דען ניט, אז דער

שטערן זיינער איז פּונקט אַזוי ווי באַדלערס שטערן? און דער נאָז, צו אַלדי גוטע יאָר, איז דאָך אַקוראַט טיוטשעווס, אַ האָר זאָל דאָס פעלן!! בלינדע וואָס איר זענט, אַמעראַצים, די ליפּן זיינען דאָך עדגאַר עלען פּאָוס, און — — — —

— און ער אַליין ווער איז? — האָט זיך אַריינגעמישט דער זעקסטער קריטיקער.

— ער, האַ — ?

האָט דאָן דער זעקסטער קריטיקער געלאָזן און גאַלעכיש אַליין גענומען רעדן, וידבר:

— לויט בערגסאָנען איז קונסט נאָענט צום כאַלעם און כאַלעם צו קונסט: לויט פרוידן געפינט זיך היגטער קונסט — געשלעכט: לויט עמערסאָנען, ליגט קונסט אין נאַטור; לויט בעלינסקין, לויט טענען, לויט קראָצין, לויט, — — — — — —

בעקיעס. און געמיינט האָט ער, אַז ער, מיט זיין מאַגידישער בעקיעס, צי מיט זיינע גאַלאַכישע פּסוקים, דערקענט בעסער פון אַלע אַנדערע. אָבער דער געפונענער שרייבער אונטערוועגנס האָט זיך פון אָרט ניט גערירט.

איז געקומען דער זיבעטער קריטיקער — —

— זיבן קריטיקער, זיבן פּאָר ברילן, קרילאָווס אַ פאַבל. זיבן ווייבער, אַ כעלמער האָרוג. —

— מיין מאַן שטאַמלט!

אַ מעס.

און מיטאַמאָל — צוטומלעניש: ווי די זיבן מיט די אַרשינען, טעלעסקאָפּן און קעסטעלעך זיינען אַזוי געשטאַנען און געצויגן זיך האָט דער מעס פּלוצלונג די אויגן גענומען אופעפענען, האָט זיך אַף די פיס אופגעשטעלט און גענומען גיין, אַוועק!

די זיבן האָבן אים גענומען נאָכיאָגן.

# די יידענע מיט דער האַנט אַף איר באַק

אַ פּאַשעטע, זייטיקע פּאַסירונגל.

איך בין איינמאָל אַזוי געזעסן צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר קאָלעגן בײַ אַ דענטיסט אין וואַרט־צימער. ס'זיינען דאָרט געווען נאָך מענטשן. אַלע האָבן מיר אַף אונדזער ריי געוואַרט. מיט־אַמאָל איז אין צימער אַריין אַ מיטליעריקע פרוי מיט כיטרע, פלינקע בליקעלעך. דערזעענדיק אַז אַרום צען פערזאָן וואַרטן אַף זייער ריי, האָט זיך די פרוי פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן בײַם מויל און אויסגעשריען:

— אַי, מיינע ציין!

איר געשריי האָט אונדז אַלעמען בײַם האַרצן פאַרקוועטשט. איך און כאַים גוטמאַן, (דער לעבעדיקער) האָבן די פרוי שנעל צום דאָקטאָרס צימער אונטערגעפירט. מיר האָבן איר אַלע אונדזער „נעקסט" אָפּגעגעבן. אַז איר טוט, נעבעך, אַזוי וויי.

— אוי, מיינע ציין!

שפּעטער האָט אונדז דער דאָקטער פאַרטרויט אַ סאָד, אַז ווי אים דוכט זיך, האָט אונדז די פרוי אָפּגענאַרט — ס'האָט איר גאָר ניט אַזוי וויי געטאָן, מער ניט וואָס, זי האָט ניט געוואָלט איבער־וואַרטן אַלע פריערדיקע און האָט גלייך דעם „שטול" געוואָלט פאַרנעמען...

אָפּגענאַרטע.

און איך אַליין האָב זי נאָך צום שטול אונטערגעפירט.

אַ קאָמישע, זייטיקע פּאַסירונגל, וואָס האָט מיך אַף „ליטע־ראַרישע" ראַיוינעס אַרופגעפירט. איז עס דען ניט אויך אין דער ליטעראַטור? מיט דעם קויעך פון דעם געשריי „אוי, מיינע ציין!" פאַרכאַפּט מע אויך — הויפּטזעכלעך היינטיקע צייטן — דעם ליטעראַרישן „נעקסט", — די וואַרטנדיקע שטול, אַזוי צו זאָגן. ווי אַזוי? אָט ווי:

זיצן קאָלעגן, פּאָעטן, דערציילער און שאַפן, און זוכן און וואַרטן — — — שטילע רייד, שטילע מאָטיוון, געצאַמטער טאָן,

מענטשלעכער, פּאַשעטער. מיטאַמאָל כאַפּט זיך אַריין איינער אַ פלינקער, אַ געדולדלאָזער, אַ י ע ג ע ר און ס'ווערט אים מיעס דאָס שטילע וואַרטן אױף „נעקסט”. טעג, נעכט, זון, לעבן, טויט. וואָס טויג דאָס, וואָס דאַרף מע דאָס און דער איקער — עס נעמט אַזוי לאַנג! ... און ער, דער אומגעדולטיקער, דערלאַנגט פּלוצלונג אַ געשריי:

— אוי, לאָמיר זיך שיווע זעצן!

ווערט אַ גערודער, אַ טומל: — קומט נענטער, נאָט אייך אייער נעקסט, נאָט אייך דאָס שטריימל! ...

און אַ צווייטער:

— אַי, אַ ליכט גייט אױף איבער אונדזערע קעפּ! ...

און אַ דריטער:

— אַי, מיינע יעסורים, מיינע ראַנגלענישן!

און אַ פערטער.

און אַ פינפטער!

אוים וואַרטן!

אוים מיזרעך־וואַנט!

אוים „נעקסט”.

אַז אַלע לויפן, אַז אַלע ברומען, אַז אַלעמען טוען, נעבעך, די ציין אַזוי ווי! ...

די יידענע מיט דער האַנט באַ דער באַק.

# דער מענטש מיטן שראם אפן פּאנעם

וואס איז אָריגינעלער — אַ געזונטער, גאַנצער פּאָנעם, צי אַ פּאָנעם מיט אַ שראַם?

אוודע אַ פּאָנעם מיט אַ שראַם.

אַן אוילעם מענטשן שטייט און וואַרט אַף דער שטאָט־באַן. קיינער קוקט זיך אַפן צווייטן ניט אום.

מיטאמאָל קומט אָן אַ מענטש מיט אַ געלן שראַם אַפן פּאָנעם.

ס׳ווערט אַ קוקעניש: וואָס איז דאָס?

אויב איינער וויל אַז מע זאָל קוקן אַף אים, דאַרף ער זיך, דעריבער, אַפּזוען אַ שפּיץ נאָז, אויסברענען אַ שניט אַפן באַק, פאַר־בייגן אַן אויער.

אַזוי טוען טאַקע געוויסע קאַלעגן פּאָעטן, וואָס ווילן אַנהאַלטן זייער אָריגינאַליטעט.

זייער אָריגינאַליטעט — דאָס איז אייגנטלעך בלויז דער שראַם אַף דער פּאָעטישער צורע זייערער.

באַ איינעם — צעפלאָסנקייט.

באַם צווייטן — טונקלקייט.

באַם דריטן — היסטעריקע.

באַם פערטן — מעליצעדיקער שורע־בוי.

באַם פינפטן — כאַכמעדיקייט.

זיי ווייסן עס אַליין, זיי פילן עס, זיי ווייסן זייער פעלער, זי זעען זייער שראַם. נאָר פונדעסטוועגן וועט אייך אַזאַ איינער ענטפערן:

— איך ווייס, איר זענט גערעכט, אָבער...

אָבער —

ער וויל אַנהאַלטן זיין אָריגינאַליטעט. ער ציטערט, אַז מיט אַ געזונטן פּאָנעם וועט ער זיך פאַרלירן...

אָט צו אַזאַ מין אָריגינאַליטעט איז מע דערגאַנגען אין היינטיקן געיעג נאָך איינגאַרטיקייט.

שראַם־אָריגינאַליטעט.

## דער גראַמאַטאַן

אַף אַ נויאָרקער הויכבאַן, („על", — ווי נויאָרקער רופן עס), וואָס פאָרט קיין ברוקלין, האָט זיך צו מיר פּלוצלונג אונטער־גערוקט אַן עלטערער ייד און אַ זאָג געטאָן:

— גיט מיר אַ קוק טאָן אַף אייער צייטונג.

איך האָב אים אַ סעקונדע פרעמדליך אָנגעקוקט. האָט ער פראָסט און פּאָשעט, ווי ער וואָלט רעדן די געוויינלעך־גערעדטע שפּראַך צוגעגעבן:

— גיט מיר די צייטונג צו לעזן.
פון לעזן ווערט מע געזונט.
אַ ייד אַזא, וואָס רעדט אין גראַמען.
— ווו פאָרט איר?
און ער האָט געענטפערט:
— איך פאָר אין קוני־אײלאַנד צו אַ זון,
אַלע קינדערלעך פאַרלאָזן די הון.

און אָט אַזוי האָט ער מיר גענומען דערציילן זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע אין גראַמען:

כ'האָב פאַרלאָזן אַ קליין שטעטל,
און זיך אויסגעבעט אַ האַרטע בעטל.

אין דער היים בין איך געווען אַ מאַצע־רעדלער,
און דאָ בין איך געווען אַן אָרעמער פּעדלער.

געהאָוועט, געבאָרגט און געוואָרן אַלט,
אַפילע דער זומער ווערט אויך קאַלט.

ס'איז שוין באַלד ליידיק אינגאַנצן מיין זעקל,
יעדער ייד האָט זיך זיין אייגענעם פּעקל.

דער ייד האָט גערעדט— געגראַמט זיין לעבן, און דאָס אַלץ אַרויסגעזאָגט מיט אַ טאָן פון האקדאָמעס.

כ'האָב געקוקט אַף דעם יידן און זיך געשעמט אים אויסצו־זאָגן, אַז איך שרייב אויך גראַמען פון מיין לעבן. איז ער — אַ ניצעץ פון די קעלער־זינגער? פון די באַדכאָנים? אָדער איז ער — אַ פאַרפאַלן־געוואָרענער פּאָעט? לאו דוקא. גיכער ווי אַלץ איז ער, וואָס איך וואָלט אָנגערופן „אַ גראַמאָמאַן", אַ מאַניע אַזאַ צו רעדן אין גראַמען.

ניט „גראַפאָמאַניע" — נאָר „גראַמאָמאַניע".

... פאַר אַ סאַך פּאָעטן שטייט דידאַזיקע געפאַר. דער גראַם נאַרט, ציט אַריין. כ'האָב געקענט אַ פּאָעט וואָס פלעגט ליב האָבן שאָען לאַנג מיט זיין טאָכטער צו רעדן אַף גראַמען. דעהיינע: „טאָכטער ליב, די וואַסער גיב". און אַזוי ווייטער.

אַ צווייטער האָט בײַ זיך געהאַט אויסגעלייגט גאַנצע ליסטן מיט גראַמען, ווי אַ ווערטערבוך.

אַ דריטער, וואָס האָט אין דער עפנטלעכקייט שטאַרק גע־קעמפט פאַר: „ווערס ליוור", האָט אין געהיים צו זיין געליבטער געשריבן בריוו דאַווקע אין גראַמען, גראַמאָמאַנישע ווערטערבוך גראַמען.

גראַם, ווי וואָרט־געבורט; גראַם, ווי וואָרט־שייכעס, ווי בילד, דאָס איז געווען און וועט אייביק זיין. אָבער גראַמאָמאַניע — היט זיך!!

* * *

כ'האָב זיך פאַרטראַכט אַזוי, און דערווייל האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט און כ'האָב דערהערט:

— באַי־גוט־באַי!

דאָס לעבן פאַרגייט סאַי־ווי־סאַי.

דאָס האָט זיך דער אַלטער געזעגנט מיט מיר.

# פּאַרנאָסע

אַף איסט־בראָדוויי, אין דער „אַרופגעאַרבעטער" אַמעריקע; אַף נאַלעווקי — אין דער באַפרייטער וואַרשע; אין בוענאָס־איירעס; אין טעל־אָוויוו אַפילע, — זיינען זיי דאָ, זיי — באַ וועמען יידיש איז ניט ווי אַ וואָרט אין מויל, נאָר ווי אַ ביין אין מויל — אַ ביין צו גריזשען אים, צו ציען כאַיונע...

— יידיש, וואָס פאַרא באַשעפעניש, מישטיינס געזאָגט איז „יידיש"! (אָ, דו הייליקער יעשאַיאָע!...) אָבער — איר גראָשן איז קאָשער! גייט מיינע אַרטיקעלעך, גייט קיין וואַרשע, קיין נויאָרק. יאָ, יאָ, נויאָרק איז בעסער! אַמעריקאַנער דאָלאַרן! אָהאָ! אָבער אויך וואַרשעווער זלאָטים גייען ניט צופּום! גרויס און שטאַרק זאָל זיין די שפּראַך פון אונדזערע אָוועס (וועלכע?) פון אונדזערע „פּראָפּעטן" (אַפּלאָדיסמענטן!) קלינגען זאָל ווידער דאָס וואָרט פון עמעס (העידאָד!) פליט, מיינע יידישע אַרטיקעלעך, פון טעל־אָוויוו, פליט, — אַי — פּ־אַ־ר־נ־אָ־ס־ע!

און פון בוענאָס־איירעס דערהערט זיך אַ באַסקאָל:

— יידיש וועט אונטערגיין! יידיש איז — טאַקע, וואָס איז יידיש? אַ געמיש פון פרעמדע ווערטער, „שפּראַך" רופן זיי דאָס! פרעגט זיי: איך האָב אין דער ציריכער אוניווערזיטעט אַ — „היטעלע" געטראָגן: יידיש איז — ווילדפליש! ווער רופט? אַ רעדע אין יידיש? וויפיל צאָלט איר? איך דאַרף פּאַר־נו־סע, יע, פּאַר־נו־סע, דאַרף איך! גיט, אַדראַבע אַ צענערל און איך וועל אייך באַווייזן וואָס יידיש איז!

און אין בערלין, צי אין פּאַריז גייט אַרום דער באַברילטער און טיינעט:

— איך — קענן יידיש? ווער זאָגט עס? נו, יע, אונטער־גיין מוז יידיש, גאַנץ געוויס! אָבער איך — אַ קענער? פאַר־קערט, איך האָב ליב יידיש, פיין, פיין זייער שיין! שיינע „טאַלענטע", שריפטשטעלער, נאַטירלעך „אָנע" צוקונפט, אָבער, אַ שאָד, אַ שאָד! אַדראַבע, גייט און זעט וויפיל יידישע לעזער איך האָב, איך בין פּאָפּולער, רעדאַקציעס רייסן זיך איבער מיר

— נו, יאָ אַ ייד דאַרף דאָך לעבן! אָבער יידיש, ווער זאָגט דאָס, אַז איך האַלט ניט פון יידיש?

אַלע אַזוינע יידן וואָס האַלטן יידיש ווי אַ ביין אין מויל. פּאַרנאָסע!

אָבער אין ערגעץ, דוכט מיר, האָט זיך אַזוי שטאַרק ניט דער־פילט דער רייעך פון פּאַרנאָסע אַרום יידיש ווי אין אַמעריקע.

אין גאַנצע סטאַדעס קומען זיי דאָ.

דער אַסימילירטער „קיעווסקי" פּריוואַט־דאָצענט וואָס טראָגט דאָ „יידיש" אין באַנק אַריין...

דער העברעישער פּאָעט וואָס ווערט דאָ אַ „פּיטשור" אין יידיש.

דער העברעישער באַלדאַרשן, וואָס ניסט מיט יידיש אין פּאָנעם אַריין...

דער פּובליציסט וואָס שפּייט אָן זיין יעדן „יידישן" אַרטיקל (ווי אַ גוי זיין רובל) פון מאַזל ווענן...

דער סויכער — דער אימפּאָרטערל, וואָס האַנדלט מיט יידיש ווי מיט אַ זייטיק געשעפטל, קאָנטראַבאַנדע.

דער אַסימילאַטאָר וואָס וויל אַרויסציען פון יידיש די לעצטע פּעני...

דער געדודניק, דער מיילעך בעגעדוד (אַ הונט אין קראָפּיווע?) וויל אַרויסציען פון יידיש דעם לעצטן טראָפּן בלוט.

לויפן, ווי פּאַרסאַמטע מייז אין די רעדאַקציעס, אין די פאַר־זאַמלונגס־פּלעצער, אין די סאָסייעטיס, יאָגן זיך, ווייזן זייערע שיינע האַנטשריפטן — שאַרפן זייערע צינגעלעך: יידיש טויג ניט — אָבער זיין גראָשן איז קאָשער! יידיש — וואָס איז יידיש? ניט ווי אַ וואָרט אין מויל, נאָר ווי אַ ביין אין מויל!...

## ה. ווידיש.

# פון דער ווייט געזען

איך בין ניט געווען אין סאָוויעט־רוסלאַנד און האָב ניט געזען דאָס נייע לעבן דאָרט מיט מיינע אייגענע אויגן. נאָר פונוווייטן פיל איך, אַז באַ אַלע דאָרטיקע פעלקער, נאַציאָנאַליטעטן, האָט די רעוואָליוציע געבראַכט אַ גרויסע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג. דראַנג צום לעבן, ווילן צום לעבן, וואָס זיינען דורעס־לאַנג פאַר־שטיקט געווען אונטערן צאַריזם, האָבן אַזוי ווי אַנגעשוואָלענע, אָנגעקוואָלענע פרילינגס־שטראָמען, זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן אַרויס־געריסן זיך. פון מינסק ביז אוראַל, פון כאַרקאָוו ביז קאַווקאַז, איבער דער לענג און ברייט פון רוסלאַנד, האָבן די אַלע שיווים לעשווינעס די צונגען זייערע פאַנאַנדערגעבונדן און די אויגן צעעפנט.

דער אוקראַינער אַקערט זיין פעלד, גייט אין קאָלעקטיוו אַריין און בויט דערווייל זיין אייגן נאַציאָנאַלן לעבן, ברייטערט אויס זיין נאַציאָנאַלע קולטור; דער ווייסרוס צייכנט שאַרפער אָן די ליניעס פון זיין פּאָנעם; דער קאַלמיק, דער טאָטער, דער האַלב־כינעזער, דער בוכאַרער, דער קירגיז, דער גרוזין, דער מאַריער, דער באַקשיר, דער אוזבעקס — — — אַלע, אַלע קומען דורך דער רעוואָליוציע צו אייגענער אויפלעבונג.

אַזוי איז דאָס. רופט עס: „נאַציאָנאַלע פאָרם“, צי: „נאַציאָנאַלער אינהאַלט“, — אָבער ס'איז קלאָר, אַז די הויפּט־פּירער פון סאָוויעטן־לאַנד שטייען פאַר דער פרייקייט און זעלבסט־אַנטוויקלונג פון יעדער נאַציע אין די שטאַטישע און סטעפּישע גרענעצן פון סאָוויעטן־לאַנד. נאַציאָנאַלער פּאָנעם איז קוידעם־קאָל: „פאָרם“. אויך דער אונטערשייד פון איין אינדיווידועלן פּאָנעם צו אַ צווייטן פּאָנעם איז קוידעם־קאָל: אונטערשייד אין פאָרם. פריער פאַר אַלץ וואַרפט זיך די „נאָז“ אין די אויגן... דעריבער, ווען די נאַציאָנאַלע פאָרם ווערט אויפגעהאַלטן מיט כשיוועס, קומט שוין בעמיילע דער אינעווייניקסטער אינהאַלט, דער אייגענער אינהאַלט, — צי דאָס איז אַן אינהאַלט אַ בור־זשואַזער, אָדער צי דאָס איז אין די הויפּט־ליניעס, ריכטיקער, אין

די צווישן־פעלקערדיקע שייכעס־ליניעס, אן אינהאלט א רעוואַ־ליוציאָנערער.

סטאַלינס רוף אַף דעם 16טן קאָמוניסטישן פּאַרטיי־צוזאַמענ־פאָר צום קאַמף „קעגן דער צעפאַלונג און ליקווידירונג פון די נאַציאָנאַלע קולטורן אין די גרענעצן פון סאָוויעטן־לאַנד", זיין רוף קעגן דעם „גרויס־רוסישן שאָוויניזם", האָט ווידעראַמאָל געגעבן א שטאַרקן קלאַפּ די רעשטלעך פון דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, די רעשטלעך פון דעם „קולטור־אימפּעריאַליזם", וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט א שטיק צייט בא די פאַלש־אויסטייטשער פון דער צווישן־פעלקערלעכער פרייער דערנענטערונגס־אידעע.

אין סאָוויעטן־לאַנד זיינען דאָ פאַרשיידענע שווערע עקאָנאָ־מישע פּראָבלעמען; וואָס מיר אינטערעסירט דאָ — איז די נאַ־ציאָנאַליטעטן־פּאָליטיק, וואָס ווערט אָנגעפירט אין סאָוויעט־רוס־לאַנד.

איך האָב געהערט, ווי שאַרפע קעגנער פון באָלשעוויזם טיינען:

— דאָס אַלץ איז נאָר א פּאָליטיק אזא פון די באָלשעוויקעס. אריינצונאַרן די אַלע פעלקערשאַפטן אין דער באָלשעוויסטישער נעץ אריין. מע גיט דעם און יענעם פאָלק אביסל קלוימערשטע קולטור־רעכט, קעדיי דורך דעם אים עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, און פּאַרטעיש, צו פאַרשקלאַפן.

צי ס'איז אין דעם דאָ א שעמעץ פון עמעס, צי ניט, — דאָס איז אַן אַנדערע פראַגע. אָבער מיר זעען דאָך די רעזולטאַטן. אָפּגעשטאַנענע פעלקער ווערן אַנטוויקלט, שפּראַכן מיט מאָד־באַוואַקסן פון אָפּגעשטאַנענקייט, ווערן פריש, לעבעדיק. בענק־שאַפטן פאַרשטיקטע שפּראַצן פון האַרץ ארויס. אויערן דערהערן דעם אייגענעם קאָל. לידער פאַרשטויסענע ווערן הילכיק געזונגען. פון טונדרעס און זומפּן הייבן זיך קעפּ ארויס: עס וואַקסט דער רעכוש פון פרייען, מענטשלעכן נאַציאָנאַליזם, וואָס גיט יעדן פאָלק דאָס רעכט אַף זיין לעבן, אַף זיין קולטור.

איך ווייס: בא די אוקראַינער זיינען דאָ אזעלכע קאָמוניסטן, וואָס ציען זיך צו דער גרויס־רוסישער קולטור. אזוינע געפינען זיך געוויס אויך בא אַנדערע נאַציעס אין דעם שעטעך פון סאָ־וויעטן־לאַנד. אָבער די אויבערהאַנט בא זיי, בא די אַלע נאַציאַ־

נאַליטעטן, האָבן די, וואָס פאַרשטייען, אַז „דער פּעריאָד פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור איז דער פּעריאָד פון אויפבלי פון נאַציאָנאַלע קולטורן" (אַ ציטאַטע פון דער אויבנדערמאָנטער סטאַלינס רעדע).

איך ווייס: מיט אַ צייט צוריק האָט מע געמישפּעט אין אוק־ראַינע רעכטע נאַציאָנאַליסטן. און אַזוינע מישפּאָטים זיינען גע־ווען אויך אַנדערשוואו. אָבער דער מישפּעט איז געגאַנגען ניט קעגן דעם „נאַציאָנאַליזם", נאָר קעגן „רעכטיזם". און דאָס איז ניט שייך צום איניען, וואָס איך וויל דאָ באַרירן.

איך האָב נאָכגעפאָלגט אוקראַינישע און ווייסרוסישע צייַ־טונגען; איך האָב נאָכגעפאָלגט די סאָוויעטישע פּרעסע; איך האָב זיך אָנגעגעקומען מיט אַלערליי גרופּן פון רייזנדע, פון סאָוויעט־באַזוכער, — — — און פון דעם אַלעמען האָב איך אַרויסגעזען, אַז די און יענע קולטור־קעמפער, שול־בויער, טעאַטער־בויער באַ דעם און יענעם פאָלק טוען זייער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אָפן, ערלעך, קאָנסעקווענט. זיי זיינען ניט קיין פּסיידאָ־טוער; זיי זיינען ניט קיין פּסיידאָ־דערציער באַ זייער פאָלק; זיי דאַרפן ניט יעדן טאָג זוכן אַ נייעם טערעץ פאַר דעם, וואָס זיי טוען; זיי זוכן ניט קיין העטערם; זיי ציטערן ניט פאַרן וואָרט: „נאַציאָנאַל"; פאַרן וואָרט „נאַציאָנאַלע קולטור", זיי מאַכן ניט איין טריט פאָרויס און צוויי צוריק. זיי פילן אין זיך דעם קויעך, זייער קויעך, פון לעבן, פון וווקס, פון אופבוי.

אַזוי זעט עס אויס אין מיינע אויגן פונדערווייטנס. דאָס איז דער איינדרוק, וואָס איז מיר געבליבן פון די אַלע גרופּן, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט סיי פון פאַרערער און סיי פון קעגנער פון דער סאָוויעטן־רעגירונג.

און אין דער זעלבער צייט וואַקסט אין הארץ באַ מיר אַן אַנדער געפיל. טליעט אַ צאַר. איך פיל, אַז באַ אונדז, אַף דער יידישער גאַס, איז עס צום גרעסטן טייל אַנדערש. באַ אונדז אין מינסק, אין כאַרקאָוו, אין מאָסקווע, אין באַרדיטשעוו — אומעטום!

עמעס, עס זיינען דאָ יידישע שולן, עס זיינען דאָ (געווען?) יידישע געריכטן, עס זיינען דאָ צייטונגען, יידישע קורסן, אינסטי־

טוציעס, — און דאָך פּילט זיך אין דער גאַנצער אַרבעט אַ מין אַנגעשטרענגטקייט, אַ מין פאַלשקייט, אַלנפאַלס — פּסיידאַ.

מע ציטערט, מע האָט מוירע. מגלה טפח ומכסה טפחים — מע דעקט אויף און מע פאַרדעקט... מע פאַרדעקט מער, ווי מע דעקט אויף... מע שרעקט זיך פאַרן וואָרט „נאַציאָנאַל". בּאַ אַ סאַך יידיש־פירנדיקע קאָמוניסטן זיינען די יידן בלויז „יידיש־רעדנדיקע", „יידיש־שפּרעכנדיקע". מע רעדט יידיש קאַלזמאַן: „די יידן קענען נאָך נים קיין רוסיש". נים איינגעוואָרצלטע קול־טור־טוער זיינען זיי, נאָר: דאָלמעטשערס, פּאַרטייטשערס.. מע רעדט יידיש, קעדיי נאָכצוטאָן יענעם, סטאַלינס דעקרעטן... אָבער נים קעדיי אופצוטאָן פאַר זיך. מע האַלט אין איין זוכן כאַטאָים. דאָ, אין אַ שטעטלשער שול, געכאַפּט אַ יידישיסט! דאָרט גע־כאַפּט אַ לערער, וואָס האַלט זיך אָן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם! דאָ געכאַפּט אַ קולטורניק! מע טוט — און מע איז מעוואַזע דאָס, וואָס מע טוט. מע פאַרביליקט דאָס, מע פאַרפלאַכט דאָס. געוויס זיינען דאָ דאָרט איינציקע לערער אַרום די שולן, וואָס זיינען זיך מאַקרעוו, וואָס מיינען דאָס ערנסט, אָבער די הויפּט־טוער, די טאָן־געבער, די, וואָס זיינען קאָרעוו־לעמאַלכעס, זיי האַלטן־אויף אין זייער גאַנצער יידישער אַרבעט אַ מין פּסיידאָ־טאָן, אַ סטירע, אַ פאַלשקייט, אַ נים־גאַצקייט.

איך לעז קעסיידער אין „עמעס" און אין די אַנדערע יידישע צייטונגען די לאָזונג:

— ראָט אויס, פאַרניכטעט דעם יידישיזם!

איך לייען און קען נים באַנעמען: מיט וואָס איז דער יידי־שיזם ערגער ווי דער אוקראַינישער „אוקראַיניזם"? פון „קיר־גיזם", פון „גרוזיניזם"?

איך פרעג: פאַרוואָס מעג דער קירגיז זיין אַ „יידישיסט"?

אָבער „אונדזעריקע" אין מאָסקווע, — און נאָך מאָסקווע זייערע נאָכשרייער אין ריגע, אין בוענאָס־איירעס, אין נויאָרק, — ציטערן, פאַלשעווען ציטאַטן, (אפילע סטאַלינס ציטאַטן), דרייען מיטן רעוואָליוציאָנערן טייטל און זיינען מעוואַזע דאָס, וואָס זיי טוען.

אף זיי פאסט זיך בעעמעס דאס פאלקס־ווערטל: „די רעכטע האנט ווייסט ניט, וואס די לינקע טוט"...

און אט דערפאר, וואס מע ציטערט פאר דער א י י ג ע נ ע ר ה א נ ט, קומען אלע ווילע געשרייען אין „עמעס":

— גוואלט, די קולטור־ארבעט אף יידיש ווערט ניט געטון!

דערפאר קלאגט זיך איינער מיט דער אונטערשריפט ק. ק. אין „עמעס" פון אווגוסט דעם 7טן (1930), אז אין דעם גרויסן מאסקווער ארטעל „טאלפראם" ווערט ניט געפירט „קיין שום קולטורעלע ארבעט אף יידיש צווישן די קוסטארן. אלץ ווערט געפירט דאווקע אף רוסיש. די וואנט־צייטונג האט ניט קיין יידיש־ווינקל; די יידישע מיטגלידער טרעטן ניט אוף אף די פארזאמלונגען, ווייל זיי קענען ניט קיין רוסיש און זיי שעמען זיך (אונטערשטראכן אין „עמעס") צו רעדן יידיש". דער שרייבער, א מיטגליד פון ארטעל ענדיקט: „די כאווירים־קאמוניסטן דארפן ענדלעך פארשטיין די סאוויעטישע נאציאנאלע פאליטיק און נעמען אף זיך די איניציאטיווע בענעגייע דער איינפירונג פון דער יידישער קולטור־ארבעט אין ארטעל".

דערפאר קלאגט זיך יאנקל לעווין („עמעס" פון יולי 29), אז צווישן די יידישע פויערים ווערט ניט געטאן גענוג קולטור־ארבעט אף יידיש און זיי ווערן גאר „באדינט אף רוסיש": דערפאר טיינעט אן אנדער לעווין, שאלעם לעווין, אין „עמעס" פון 13טן אווגוסט, פארוואס „קיינעם ארט עס ניט, וואס דאס יידישע געריכט אין האמעל איז אפגעשאפט געווארן".

דערפאר דערציילט אן „עמעס"־בריגאדניק (אין „עמעס" פון 25טן יולי), אז איינער — „מוישע באטליאנסקי, דער סעקרעטאר פון דעם קאמיוג קעמערל אין טשעטשעלניק, וויניצער קרייז, שטערט יעדן פארזוך אויסצושרייבן יידישע צייטונגען. ער צווינגט אויסצושרייבן דאווקע רוסישע צייטונגען". דערפאר קלאגט זיך א קאמוניסטישער קארעספאנדענט פון ניזשני נאווגאראד, אז די פירער פון די דארטיקע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס האבן א שלעכטע באציונג צו דער יידישער קולטור־ארבעט. און אזוי קעסיידער. א סאך ענלעכע אנקלאגעס ווערן דאך געווים, ווי איך בין זיך מעשאר — פארשטיקט. די עטלעכע ציטאטן האב איך

א כאַפּ געטאָן בלויז פון אַ פּאָר כאַדאַשים „עמעס״.

און דערפאַר — אַלץ ווייל מען איז מעוואַזע די אייגענע אַר־בעט, וואָס מע טוט, — דאַרף איינער ש. פּאַלאַטניק קומען אין דעמזעלבן „עמעס״ (אַווגוסט 7) מיט אַ געשריי:

— גוואַלט, סטאַלין גיט דאָך אַ העטער! מע מעג דאָך! לאָמיר זיך ענדלעך אָריענטירן אַף דעם הויפּט־סימען פון דער נאַ־ציאָנאַלער קולטור, אַף דער אַרבעט אַף אונדזער מוטער־שפּראַך.

ער שרייט, און פאַרענטפערט זיך אין יעדער שורע, ער האָט אָפּגעם מוירע... ער לאָזט ניט אָפּ סטאַלינען...

ס'איז קלאָר, אַז מע פאַרמיעסט די אייגענע אַרבעט, וואָס מע טוט, קען די אַרבעט ניט וואַקסן, און זי קען קיין וואָרצלען ניט שלאָגן.

מיינער אַ קאָלעגע, דער דערציילער ל. כאַנוקאַוו, האָט מיר דערציילט:

ער איז געווען אין כאַרקאָוו. ער איז געזעסן אין דער היים פון אַן אוקראַינישער דיכטערן, אַ באַלשעוויסטקע, אַ פּאַרטיי־טוערן. דער געשפּרעך צווישן זייביידן איז אָנגעגאַנגען אין רוסיש. ווייל מיין פריינט, דער שריפטשטעלער, קען ניט קיין אוקראַיניש. מיטאַמאָל איז אין צימער אַריינגעלאָפן דער דיכטערנס אַן אַכט־יאָריק יינגעלע און דערהערנדיק, ווי מע רעדט רוסיש, האָט ער דער מאַמען אַ פרעג געטאָן עפּעס אויך אין רוסיש. איז די דיכ־טערן געוואָרן זייער אין קאַס און האָט צום יינגעלע געזאָגט:

— האָב איך דיר ניט געלערנט צען מאָל, אַז דו זאָלסט רעדן אוקראַיניש?

די מאַמע איז געוואָרן אַזוי אין קאַס, אַז זי האָט דעם יינגעלע געפּאַטשט איבער זיינע הענטעלעך:

— דו, אַקשן, גראָבער קאָפּ, אוקראַיניש זאָלסטו רעדן!

דער גאַסט האָט אַ פרעג געטאָן בא דער דיכטערן, ווען דאָס יינגעלע איז שוין געווען אַרויסגעגאַנגען:

— צי שמעקט ניט אייער האַנדלונג מיט עקסטרעמען נאַציאָ־נאַליזם, מיט שאָוויניזם? מיר ווילן אויך, אין אַמעריקע, צום ביישפּיל, אַז אונדזערע קינדער זאָלן רעדן יידיש. נאָר שלאָגן פאַר דעם שלאָגן מיר זיי ניט. און איר דאָ, אין סאָוויעטן־לאַנד!

און די דיכטערן, די פּאַרטיי־טוערן, האָט געענטפערט:

— וואָס מיינט איר זיך עפּעס? דווירעס־לאַנג זיינען מיר געווען אונטערטעניק, פאַרשקלאַפּט. מיט בלוט אָפּגערונען גע־וואָרן. פאַרשפּאָט. אונדזערע מאַרטירער זיינען געטויט געוואָרן. און איצט, ווען מיר האָבן דורך דער רעוואָליוציע אונדזער פריי־הייט באַקומען, זאָלן מיר דאָס ניט אויסנוצן, רייך מאַכן אונדזער שפּראַך, אונדזער קולטור? מיר האָבן דאָך אַזוי מיט ברענענדיקן אומגעדולד אַף דער רעוואָליוציע געוואַרט!!

איך פרעג: וועלכע דיכטערן אַף אונדזער יידישער גאַס אין מאָסקווע שטראָפט אירע קינדער פאַר ניט־רעדן קיין יידיש?

איך פרעג: פאַרוואָס איז דער נאַטירלעכער — און פאַר מיר פאַרשטענדלעכער — אוקראַינער „יידישיזם״, דער יידישיזם פון דער דיכטערן קאַשער, נאַטירלעך, און פאַרוואָס איז דאָרט באַ אונדזערע אָנפירער אונדזער אייגענער יידישיזם טרייף?...

אַן אַנדער דורכפאָרער פון סאָוויעט־רוסלאַנד דערציילט מיר, ווי צוויי קאָמסאָמאָלצעס פון רוסיפיצירטע עלטערן אין מינסק האָבן זיך אין זיין קעגנוואַרט געשווירן נאָר צו רעדן ווייסרוסיש צווישן זיך.

איך פרעג:

וואָס טויגן די אַלע שולן, ביבליאָטעקן, אַז אין דער גאַנצער אַרבעט פילט זיך אַזאַ פאַלשקייט, אַ מין אַלט־בונדיסטישער נאַציאָ־נאַליזם... אַזאַ פאַרזעסענע קאָסמאָפּאָליטישקייט, אַזאַ אַריינ־נאַרעריי, אַזאַ ליגן, אַזאַ אַראָפּלאָזן זיך צו דער מאַסע, ווייל זיי קענען, נעבעך, ניט קיין רוסיש!...

די רעוואָליוציע האָט אין רוסלאַנד אַ סך זאַכן אַראָפּגע־שווענקט. אָבער באַ אונדז איז נאָך געבליבן, אַפילו נאָך דער רעוואָליוציע, די אַמאָליקע שרעק, קרומקייט, רעשטלעך פון קאָס־מאָפּאָליטיזם, איבער־פרומקייט, העטער־זוכעריי, רעדנערישע פראַזע און אַבסטראַקטע מעליצע.

צווישן אַלע שיווים לעשוינעס אין סאָוויעט־רוסלאַנד שטייען מיר נאָך אַלץ מיט אונדזער יידיש על פּרשת דרכים. דאָס איז איצט פאַר דעם קאַמף פון דער ניי אידישער קולטור די גרעסטע טראַגעדיע.

# מיר און אונדזערע ברידער

## 1

...ויאמר — געזאָגט.

כפתור ופרח — וואָס איז דער טייטש?

אַ טייטש.

יאָרן לאַנג איז יידיש בלויז אַ טייטש געווען. דער רעבע האָט דורך יידיש פאַרטייטשט די גמרא, דעם טאַנאַך. ויאמר—געזאָגט.

און עס זיינען פאַראַן צווישן אונדז אַ סאַך וואָס צוליבן טייטש בלויז האָבן זיי ליב געהאַט יידיש; צוליב דעם וואָס דורך אַ יידיש וואָרט האָבן זיי יעשאַיאָען פאַרטייטשט. בּאַ די פּויאַלע־ציען, באַ אַנדערע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן געפינען זיי זיך — די טייטשניקעס... אַזאַ טייטש־ליבהאָבער איז באַ אונדז אויך אַזאַ בייזער שרייבער ווי ש. ראָזנפעלד, אַזאַ ציעניסט ווי אַב. גאָלדבערג און נאָך, און נאָך.

ויאמר — געזאָגט.

די מערסטע פון זיי האָבן טאַקע ליב פּערעצן, מענדעלין, שאָלעם־אַלייכעמען — אָבער די ליבע איז פאַרבונדן מיט דער באַהאַלטענער (און באַ אַנדערע: אָפענער) האָפענונג, אַז דורך יידיש וועט „ישראל סבא" דערהויבן ווערן צוריק צו די געוויים, צו דעם „לאָשן פון די פּראָפעטן". דורך יידיש צו העברעיש. זיי זיינען מיט זייער גאַנצער ליבע דאָך ניט אַוועק פיל ווייטער פון צעדערבוימען וואָס האָט אַמאָל מיט זיין „קול מבשר" געוואָלט: יידיש טויטן מיט יידיש"...

מיר אָבער — אָט די אַלע וואָס שטייען אַרום דער אַמעריקאַנער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, אַרום די אַמעריקאַנער יידישע שולן, אַרום די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן, אַרום די שולן אין לאַטוויאַ, אין ליטע, אַרגענטינע, אַרום די שולן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיר אַלע פון ווילנע, ריגע, מינסק, בוענאָס איירעס, מיר אַלע — דער גאַנצער יונגער דאָר יידישע שריפטשטעלער, דיכטער, דערציילער און וויסנשאַפטלער, מיר אַלע ווילן מער ניט אַז

יידיש זאָל בלויז אַ טייטש זיין. געגנוג איוורע־טייטש! מיר זעען אין יידיש גופע אַ יעש. מיר האָבן אויך אין די יונגע ייִנגלישע יאָרן געלערנט:

ויאמר — געזאָגט.

אָבער עס זיינען שוין יאָרן פאַרביי און דעם רעבנס „ויאמר" איז אין דעם ליכט פון אונדזער איצטיק לעבן אַלץ שוואַכער געוואָרן און וואָס אונדז איז געבליבן איז:

— געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט...

אין דעם ליגט דער כילעק צווישן אונדז און זיי. דער „געזאָגט" האָט זיך גענומען אָפּשיידן פון דעם „ויאמר".

2

זיי טייגען:

— יאָרנלאַנג האָט דאָך יידיש אַזוי שאַלעם געלעבט מיט העברעיש, וואָס איז דאָ געוואָרן? פאַרוואָס צעקריגן זיך? פאַרוואָס צעשיידן זיך?

אונדזער ענטפער:

פון יענעם טאָג אָן ווען צווישן די העברעיסטיש־ציעניסטישע עלעמענטן איז געוואָרפן געוואָרן דאָס וואָרט „שפחה" — אָט פון יענעם טאָג אָן האָט דער וועג זיך גענומען פאַנאַנדערגיין. טביוב האָט געהאַט מוט. בּאַ אים איז יידיש „אומריינקייט" געווען. און טאָלעראַנטערע ציעניסטן האָבן אין יענער צייט געטייגעט, אַז מע האָט „טביובן אַביסל גענדאַרפט רעדאַגירן", בלויז רעדאַגירן...

אונדזער ענטפער:

די צייטן פון נאָכמען ברעסלאַוער זיינען פאַרביי. די יידישע שפּראַך איז היינט אַ גאַנץ אַנדערע. דער רעליגיעזער סייפער האָט שוין היינט ניט אַזאַ איינפלוס אַף דער יידישער מאַסע. אַמאָל איז דער ראַבאָנאַנישער יידיש געווען אַ דורכגעפלאָכטענער מיט אַן אַ שיער סייפערדיקע העברעיזמען. היינט איז דאָס אַנדערש. די אומשטענדען האָבן זיך געביטן, דאָס לעבן אונדזערס איז ביכלאַל וועלטלעכער געוואָרן. דער געטאָ־כויסעם איז אַרונטערגעפאַלן פון יידיש — און אָט אַזוי האָט יידיש אַף דעם וועג פון איר אַנדערשטיקייט און פון אַנטוויקלונג אין איר עצעם צוזאַמענשטעל

אליין זיך געגומען אָפּשיידן פון העברעיש, האָט זיך געמוזט אָפּ־שיידן. די „טעמע" פון אונדזער לעבן איז אַ גאַנץ אַנדערע גע־וואָרן, און אַזוי די טעמע פון אונדזער ליטעראַטור. יידיש איז אַלץ ווייטער און ווייטער אַוועק פון קליינשטעטל, פון כיידער, פון דער יעשיווע, פון רעבן, פון וואַיוימער...

דאָס איז וועגן דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פון יידיש.

און דאַן וועגן דער אַרומיקער, וועגן דער קולטורעלער לאַגע אונדזערע. ס'איז געקומען אַ צייט ווען מע קען מער ניט אָפּקומען מיט זינגען: „ישמח משה". מע דאַרף קומען און בעטן באַ דער רעגירונג פון סאָוויעט־רוסלאַנד, פון פּוילן, פון ליטע, פון לאַטוויע און אויך פון אַמעריקע רעכט און גלייכקייט פאַר דער שפּראַך אונדזערער. שווער צו קומען מיט צוויי שפּראַכן. אָדער מע קומט מיט אַ שפּראַך אַ גערעטער, אַ איצטיקער — אָדער מיט אַ ייכעס־שפּראַך. אָדער — אָדער. מע קען מיט „פּרייער ליבע" ניט לעבן. די כיידער־צייט איז פאַרביי און די צייט פון וועלטלעכקייט און פּאָליטישן קאַמף פאַר אונדזער קולטור איז אָנגעקומען. מע קען דאָך ניט ליב האָבן יידיש און בעטן באַם הייליקן גענעראַל פּיל־סודסקי נאַציאָנאַלע רעכט פאַר העברעיש.

אין די איצטיקע טעג, דורך די „מינאָריטעטס־רעכט", האָבן יידן געקענט עפּעס אופטאָן. אין מיזרעך־אייראָפּע האָבן מיר אָבער דורך אַלע מינים העברייער, אונדזערע ברידער, שרעקלעכע נעגישעס געהאַט אויסצושטיין.

די וואָס זעען דאָס ניט איין, די וואָס פילן ניט די אינערלעכע אַנטוויקלונג פון יידיש, און די וואָס זעען ניט איין, צו וועלכע סטירעס די איצטיקע פּאָליטיש־רייפע און פּאָליטיש־אומרייפע צייט האָט אונדז געבראַכט, אויב מיר זאָלן באַם אַלטן דואַליזם זיך האַלטן, די זיינען פּאַשעט גערעדט, ניט ערלעך צו זיך.

העברעיש ווערט איצט געטראָגן פון אַפּילע דזשאָדזשעס, לאָיערס, פּרעזידענטן, „גוטע גויים", און „גוטע יידן". העברעיש ווערט דאָך געשטיצט פון אַלע גוואַלטיקע ליבהאָבער פון דער „באַיבל". איז וואָס, ליבהאַרציקע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע יויעל ענטינס, דר. יעהודע קויפמאַנס, צוקערמאַנס, וועלוועלס, האָט איר געוואָלט — די שיפכע זאָל דאָס „אומגעזעצלעך קינד"

נעמען אַף די הענט און יאָגן צו בעטן „סופּאָרט" באַ די „דזשאָדזשעס ? "...

איר — אַנטלויפט. איר באַהאַלט זיך אין פּריערדיקע כאַלוי־מעס. און מיר — מיר לעבן איצטיק ; מיר ווילן לעבן. מיר ווילן זיין ערלעך צו זיך.

ניט רישעס, ניט מעשוגאַס, ניט אייגנליבע — נאָר דאָס איז דער גענבאָט פון דער איצטיקער שאַ.

די וועגן צעשיידן זיך. אונדזער „ליבע" צעפאַלט. מיט אייך וועלן גיין די אַלע וואָס אין דער טיפעניש פון זייער לעבן, זיינען זיי פול מיט ייעש (כאָטש זיי רעדן פון רענעסאַנס) די אַלע וואָס ווי דר. א. גינזבורג (אויך א „ליבהאָבער" און א מענטש מיט מוט) זעען נאָר „ווערים, אונטערגאַנג אין אונדזער לעבן דאָ". די אַלע וואָס גלייבן מער ניט אין דער ווידערשטאַנדס פעיקייט פון אונ־דזער לעבן, פון די יידן איבער גאָר דער וועלט, די אַלע וואָס ווילן מער ניט ליידן, וואָס האָבן פון טעאַדאָר הערצלען מער פון אַלץ געיאַרשנט בלויז די קריטיק אַף אונדזער לעבן.

מיט אייך — אַלע מוטלאָזע (כאָטש איר רעדט אין נאָמען פון כאַלוצים), אַלע די וואָס אַנטלויפן קולטורעל פון דער מאַסע, פון גאַלעס, וואָס ווילן נאָר ווערן א פאָלק ווי אַלע גלייך.

און מיר —

מיט אונדז וועלן גיין די וואָס גלייבן נאָך, די וואָס ווייסן אַז מיר קענען דערוויילן, באַ דער שטאַרקייט פון טעריטאָריעלן פּרינ־ציפּ, (וואָס איז שטאַרק פאַרבונדן מיט דעם פּרינציפּ פון גרענעץ און זעלבסטאייגנטום) ניט ווערן, בעשום אופן ניט ווערן, קיין פאָלק מיט אַלעמען גלייך, און אויב איר ווילט זיינען מיר — ווי פּערעץ האָט אַמאָל זיך אויסגעדרוקט — דאַווקע די „בעסערע יידן", די מיט מער טראַדיציע, די וואָס ווייסן, אַז מיר מוזן זיין „מפוזר ממפורד בין כל העמים".

מיט אונדז וועלן גיין די אַלע וואָס ווילן ניט סטאַם כאַלעמען נאָר לעבן, פּרוון לעבן ; די אַלע וואָס טוען, וואָס זיי רעדן ; די אַלע וואָס פאַרקנעכטן ניט זייער נעשאָמע ; די אַלע וואָס שמאַדן זיך ניט (אין קולטור־זין), וואָס לאָזן ניט איבער די „קולטור־אָרעמע לייט" און אַליין אַנטלויפן זיי צו די אַדאַלף אַקסעס ; מיט

אונדז וועלן גיין די אַלע וואָס האָבן אַ זין פאַר אייגנאַרט, פאַר פאָלקס־קולטור, פאַר אייגן לעבן; מיט אונדז וועלן גיין די אַלע וואָס בייגן זיך ניט ווי גראָז, נאָך יעדער ווינט, נאָך אַלע קולטור־ווינטן, נאָך אַלע „אָפּאָרטיוניטיס״: די אַלע וואָס האָבן אַ צו־בונט צו די מאַסן אונדזערע פון אַלע לענדער, צום קולטור־לעבן אונדזערן איבער גאָר דער וועלט.

וואָס אונדזער ווייטער שיקזאַל זאָל ניט זיין, אופגאַנג — אונ־טערגאַנג, דאָ וועלן מיר לעבן, דאָרט אונטערגיין, ווידער אופגיין, — — אָבער וויסן ווילן מיר, וויסן וועלן מיר, אַז אין מאָמענט פון אַ קריטישער עפּאָכע, זיינען מיר ערלעך געוועזן צו זיך, צום אַרום, און כּאַלעמענדיק אַלערליי כּאַלוימעס זיינען מיר אין יעדן לאַנד דאָך געבליבן בלב ונפש אױף אונדזערע פּאָזיציעס צו שטאַרקן מיט דעם אונדזער אייגן לעבן און צוגלייך דעם קולטור־לעבן אונדזערן אין אַנדערע לענדער.

מיט אונדז וועלן גיין אַלע וואָס וויסן גאַנץ גוט די גרויסע ווערטן פון דער ביז־איצטיקער יידישער אַלטער קולטור, וואָס לערנען זי, נאָר וואָס וויסן אַז לעבן מוז מע מיטן איצטיקן לעבן, די אַלע וואָס צוליב אַ טוויוע טאָן דעם נאָווי יעשאַיעז, וועלן זיי ניט פאַראַטן דאָס וואָס מיר האָבן איצט, דעם קולטור־קויעך וואָס לעבט אין אונדז היינט.

# אונטערגאַנג–דע־לוקס

בײַ שאָלעם־אַלייכעמען אין זײַנע קאַסרילעווקער רײַזעס ווערט ערגעץ אומגעפער אַזוי דערציילט:

אַ שיף וואָס איז געגאַנגען איבער יאַם קיין נויאָרק איז פאַר־כאַפּט געוואָרן פון אַ שטורעם. שאָקלט זיך, וויגט זיך די שיף ווי אַ שפּענדל — אַרויף־אַראָפּ, אַראָפּ־אַרויף. די פּאָרער זײַנען צע־טראָגן. דער קאַפּיטאַן קוקט אָנגעשטרענגט מיטן שפּאַקטיוו, שרײַט צו די מאַטראָסן, באַפעלט. דער קוימען שרײַט, בעט זיך. און אין מיטן דעם אַלעמען דרייט זיך אַף דער שיף אַרום אַ יידל און טײַנעט צו יעדן איינעם:

— ס'וועט ניט העלפן! מיר גייען אונטער! וואָס אַרט אייך, אַז איך זאָג, ווייס איך — די שיף וועט אונטערגיין, מירן שוין צו נויאָרק ניט דערלאַנגען!

קוקן די פּאַסאַזשירן און קענען אים ניט באַנעמען; די מאַטראָסן ציען די שטריק און וויצלען זיך און איינער פרעגט דעם יידן:

— זאָגט נאָר, פונוואַנען ווייסטו דאָס אַלץ?

און דער ייד ווערט ברויגעזלעך, אָנגעצויגן און ענטפערט:

— אַז מירן לעבן וועלן מיר זען...

ס'הייסט:

אַז מירן לעבן — וועלן מיר אונטערגיין...

אָן דעם שאָלעם־אַלייכעמדיקן רײַזנדן האָב איך זיך דערמאָנט ווען איך האָב געלייענט אַ שטיקל נײַס וועגן אַ רעדע וואָס דר. אַ. קאָראַלניק האָט געהאַלטן פאַר קאָלעגן שרײַבער אין פוילן.

— מיר גייען אונטער — האָט דר. קאָראַלניק געזאָגט. — אונ־טערגאַנג, לאָמיר אָנעמען אונדזער סאָף בעהאַווע, לאָמיר אָבער זען, אַז דער אונטערגאַנג זאָל זײַן אַ שיינער...

ס'וועט ניט העלפן! קאַמף! אידעאַל! יידיש אין סאָוויעט־רוסלאַנד! יידישער שול־וועזן! פּאָעטן, נאָוועליסטן — אַ ליטע־ראַטור, אַ יוגנט, אַ גלויבן! שווער, אָבער דורך דער שווערקייט צו ליכט זיך געריסן. צום וואָרט דערגאַנגען, צו זיך געקומען!

װעט מע קומען ! נײן, די שיף גײט אונטער ! פונװאַנען װײסט איר ? אַט, — אַז מירן לעבן װעלן מיר זען ...

און װידער האָב איך זיך דערמאַנט אָן דעם שאָלעם־אַלײכעמ־דיקן עמיגראַנט, װען איך האָב געלײענט (אין „טאָג”) אַ צװײטע אונטערגאַנג־נעװוע פון דעמזעלביקן דר. א. קאַראַלניק. „דער סאָף פון קאַא־קאַא” — האָט עס געהײסן. אין דעם אַרטיקל איז אַזױ געשטאַנען:

„גײסט”, „יידנטום”, „שפּראַך”, „לאַנד” — אַלצדינג שײן און גוט. אָבער „קאַא־קאַא”, ברידער!

געדענקט, ניט קײן װיג־ליד זינגען מיר, — ניט קײן פרילינג־ליד. עס נידערן די הימלען, עס דערנענטערט זיך דער װינטער.

ניט קײן װיג־ליד זינגען מיר — נאָר אַ רעקװיעם.

זאָל דער געזאַנג שײן זײן, װי עס פּאַסט אין דער שאָ פון פּור־פּור־רױטן זונען־אונטערגאַנג. שײן װי אַ כאָראַל, און מילד, צאַרט, װי שאָפּענס מײסטערװערק.

און קומט צו אונדז אַ „קאַא־קאַא”־סאָף — גײען מיר אים מיט סימכע אַנטקעגן. זאָלן די קומענדיקע דורות אונדז מעקאַנע זײן, װאָס מיר האָבן אַזױ גרױס געזונגען דעם שװאַנען־ליד פון דעם אַלטן יידנטום”.

דער ניגן פון מאַװער יאַבעק ! ...

ס'װעט ניט העלפן — גײסט, שפּראַך ! — אונטערגאַנג !

און דערבײ :

זאָל די שיף אונטערגײן מילד, צאַרט װי שאָפּענס מײסטער־װערק.

גרינג צו זאָגן.

לאָמיר זיך אױסקלײבן אַ פּאַסיקן טױט !

לאָמיר אים, — דעם אונטערגאַנג, — גײן אַנטקעגן מיט סימכע !

— גװאַלט, לאָמיר ...

גוט איז זײ װאָס קענען אױסקלײבן אַ פּאַסיקן טױט, און מיט אײגענע הענט די טאַכריכים נײען.

גײ און קלאַפּ מיט דער צדאָקע־פּושקע אָף דער אײגענער לעװאָיע.

גיי און גיב ארוים דיין אומקום אין א  ד ע ־ ל ו ק ס ־ א ו י ס ־ ג א ב ע — מיט א לעדערנעם רוקן, מיט גאָלדענע אויסיעס, מיט באַגילדעטע בלעטער.

זשעסט, שאַפּען, — —

אונטערגאַנג — דע־לוקס!

א שיינער טויט.

נאָכן אַלטן טאָן נאָך. געדענקט איר אין טאַלמוד:

ואהבת לרעך כמוך — זאָגט די געמאָרע (סנהדרין): ברור לו מיתה יפה — קלייב אים אויס א שיינעם טויט.

פון ליבשאַפט...

און אַט איז נאָך א קאָלעגע וואָס טראָגט ארום אונטערן אָרעם א באַנד „אונטערגאַנג־דע־לוקס" — כאַים ליבערמאַן. ווידער אַמאָל דאָסזעלבע ליד: — מיר גייען אונטער, ס'וועט ניט העלפן!

און ווידער אַמאָל דער זעלבער זשעסט:

— אויב שוין יע אַזוי, איז:

— „לאָמיר אָננעמען דעם אונטערגאַנג.

„זון־אונטערגאַנג איז שיין. הארבסט איז שיין, די בלייכע באַקן פון יונגן טויט זיינען שיין, וועלקנדיקע רויזן זיינען שיין, דעקאַ־דענטישע ליטעראַטור איז שיין. לאָמיר שרייבן פון אונדזער דעקאַדענץ, לאָמיר זינגען די הימנע פון אונדזער אונטערגאַנג."

וואָס מיינט דאָס?

איז דאָס געשריי, צי — אויסגעשריי?

הימנע, פּאַטאָס?

סענטימענטאַליטעט?

וואָס־זשע דען? צי דען דערוואַרט כאַים ליבערמאַן מיר זאָלן דאָס פאַר א פּאַשעטער עמעסער אייצע אָננעמען?

אונטערגאַנג — דע־לוקס...

איך וויים: קאַראַלניקן אַרט אַמערסטן וואָס ישראל סבא, — דער אַלטער ייסראָעל — גייט אונטער; וואָס דער אַלטער טאָן פאַרשווינדט, וואָס די אַלטע יידישע קולטור גייט אין גניזע אריין.

אָבער הייסט  א נ ד ע ר ש  ווערן דען אונטערגאַנג?

און ווי קען מע דאָס אונטערגיין „אַלאַ שאַפּען״? און וואָס קען דען שאַפּען ביכלאַל העלפן?...

ליבערמאַנ׳ען ווידער, גייט אין זיין אַרטיקל מער פון אַלץ אַז דער שלעכטער צושטאַנד פון יידיש אין אַמעריקע. זיין אונטער־גיין איז אַזוי צו זאָגן אַ לאָקאַלער. אָבער וואָס פאַר אַ „הימנע״ קען מע זינגען? צי מיינט ער אַז דער געפיל פון איבערגעטרי־בענער האַפערדיקייט, פון קאַלעס ראָש, פון אויבערפלעכלעכער סימכע זאָל פאַרשווינדן און אין יעדן איינעם פון אונדז זאָל די טראַגישקייט פון „זיין די לעצטע״ אַריין און אַט דורך דער טראַ־גישקייט זאָלן מיר שאַפן, זינגען, זאָגן.

איז, ערשטנס דער געפיל פון אונטערגיין, פון ראַנגלען זיך, פון גיין אַפן שטיינערדיקן באַרג־אַרוף און אַף דעם גליטשיקן באַרג־אַראָפּ — קיין נייס ניט אין אונדזער פּאָעזיע און יידישן שאַפן ביכלאַל. יעשאַיע נאָך האָט געזונגען פון אונטערגיין, יערמעיע, אַמוס, יעהודע האַלייווי, ביאַליק און זיין „לעצט וואָרט״, איינהאָרן אין זיינע לעצטע „באַלטפּילעס״; מאַני לייב אין זיין „שטילער, שטילער״; לייוויק — „אומקום״; און נאָך, און אַזוי ווייטער, — —

איז דער מאָטיוו פון אונטערגיין בא אונדז דען אַ נייס?

און צווייטנס, אונטערגיין אין טראַגישקייט, אין שווייגן, אין צונויפגענומענקייט, אין כעשבן האַנעפעש איז איין זאַך און אונ־טערגיין אין טעאַטראַלישקייט, מיט אַ זשעסט, מיט אַ רעדע, מיט פּאַטעטישע „טירעס״ און אויסרופונגס־צייכנס — איז גאָר אַנאַנדער זאַך.

און וועאַל קולאָם —

פאַרוואָס פאַרגינט איר אונדז ניט? עפּעס דוכט זיך, עפּעס גלויבט זיך דאָך...

איזי כאַריק האָפט — ער זעט אַנאַדערן, אָבער אַ נייעם לעבן פאַר זיך.

פעפער גלויבט — און זינגט.

מיינע נאָענטע כאַוויירים־קאָלעגן דאָ אין אַמעריקע רייסן זיך פון געסיסע־טאָן אַרויס. הערן זיך טענער פון לעבן — דאָ אין

אַמעריקע, אין אַרגענטינע, פֿון פּוילן, אין ערעץ ייִסראָעל. דאָ און דאָרט.

איז מיר אַ סך נענטער דער וואָס ווערט העראָיש אין שווערקייט דאָך צו גלייבן, דאָך צו לעבן, ווי צו ווערן העראָיש — ווי ליבערמאַן וויל — און העראָיש, שעקספּיריש, טעאַטראַליש — צו שטאַרבן... אָדער, — צו ר ע ד ן וועגן שטאַרבן, — צו שפּילן זיך מיט טויט.

* * *

ייִדיש אין אַמעריקע? שלעכט — זאָגט מע פֿון אַלע זייטן. אָבער די שלעכטקייט באַשטייט ניט אַזוי אין דעם וואָס די דזשאַנק־פּעדלער, ווי ליבערמאַן רופֿט זיי, הערן אויף אין זייערע הייזער ייִדיש צו רעדן. נאָר די שלעכטקייט באַשטייט אין דעם — וואָס דער ייִדישיזם איז געבויט אויף שעקער באַ אַ סך „ייִדישיסטן“ און ייִדיש־טוער גופֿע. דאָ דאַרף מען אָפֿנקייט, דורכרעדן זיך, פֿאַרשטיין זיך — אָבער ניט פּעדלען מיט דע־לוקס — ווידעס... ייִדישיזם איז פֿאַר אַ סך ייִדישיסטן — אויך פֿאַר די מערסטע אונטערגייער — געוואָרן אַ זאַך פֿאַר קאָהעל, פֿאַר דעם גאַס, פֿאַר דעם באַוועגונג, פֿאַר יענעם, פֿאַר כאַים־יאַנקלען — אָבער ניט פֿאַר זיך. פֿאַר די אייגענע קינדער איז רוסיש, פּויליש, ענגליש. דאָס איז אַן אומגליק. דאָס איז אַ שעקער. אַ רעליגיע פֿאַר יענעם; סאָציאַליזם — פֿאַר יענעם, ייִדישיזם — פֿאַר יענעם. צדאָקע־ייִדישיזם! אַ — צדקה תציל ממות; אָבער צדאָקע־ייִדייִשיזם וועט אונדז פֿון גאָרניט ראַטעווען. און פֿירן וועט דאָס — דאַווקע ניט צו קאַראַלניקס שאָפֿען — צאַרטן — אונטערגאַנג, נאָר — צו עפּעס ערגערס... אויב עמעצן אַרט מיט אַן עמעסן אונדזער איבערגיין און פֿאַרגיין — דאַן זאָל דאָס אַרן זיינס הינטער זיין אייגן שוועל זיך אָנהייבן. אונטערגאַנגס־הימנעס? לאַוו דאַווקע. צו וואָס נאָך אַ קלוב פֿון זעלבסטמערדער!... מע דאַרף קיין טרויער־מאַרשן ניט — נאָר, וואָס מע דאַרף יע איז אַ טיפֿע, אַן עמעסע פּערזענלעכע, רעליגיעזע, גלויביקע באַציונג צו דאָס, וואָס מע טוט, צום וואָרט וואָס מע רעדט, צום קינד וואָס מע דערציט, צו דאָס וואָס מע הייסט יענעם טאָן.

אַט וואָס מע דאַרף. און די וואָס מיינען, אַז בײַ זיי אַליין, אַז בײַ זיי אין הויז איז געגנוג — ענגליש; „סטאַרס" פֿון פּאַבליק־סקול; „100" פֿון היי־סקול; מעדאַלן פֿון קאַלעדזש. — זיי — די יידישיסטן פֿון דעם מין — זאָלן בעסער וואָס שנעלער זיך אָפּזאָגן פֿון באַוועגונגס־יידיש, פֿון זייער צדאָקע־יידישיזם און ווערן — וואָס זיי ווילן, וועלן מיר כאָטש וויסן — „ווער איז ווער".

אָבער זיצן מיט טראַגיש־פֿאַרכאַלעמטע הענט און זינגען הימנעם? גרייטן זיך צו דער לעוואַיע, צו מאַכן אַ שיינע לעוואַיע? איך דערמאָן זיך: דער זשורנאַל „מוירקיורי" האָט אין איר וויציקער אָפּטיילונג „אַמעריקאַנאַ" געבראַכט דעם פֿאָלגנדיקן טשיקאַווען פֿאַל:

אַ פֿרוי אין אָקלאַהאָמאַ וויל אַ געט. אויף וועלכן גרונט? טיינעט זי: יעדע נאַכט האָט דער מאַן אירער גענומען אָנצינדן ליכט און זינגען לעוואַיע־ניגונים. וואָס טוסטו? ענטפֿערט ער: איך גרייט זיך צו דיין לעוואַיע. איך מאַך אַ רעפּעטיציע צוצוגרייטן פֿאַר דיר אַ פֿאַראַדנע לעוואַיע, איך וויל דאָך ניט אַריינפֿאַלן אין דיין לעוואַיע פֿורפּלאַט, ווי אַן אַמאַרעץ, לאָמיר די הימנעם אויף אויסווייניק קענען און מיט דעם עמעסן ניגן נאָך...

לאָמיר זיך די הימנעם פֿון אויסווייניק אויסלערנען!
פֿון געטריישאַפֿט וועגן...

# יידיש

דר. א. גינזבורג זאָגט, אַז יידיש גייט אונטער.

ער האָט אין דעם גרויסן יידישן צענטער פון פוילן באַמערקט און געהערט, אַז מע רעדט דאָרט ווייניקער יידיש ווי אין נויאָרק.

א. ליטוואַק לייקנט.

ש. ניגער האָפט.

צביון — קוקט אין פּראָגראַם אַריין.

און איך —

און דו —

און נאָך. —

מיר מאַטערן זיך דאָ אַז אונדזערע קינדער זאָלן אונדז פאַרשטיין. באַ די היים־פּלוטיקע ווערט דאָס פאַרוואַנדלט אין אויסדרוק: „אַז אונדזערע קינדער זאָלן וויסן פון דער „גלאָרי” פון יידיש” . . .

און אַז עס ווערט אונדז אומעטיק אַמאָל אַפן האַרצן טרייסטן מיר זיך:

— אין פוילן איז דאָ אַזאַ גרויסער צענטער, אין רוסלאַנד זיינען דאָך די קאָמוניסטן טרעגער פון יידיש; און אין ליטע, און אין לעטלאַנד, און אין אַרגענטינע. — —

און מיר זוכן אויס העט־ווייט אַ נייעם יידישן יישעוו אין אַלאַסקאַ; נייע פאַרוואָגלטע יידיש־רעדער אין מאַנדזשוריע, אין די האַריי־כווישעך שפּאַרן מיר אָן: —

און אַז א. רייזין דערהערט דאָס, צעזינגט ער זיך האַפּערדיק, אַז „באַ יעדן ברעג און אין יעדן לאַנד קלינגט דאָס יידישע ליד”.

און —

אַז עס איז אונדז פאָרט אומעטיק אַפן האַרצן אַפילו נאָך רייזינס ליד, קומט די לעצטע טרייסט:

— ווילנע!

— יערושאָלאַים דעיידיש! . . .

און פאַראַן קאָלעגן וואָס פאָרן אין דער אַלטער היים אָפּצופרישן זייער שפּראַך־אוצער.

און די אַנדערע אַמעריקאַנער קאָלעגן, וואָס פאָרן ניט, — טרייסטן זיי זיך אָבער אויך, אַז זייערע לידער און דערציילונגען און זייערע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן שאַפן זיי דאָך ניט נאָר פאַר אַמעריקע, נאָר הויפּטזעכלעך פאַר ז י י , (פאָרן כּוֹץ לעאַרעץ ?...) פאַר די יידן פון דער גאַנצער וועלט.

אַזוי גייט אַלץ דער געדאַנק ווען מע טראַכט פון יידיש אין גרויסע ציפערן אין מאַסאַווע כּמאַסן, ווען מע טראַגט אָפּ די הענט דעם קלאַל־ייכעס פון יידיש — דעם קוואַנטיטאַטיוון ייכעס, אַז אַזויפיל און אַזויפיל פּראָצענט — 75, 80 צי 90, — פון יידישן פאָלק רעדן איצט יידיש.

אָפּט, אַז איך הער די אַלע טרייסט־ווערטער טראַכט זיך מיר:

— קאָלעגן, לאָמיר ניט ציילן די פּראָצענטן, לאָמיר זען און לאָמיר היטן דעם קערן.

איך און דו —

לאָמיר ניט פאַרלאָזן זיך אָפן קלאַל, לאָמיר אַזוי זיבן־הענטיק זיך ניט יאָגן אָנצוכאַפּן דעם פּוילישן זופיצע־ייד באַ דער פּאָלע, לאָמיר אַרום זיך אַליין זיך אַרומקוקן, לאָמיר זיך מער ניט באַגנו־גענען מיטן קלאַל־ייכעס, לאָמיר בעסער די ייכידישאַפט פאַר־שטאַרקן, פאַרפעסטיקן, פאַרוואָרצלען.

געגנוג —

לאָמיר זיך מער געגניבער העברעיש ניט גרויסן מיט דעם, וואָס „אונדזער שפּראַך" רעדן אַ סאַך און „זייער שפּראַך" ווייניק. זאָל אונדז אַזוי ניט אַרן וויפל פּראָצענט יידן רעדן יידיש. געוויס איז גוט, אַז וואָס מער זאָלן יידיש רעדן, אָבער קענן זיך אַליין זאָל ניט אַזוי ווירקן דער „וויפיל" ווי דער „ווי אַזוי".

קלאָרער:

לאָמיר ווערן העברעיסטן אין יידיש; קנאים, חובבי שפת יידיש! לאָמיר אַליין פריער אַריינדרינגען אין דעם אָטעם פון יידיש; לאָמיר אָנגעצונדן ווערן אין יידיש מיט דעם פלאַם מיט וועלכן די העברעער זיינען אָנגעצונדן אין ערעץ יסראָעל פאַר העברעיש! זאָל יידיש באַ אונדז ווערן — נעשאָמע, אינהאַלט, אינערלעך לעבן.

א קלײנער קרײז די אפּגעקליבענע, די אויסדערװײלטע, זײ, די יידישע אַריסטאָקראַטן, מגיני שפת יידיש! — באַשיצער פון דער יידישער שפּראַך! מיר דאַרפן זײ עפּשער מער װי עס דאַרפן זײ די העבּרעיסטן אין ערעץ יסראַעל.

אַנשטאַט װײטקײט — נאָענטקײט; אַנשטאַט „צדאַקע־יידישיזם״ — לעבּנס־נויטיקײט, סאַמע פּערזענלעכע עקזיסטענץ.

יאָ, פּערזענלעכע! איך האָב ליב יידיש, װײל איך — ניט זײ — בּין מיט יידיש צונויפגעװאַקסן; װײל מײנע װאָרצלען ציען זיך דורך יידיש אין דער טיפקײט פון יאָרהונדערטער: (און זאָל דר. זעליגמאַן (בּערלין) אונדז ניט אײנרעדן קײן בּאָבּע־מײסעס, אַז בּלויז פון דער בּבא־מײסע ציען מיר אונדזער קולטור־יעניקע). װײל איך געהער צו אַ דאָר װאָס האָט זיך אין יידיש פאַנאַנדער־געצװײגט; און צום סאָף: װײל —

װײל איך װיל ניט שטאַרבּן, װײל איך װיל ניט זײן דער לעצ־טער. דאָס איז מײן אינטימסטער, מײן עמעסעסטער געפיל. איז אַזאַ געפיל מיעס? איז אַזאַ געפיל שלעכט? איז אַזאַ פּאַשעט מענטשלעכער געפיל ניט גענוג פאַר די צופאַסערס? פאַר די װאָס שעמען זיך אײגנטלעך, כאָטש זײ זאָגן דאָס ניט אויס, מיט דעם װאָס זײ זײנען אַזױ פּעדערגרינג און קענען זיך צו אַלץ שנעל צופאַסן, „אַרײנפאַסן״?...

מיר דוכט אַז אויך יידיש װעט ניט קענען זיך אַנשפּאַרן נאָר אַף די קלאַל־זײלן, נאָר װעט מוזן אַרונטערפאַלן אונטער דעם זעלבּן מאַזל װי די גאַנצע יידישע קולטור פון אײבּיק אָן איז אַרונטערגע־פאַלן — און דאָס איז: יאַװנע, יעשיװע, אויסדערװײלטקײט, קרײז פון טאַלמידע כאַכאָמים, אײנצלנע, גײסטיקע אַריסטאָקראַטן צװישן אַן אוילעם פון טוילים־זאָגער...

אָ, װי עס װערט מיר אָפּט דערװידער די טאָלעראַנטקײט װאָס הערשט אַזױ בּאַ די יידישיסטן: װי ס׳װערט נימעס די װעלט־לעכקײט פון די יידישיסטישע װאָרטזאָגער.

אומגליק אונדזערער:
אַלע זײנען בּאַ אונדז יידישיסטן.

אָבער לאָמיר זעען: ניט ווער וויל, נאָר ווער  א י ז — יידיש. „וועלן" איז בלויז די ערשטע מאַדרייגע, פלעגט לייווי בערדיטשעווער זאָגן, „זיין" — אָט דאָס איז די העכסטע און איינציקע מאַדרייגע.

באַם „בונד"? אָבער באַ זיי, ווי יעדע זאַך באַ יעדער פּאַרטיי, איז דער יידישיזם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צדאָקע־זאַך, צדאָקע־יידישיזם. אַזוי ווי סאָציאַליזם. מע פּרעדיקט סאָציאַליזם און אַ ל י י ן, א ל י י ן לעבט מע ניט סאָציאַליסטיש; און מע פּרעדיקט יידישיזם און אַליין לעבט מע — פּויליש, רוסיש, אַמעריקאַניש.

באַ די קאָמוניסטן?

מע ברענגט גוטע גרוסן פון רוסלאַנד, ס'ווילט זיך מיר גלויבן. אָבער, איך ווייס דאָך אַז ביז גאָר ניט לאַנג האָבן די קאָמוניסטן זיך פאַרהאַלטן צו יידיש מאַסקיליש, אַזוי ווי צו אַ שפּראַך אויף וועלכער און דורך וועלכער מע קען אַ געוויסע אידעע דורכפירן. און נאָך איצט שרייט אַלגין, אַז מע טאָר פון איר קיין „פעטיש" ניט מאַכן און ער קלעפּט נאָך אַלץ צונויף אַ מאַיאָפּיס־מאַסקילישן העטער פאַר יידיש... (מאָדנע, אַלגין און זיינע פּאַרטיי־כאַווײרים, וואָס פון נאַרישסטן לידל, פון נאַרישסטן הימן, מאַכן זיי אַ פעטיש, אויב נאָר ער דינט זיי, ציטערן, אַז מע זאָל פון יידיש ביכלאַל, פון דעם קוואַל פון אָט די אַלע הימנען, קיין פעטיש ניט מאַכן...).

ווער אַלזאָ  א י ז  יידיש?

ציילט ניט קיין פּראָצענטן: יידן וואָס פאַרקויפן קליידער אויף קאַנאַל סטריט לעבן ניט  י י ד י ש. ניין! און אויך די קרעמער אויף דער ווילנער גאַס אין קאָוונע לעבן ניט  י י ד י ש. זיי רעדן יידיש, אָבער זיי אָטעמען ניט מיט דעם אָטעם פון יידיש.

שול־יידן אויך ניט; זיי ציט צום סידער; העברעיסטן — צו העברעיש.

ווער אַלזאָ  א י ז  יידיש?

אונדזערע שרייבער, שעפער?

לאָמיר זיך ניט שעמען און זאָגן: אויך אונדזערע קלאַסיקער האָבן אונדז פאַראַטן. י י ד י ש  אין גאַס און  פ ר ע מ ד ס  אין

הויז איז פונקט אזוי מאַסקיליש שלעכט ווי יידיש אין הויז און „פרעמדס" אין גאַס. (איך ליי דעם אויסדרוק פון אַן ענלעכער שורע בײַ ש. ניגערן.).

„פרעמדס" אין גאַס. ווי אַ לאָזונג, איז געווים שלעכט. אָבער יידיש אין הויז — דאָס איז שוין גאָר אַ וויכטיקע זאַך. „הויז" — אַפילע אין דעם זין פון גרענעץ, אָפּגעגרענעצט, באַהאַלטן, צונויפגעהאַלטן. מאַראַנען־אַקשאַנעס איז הייליק און — — —

לאָמיר זעען:

האָט שאָלעם־אַליכעם געלעבט יידיש אין הויז?

זיינע קינדער זיינען אייִדעס.

האָט פּערעץ באַוויזן זיינע קינדער בײַ יידיש צו האַלטן?

און מענדעלי?

און אַש?

און פּינסקי?

און יויעל ענטין — דער ערשטער פירער פון אַמעריקאַנער יידישיזם?

זייערע קינדער פאַרשטייען קוים יידיש.

דער צעטל איז נאָך ניט צו ענדע:

האָט זשיטלאָווסקי זיין טעאָריע בײַ זיך אין הויז דורכגעפירט? פאַרוואָס זאָלן מיר בויען אַ ביניען אויף שעקער?!

איינס פון די ביידע: אויב אונדזערע קינדער, ווי די קינדער פון די דערמאָנטע אַלע קלאַסיקער און יידישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, קענען ניט בלייבן בײַ אונדז, דאַן קענען אויך כאַים־יאַנקלס קינדער ניט בלייבן, דאַן ווערט אונדזער יידישיזם אַ צדאָקע־זאַך; אויב אָבער אונדזערע קינדער קענען יע בלייבן בײַ אונדז, טאָ וואָס איז געשען מיט זיי, מיט אונדזערע שעפער, מיט אונדזערע ראַבייעס?...

אָבער —

אויך זייער באַציונג צו יידיש איז קוידעם־קאָל געווען, ווי דער פאַרטעיִשער, אַ מין ראַכמאָנעס־יידישיזם — זיי איז עס אָממערסטן געגאַנגען אונטערצוטראָגן יידיש צו אונדז, צום פאָלק ייסראָעל!...

און ווייטער:

אונדזער פּרעסע. אַב. קאַהאַן, ווייסן מיר דאָך, איז ניט קיין יידישיסט. אָבער מיט וואָס זיינען הילעל ראָגאָף, דר. ש. מאַר־

גאַשעם — און אַנדערע — עמעסערע יידישיסטן? מיט דעם וואָס זיי זיינען טאָלעראַנטער? אָבער קענען מיר זיך דען מיט טאָלע־ראַנץ באַנוגענען?

און —

איז דר. קאַראַלניק דען אַ בעסערער, אַן אופריכטיקערער יידי־שיסט פון ש. ראָזנפעלדן, ראָזנפעלד פון לואי מילערן, מילער פון דר. פאַרנבערגן — — — —

און אַט זיי אַלע מיט זייערע כאַווירים זיינען דאָך דאָס אונ־דזערע בעסערע, בעסטע צייטונגס־שרייבער, פרעסע־פירער!

מע האָט אָפּגעלאַכט פון דער אַמעריקאַניש־יידישער סאָציאַליס־טישער פעדעראַציע, וואָס האָט זיך אָנגערופן „יידיש־שפּרעכנדע“. אָבער אין דערזעלבער צייט האָבן די אָפּלאַכער אַליין פאַרגעסן אַז זיי אַליין זיינען ניט מער ווי „יידיש־שרייבנדע“...

און ג. בובליק („טאָגעבלאַט“) און דער יאַקעוו פישמאַן („מאָרגן־זשורנאַל“). פון דער „פרייהייט“ס יידישיזם האָב איך שוין אויבן גערעדט.

און געוויס זיינען פאַראַן אַ סאַך אַזוינע קאָלעגן אין דער יידי־שער פרעסע פון פּוילן און פון סאָוויעט־רוסלאַנד.

וואָס זשע טויג דעריבער צו ציילן די פּראָצענטן? לאָמיר זיך בעסער אַרום קערן אַרומקוקן, אַרום זיך אַליין.

* * *

ערשט מיטן נייעם דאָר שרייבער און מיטן נייעם דאָר לייענער (מענטשן וואָס זיינען איצט בלויז אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן) האָט זיך גענומען פילן אַ פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע באַציונג צו יידיש, האָט זיך גענומען פילן אַ יידישער אָ ט ע ם אַרום יידיש. יידיש איז פאַר זיי, פאַר אונדז, פערזענלעך געוואָרן אַ קולטור־אַטמאָספערע, אַ באָדן, אַן אָנשפּאַר.

אָבער זייער־אונדזער קרייז — איז אַ באַגרענעצטער.

ברייטער מאַכן דעם קרייז?

געוויס!

שולן?

געוויס!

אָבער אין דעם קרייז גופא מוז די באַציונג צו יידיש דערהויבן ווערן. דער ייכעס פון יאַכיד אנשטאָט דעם קלאַל־ייכעס, יאַווגע, גייסטיקייט, נייער יידישער קולטור־אָטעם, אָפילע יידישער גייסטי־קער אַריסטאָקראַטיזם. ווען אָפּפאַלן יידיש־רעדער איז אויף פאַרפאַלן. זאָל דער גערעג נאָך י ע נ ע ם ניט זיין דער הויפּט ציל — אַ ציל וואָס פאַרדעקט און באַרעכטיקט די אייגענע שוואַכקייט.

און אַז עס וועט זיין אַזוי, וועט די קאַנויעשע וואַרעמקייט וואָס וועט פון דעם קרייז אַרויסגיין בעמיילע אָנוואַרעמען אַנדערע און עס וועט שטאַרקער און פרוכטבאַרער ווערן די ערד אונטער די פיס. זאָל דער שעקער פון סנאָבישן גאַס־יידישיזם וואָס שנעלער אויסגעוואָרצלט ווערן, זאָל די פלאַכקייט פון העטער־יידישיזם פאַרטריבן ווערן, זאָל דער צדאָקע־יידישיזם ניט האָבן די אויבער־האַנט!

כאַווײרים, לאָמיר ווערן — שעמט זיך ניט — חובבי שפת יידיש.

# דריי לעוואיעס

## 1. דער גאַנצער נאָמבערג

נאָמבערג דער צעריסענער —
נאָמבערג דער טראַגישער —
ניט עמעס!

נאָמבערגס כויסעם, נאָמבערגס איך־סימען איז גאַנצקייט געווען. מיט פליגלמאַנען האָט ער אונדז בלויז פאַרבלענדט און, קען זיין, זיך אַליין אָפּגענאַרט... ניט אומזיסט האָט ער זיך אין זיינעם אַ פּאָלעמישן אַרטיקל אין „מאָמענט" געבעטן:

— וואָס וואַרפט איר מיר שטענדיק אויף מיט „נאָמבערגן" ?... אַ מעהייבעטייסע־מענטש ?

ניין, אַלנפאַלס ניט אַף וויפיל דאָס האָט אַ שייכעס מיט נאָמבערגס קוק אַף אונדזער איצטיקן קולטור־לעבן, אַף יידיש, אַף דער יידישער ליטעראַטור און מיט זיין צובונד צום לעבן.

נאָמבערגס צלם־אלהים איז גאַנצקייט געווען. ער האָט מיט זיין בליק אונדזער לעבן גאַנץ געזען און ווו ס'האָט אַ צעריסנקייט זיך געשוואַרצט האָט ער עס פאַריכט, ער — מיט זיין קלאָרקייט, קינסטלערישער ניכטערקייט, מיט זיין צוטריט צום לעבן און צום עמעס.

נאָמבערגס יידישיזם, צום ביישפּיל, מיינט ניט אידעע, כאַלעם, פּשעטל, מיסיע, איבערבלייב פון יעשיווע־באָכער. ניין, נאָמבערגס יידישיזם איז קוידעמקאָל: לעבנס־גאַנצקייט, לעבנס־עמעס.

ווייניק, ווייניק אַזוינע גאַנצע מענטשן האָבן מיר אין אונדזער איצטיקן קולטור־לעבן. און, זעט, דער וואָס וואַרפט נאָמבערגן אויף מיט צעריסנקייט און דער וואָס באַוויינט אים פאַר זיין טראַגישקייט איז גאָר אַליין, קען זיין, אי צעריסן, אי טראַגיש. ער וויינט מיט זיין אייגענעם העספּעד.

נאָמבערג האָט דאָס וואָרט, קינסטלערישן צי פּובליציסטישן, געטראָגן און אָפּגעהיט.

נאָמבערג האָט ניט געשאַרט מיט איין פּוס אין דעם אַרופגעצווונגענעם העברעיש; —

**נאָמבערג האָט זיך ניט פאַרפּלאָנטערט אין קאָמוניסטיש־בונ־דיסטישע העטערס פאַר יידיש.**

נאָמבערג, ווי אַ ייד פון אונדזער ניי־יידנהייט, האָט אונדזער לעבן אין שיין פון גאַנצקייט געזען. אַזוי איז דאָס! אַזוי איז געווען! אַזוי וועט זיין!

ווייניק אַזוינע גאַנצע קולטור־מענטשן זיינען פאַראַן אַפילו צווישן אונדזערע.

יידיש, יידישע ליטעראַטור.

שטייען יידן און פינטלען מיט די אויגן:

— ווו איז די אידעע פון יידיש?

וויל איינער אַף דער פאַרשטעלטער „שיפּבע" אָנטאָן אַ באַס־מאַלקע־קרוין פון וועלט־דערלייזונג.

אַ צווייטער — אַ קרוין פון ווייטן, צי פון נאָענטן, ראָ־מאַנטיציזם.

אַ דריטער — דעם גאַרטל פון אַמוסן.

און אַ פערטער — וואָס האָט ניט קיין קרוין, שטייט סטאַם אַ צעריסענער אין יידיש, אין יידישן שאַפן, אין זיין שאַפן.

אַנדערש איז נאָמבערג געווען מיט זיין קוק אַף אונדזער קול־טור־לעבן. מיט זיין וואָרט, מיט זיין פּערזענלעכקייט. יידיש איז בא אים ניט געווען קיין אויסגעטראַכטער אידעאַל נאָר — לעבן. אַ מענטש וואָס איז צעריסן קען אַזוי גאַנץ ניט זיין.

פּעסימיסט? קינסטלערישער טרויער?

דאָס קען מען בא אַ סאַך קינסטלער געפינען, אַפילו בא די „פרייליכע" קאָמוניסטישע קינסטלער...

נאָמבערגס ניט שרייבן לאַנג קיין קינסטלערישע ווערק, איז דאָס די צעריסנקייט? אָבער איז ער דען דער איינציקער? טשערניכאָווסקי שווייגט, אויך ביאַליק שווייגט, נאָך שווייגן. גע־שוויגן — און דאָך האָט נאָמבערג מיט יעדן וואָרט זיינעם, מיט יעדן צוק פון אַקסל קיינמאָל ניט אופגעהערט פיין־מענטש, קינסט־לער צו זיין.

פאַרוויגן נאָמבערגן פאַר אַ שוואַרצן פּעסימיסט, פאַר אַ צע־ריסענעם איז בלויז די טעווע פון די, וואָס האָבן ליב אַ קינסטלער אין אַ געוויסן ווינקעלע אַריינצושטעלן, אין אַ קעסטעלע צו פאַר־

שפּאַרן, קעדיי זיי אַליין זאָלן האָבן וואָס צו זאָגן און ווי דעם קינסטלער אָנצורופן. דאָס זאָגן די וואָס כאַפּן זיך אָן אַ קינסט־לערס אַן אויסדרוק, אַמאָל אָן אַ נאָמען בלויז פון זיינעם אַ בוך, קעדיי זייער כאַריפעס, זייער בעקיעס צו ווייזן און אַף אַלץ וואָס גייט אַרויס פון קינסטלערס האַנט אַ פּאַרטיקן שטעמפּל צו האָבן.

* * *

אַז איך טראַכט וועגן נאָמבערגן דעם קינסטלער, זע איך איין דעם אונטערשייד פון זיין צייט ביז אונדזער צייט, פון זיין דאָר ביז אונדזער דאָר.

דאַן —

אַ דאָר וואָס האָט געגלייבט, געווען צוגעבונדן צום קינסטלער און אים געטרויט. נאָמבערג האָט ווייניק אָנגעשריבן, אָבער זיין דאָר האָט זיכאָרן געהאַט, און האָט אַף יאָרן דערנאָך, און ביז איצט, געוווסט, געדענקט ווער נאָמבערג איז און וואָס ער האָט געטאָן.

איצט איז מע פאַרכאַפּט פון אַזאַ מין סענסאַציעדיקייט, אַז מע דערוואַרט אַ שרייבער זאָל אַלע ווייל, אַלע טאָג, קומען מיט עפּעס ניים און באַווייזן, אַז ער איז דאָ, אַז ער לעבט; ער מוז קעסיידער האַלטן אין אויסשטעלן זיינע סכוירעס אין דעם ליטעראַרישן שוי־פענצטער...

מע האָט עפּעס היינט אַ צו־שוואַכן זיכאָרן און דער צוטרויען איז געפאַלן.

און עפשער איז אין דעם ליטעראַרישן סענסאַציאָנאַליזם שול־דיק ניט נאָר דער היינטיקער דאָר, נאָר אויך דער שרייבער אַליין?...

קען זיין.

## 2. שבחים — תציל ממות!...

יעהויאָש.

— דער גרויסער דיכטער.

כאַפּט אוים אַ צווייטער מעקוינגען:

— ניין, איינער פון די גרעסטע דיכטער.

שרייט אַ דריטער אים אריבער:

— דער גרעסטער דיכטער!

— אַזוי ווי פּערעץ, — זאָגט איין העספּעד־מאַכער.

— וואָס פּערעץ, ווען פּערעץ, — דווייקעט זיך אַנאַנדער באַלסאַפּדן, — גענטע!

האָט שוין ניט דער לעצטער מעקוינגען וואָס צוצוגעבן און ער פּאַלט אַף אַ שפּיצל — דוכט זיך אַזוי פּראָסט און פּאָשעט —

— יעשאַיאָע האַנאָווי!

אָפּגעהעספּעדעוועט, אָפּגעדאַרשנט.

ווער און וואָס איז דאָך יעהויאָש געווען פאַר אונדז?

קאָוועד האַמעס. גוט, איך פאַרשטיי דאָס. אָבער איז דען דאָס קאָוועד האַמעס צו רעדן און צו זאָגן שעוואָכים סטאָם אין דער וועלט אריין?

ניט אומזיסט האָט יעהויאָש אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל אים קיין העספּעד ניט מאַכן און קיין רעדעס ניט האַלטן. ניט פון אַניוועס איז דאָס באַ אים געקומען: יעהויאָש איז קיין אָנעוו ניט געווען. האָט בלויז פאַרמאָגט די דינקייט אין זיין באַנעמען זיך די „פּער־זענלעכקייטס־גאַווע" אין ווירדע צו פאַרוואַנדלען. נאָר ניט געוואָלט האָט ער קיין העספּעד מאַכמעס זיין קלוגשאַפט...

האָט דאָך יעהויאָש באַ זיין לעבן מיסטאָמע ניט איינמאָל געזען ווי באַ אַ לעוואָיע יאָווען זיך שוין אומגעבעטענע שאַמאָ־סים, וואָס לויפן פאַרויס פון אָרן און קלאַפּן פּוסט און הייזעריק:

— שבחים תציל ממות!...

* * *

זיינען זיי געקומען באַווייגען דעם טויט, דער באַרמינען און האָבן זיך דערווייל צעכליפּעט:

— עס שטאַרבן אַפּ די גערוילײַ האָדאָר. און מיר בלײַבן בײַ גאָרניט.

— די דעמבעס ווערן פאַרשניטן און מיר בלײַבן בײַ הווישאַנע ריטלעך.

— די שעפער, די שעפער אונדזערע שטאַרבן אַפּ און קײן נײַע קומען ניט צו.

— דער וואַלד בלײַבט פּוסט!

אַזאַ מאָדנע האָבן זיי זיך געמאַכט בײַ יעדער לעוואָיע פון אַ באַקאַנטער פּערזענלעכקייט אונדזערער צו ווערן „האַלצהעקער" און צו קלאָגן וואָס דער טויט וועט שוין באַלד ניט האָבן וועמען צוצונעמען . . .

פריקרער קלאָג און דערהויפּט ניט עמעסער קלאָג.

פון פאַרשיידענע זייטן קומען אָן די סאָרט העספּאָדים.

קווידעמקאָל איז דאָס דער קלאָג פון אָן אָפּגייענדיקן דאָר. יעהוויאָשס דאָר, ווי יעדער דאָר, האָט עפּעס געמיינשאַפטלעכעס צווישן זיך. די באַדינגונגען פון לעבן, פון ייִדישן לעבן, זײַנען געווען באַשטימטע, גלײַכע, פּאַנעמדיקע — כאַלוימעס און פאַר־טײַען; די סוויווע איז געווען איינע, אַ צוזאַמענגעבונדענע.

זײַנען פאָרגעקומען ענדערונגען, איבערבײַטן. כאַלוימעס וואָס זײַנען געווען אַט־אַט — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, זײַנען אָדער פאַרפלאַכט געוואָרן אין זייער מעקוייעם ווערן, אָדער זײַנען גאָר ניט מעקוייעם געוואָרן; די סוויווע האָט זיך געביטן. אַט, געמיינט, אַז מיר האָבן זיך שוין אײַנגעפונדעוועט און — מע שטייט שוין ווידער בײַ עפּעס נײַעס, אַנדערשדיקס, די פאַר־זעצונג פון דעם נײַעם איז ניט קיין דירעקטע, ניט קיין גלײַכע און —

עס קלאָגט דער אָפּגייענדיקער דאָר:

— מיר פאַרגייען, אַלץ פאַרגייט!

דאָן ווידער קומט דערדאָזיקער קלאָג פון אָפּהענטיקע מענטשן, וואָס האָבן גלאַט אַנאַ צו גיין אַף בעסוילעם־שטעגן און צו וואַרפן אויסגעריסענע בעסוילעם־גראָז איבער זייערע פּלײצעס.

קלאָגן זיך אַזוי מענטשן אויך וואָס האָבן ניט קיין באַציונג צו די נײַקייטן וואָס שאַפן זיך בײַ אונדז און צו די נײַע פּענעמער

וואָס ווייזן זיך אין אונדזער קולטור־לעבן און ליטעראַטור. מענטשן — און שרייבער, פּובליציסטן אַפילו — וואָס זיינען גלאַט געבליבן שטיין בא פּערעצן, יעהויאָשן, אַשן...

און ס'קלאָגן אַזוי אויך מענטשן, וואָס אַט דוכט זיך פּרעדיקן זיי: נייע יידישע קולטור, נייער לעבן, יידישיזם, יידישע שולן, נייע יידישע טאַלאַנטן, — אָבער אינערלעך גלויבן זיי ניט אין דעם וואָס זיי זאָגן, טוען אַליין ניט וואָס זיי פּרעדיקן און אַז עס קומט צו אַ לעוואַיע צעוויינען זיי זיך אַלמאַנעדיק:

— אַף וועמען האָסטו אונדז איבערגעלאָזן!...

און צום סאַף קלאָגן אַזוי סטאַם ציניקער, מענטשן־שמייכלער, אָפענע מיילער, וואָס מאַכן שטענדיק פון אַלץ כוויזעק!

פּריקרער קלאָג און ניט עמעסער קלאָג. אויב עס זיינען ניטאָ קיין יעשיוועס, קיין באַטעמעדראָשים, וואַקסן אויס נייע ליטעראַרישע קויכעס פון דער ניי־יידישער קולטור, פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין פּוילן, אין ערעץ־ייסראָעל, אין אַמעריקע אַפילו, און אין אַנדערע לענדער.

און וואָס איז מיט די קויכעס, ליטעראַרישע און קולטור־קויכעס, וואָס שטייען גלייך, שוין איצט, הינטער יעהויאָשס דאָר?

ניין, אַט דערדאָזיקער ייעש־קלאָג איז זיכער ניט געווען יעהויאָשס קלאָג. ער האָט געגלויבט, און גלייבנדיק געשאַפן! ווארים וואָלט ער ניט געגלויבט, וואָלט ער שוין אין זיינע עלטערע יאָרן זיך ניט גענומען צו באַנייען זיך אַליין — צו באַנייען זיין טאָנאַף־איבערזעצונג, זיין וואָרט, זיין פּערז!

* * *

אַ מאָדנעם געפיל לעב איך דורך. יעהויאָש האָט מיך ניט ג ע ר י ר ט מיט זיין ליד; עפּעס האָט זיין ליד זיך באַוויזן צו מיר צו אָפּגעזונדערט, צו דערוווייטערט, צו געטאָקט און אַמאָל צו סכעמאַטיש. קורץ, ער איז ניט געווען מיין דיכטער, און דאָך פיל איך: ס'איז אוועק, ס'האָט זיך אָפּגעשיידט אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט, אַ טאָן, אַ מענטש מיט אַ געוויסן גערער אַרום זיך, אַ דיכטער וואָס האָט ביז זיין לעצטער מינוט זיך געריסן, געראַנגלט צו זיין וואָרט און וועלט זיך צו דערשלאָגן.

פרעגט א כאַווער:

— וואָס הייסט זיין ליד האָט אייך ניט „גערירט"?? די מייסע פון דעם איז וואָס די יידישע פּאָעזיע, דער פּאָעט ווי זיין לייענער, זיינען צוגעוווינט געוואָרן פון אָנהייב אָן צום „טאָך־פּאַטעטיק", צום וויינענדיקן ריטם, צו סענטימענטאַליטעט, צו די פּערזן וואָס רירן... קריסטאַליזירטע פּערזן, מענלעכע ריטמען, פּערזן וואָס בויען מער אַף אינהאַלט ווי אַף טאָן, זיינען אין דער וועלט־ליטעראַטור קיין נייס ניט, אָבער בײַ אונדז ווילן אַ סאַך נאָך אַז דער פּערז זאָל זיי רירן, וויינענדיק מאַכן...

עפּשער.

* * *

יעהויאָש און מאָרים ראָזנפעלד.

צוויי קאָנטראַסטן אויסגעוואַקסן אַף אַמעריקאַנעם באָדן.

יעהויאָש — דער נאָמען אליין — שאַבעסדיק, ביבליש.

מאָרים — אַן אימיגראַנט — מאַסאָווע, וואָכעדיק.

ראָזנפעלד — אויסגעמישט מיט דער אַלטעגלעכקייט, מיט דער מאַסע.

יעהויאָש — אָפּגעזונדערט, געלערנט, ווירדיקייט פון טאַלמיד כאָכעם.

ראָזנפעלד האָט דערזען די היגע צונויפגעמישטע גאַס און ער האָט זיך אין איר אַליין אַריינגעוואָרפן.

יעהויאָש האָט דערזען די היגע גאַס און האָט זיך אָפּגעזונדערט.

און אויב ס'האָט ראָזנפעלדן געשאַדט זיין וואָכעדיקייט, זיין מאַסע, האָט יעהויאָשן, דוכט מיר, אויך געוויסערמאַסן געשאַדט זיין לאָמדעס, זיין שאַבעסדיקייט.

* * *

אָבער, נאָך אַלעמען, איז אָנשרייבן אַ ליד נאָך ניט אַלץ. ז י י ן — ! דאָס איז די העכסטע מאַדרייגע; — דערגרייכן אַ פּערזענלעכן צוזאַמענבונד צווישן זיך און צווישן דעם אייגענעם ליד... און יעהויאָש איז — ג ע ו ו ע ן!

## 3. דער געבענטשטער דאָר

באַלמאַכשאָוועס, איינער פון די לעצטע, פון א דאָר, וואָס האָט זיך באַ אונדז באַוויזן ווי דורך א נעס.

רעבטס — די קליינשטעטלדיקע זופיצע; לינקס — די גרויסשטאָטישע קוקאַרדע. מאַכזער און „קירפּיטשניקאָווס" גראַמאַטיקע, און אין מיטן — מענדעלי, שאָלעם־אַלייכעם, פּערעץ, באַלמאַכשאָוועס, יידן מיט ליכטיקע אויגן, מיט וואַרעמע הערצער, יידישע יידן — יידיש. יידן — מעכאַברים, אָבער גאָר פון א נייעם סאָרט.

דער נעס פון יידישן גאָלעס אין סלאַוון־לאַנד.

באַלמאַכשאָוועס — איינער פון דעם וווּנדער־דאָר.

* * *

ווען א וווּנדער־קינד, א גאָען, פלעגן זיינע כאַסידים זיך דערציילן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן מיט א שמייכל. און אַט אַזוי איז יענער דאָר געווען אַזאַ, וואָס האָט געקענט שמייכלען. דאָס איז אייגנטלעך דער הויפּט־סימען פון דעמדאָזיקן דאָר. פון אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן און געשאַפן העלט אַרויס אַזאַ מין שמייכלענדיקע ליכטיקייט. מענדעלי — אַביסל כויזעק, אַביסל מוסערדיקע כאָכמע. אָבער וויפיל זיידישע גוטמוטיקייט הערט זיך אַרויס פון זיין יעדן געלעכטערל. מיט דעם טאַקע האָט ער אונדז געגומען. ליכטיקער שמייכל.

שאָלעם־אַלייכעם — אַביסל לעצאָנעסדיק; אַפילע אַביסל וווּלגאַר — אָבער וויפיל האַרציקייט, וויפיל לאַבעדיקע וואַרעמקייט עס הויכט אַרויס פון זיין יעטוועדער מינע און קער? איז עס דען ניט געווען אַט־דער העל־וואַרעמער שמייכל שאָלעם־אַלייכעמס, וואָס האָט אונדז פון די קליינע שטעטלעך צו אים אַזוי מאַגנעטיש א צי געטאָן?

און פערעץ? ראָמאַנטישקייט, נאָכגעשאַפענער פאָלקס־טאָן, איינאָפּעישער נאָכקלאַנג. אָבער ניט מיט דעם האָט ער אונדז גענומען. זיין כּאָכמע, זיין קלוגער שמייכל האָט אונדז אין די אויגן ליכט געוואָרפן.

און אַזוי אויך דער קריטיקער פון יענעם דאָר — באַלמאַכשאַ־וועס. דאָ און דאָרט סענטימענטאַל (בּאַ זיין גאַנצער שאַרפקייט): אָט בייז, אַפילע פאַרביסן; שאַרף אין אויסדרוק, קרעפטיק. אָבער ער האָט אונדז אַמשטאַרקסטן געכאַפּט מיט זיין קלוגשאַפט, מיט זיין וויציקייט, מיט זיין העלן שמייכל, וואָס לייכט אַרויס פון אַליץ, וואָס ער האָט געשאַפן.

אַ קלוגער דאָר, אַ דאָר וואָס האָט געקענט שמייכלען.

איצט שטייט שוין דער דאָר הינטער אונדז און דער שמייכל פאַרגייט, איז שוין פאַרגאַנגען.

* * *

פונוואַנען האָט זיך גענומען אָט דאָס קלוגע שמייכלען פון יענעם געבענטשטן דאָר?

פריער איז געווען אָפּלאַכונג, כוויזעק־מאַכן, האַסקאָלע־שטעכ־ווערטלעך. אָבער דאָס אָפּלאַכן האָט זיך אין אַ לאַכן פאַרוואַנדלט און דאָס לאַכן אין אַ גוט־מוטיקן פיינעם שמייכל.

אַ געבענטשטער דאָר. זיי האָבן געזען ווי דאָס שטעטל קומט זיי אַנטקעגן; זיי האָבן געזען ווי עס ווערט געבוירן אַ נייער מאָדערנער ייִד, זיי האָבן געזען ווי דאָס שטעטל כאַלעמט נייע כאַלוימעס און — זיי האָבן געשמייכלט.

דאָס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט.

שוין דער צווייטער דאָר האָט אַנאַנדער פּאָנעם געהאַט.

שוין ניטאָ די נאָענטקייט פון שמייכל! די ווייטקייט פון דער אידעאַליזירטער ראָמאַנטישקייט האָט דעם אויבן־אָן פאַרנומען.

די הויפּט־פאָרשטייער פון צווייטן דאָר —

שאָלעם אַש, רייזין, הירשביין און — דער קריטיקער ש. ניגער.

יאָ, אַפילע רייזען מיט זיין נאַטירלעכן הומאָר און עפּיגראַ־מאַטישן שלאָג־וואָרט. ניט אַזוי מיט זיין הומאָר האָט אונדז רייזין גענומען, נאָר מיט זיין ראָמאַנטיש־אינטימען געפיל צו

זיינע טיפֿן און העלדן; מיט זיין סימפּאַטיע־און ראַכמאַנעס־געפֿיל צו די אָרעמע לייט, צו זיינע באַלמעלאָכעס. און ראַכ־מאָנעס איז אַ טייל פֿון ראָמאַנטיק. רייזין איז, אַלזאָ, אויך אַ ראָמאַנטיקער מער פֿון אַלע, און דעריבער אַן עמעסער אויסדרוק פֿון צווייטן דאָר פֿון אונדזערע מאָדערנע שרייבער.

עס זיינען אין צווייטן דאָר (ווי אין ערשטן) דאַ אויסנאַמען, אָבער דער הויפּט־שטריך פֿון אָט־דעם ליטעראַרישן פּעריאָד איז — פֿרומקייט, אידעאַליזירונג, נעשאָמעדיקע באַציונג, ראָמאַנטישקייט.

פֿאַרוואָס? קען זיין, אַז דאָס האָט זיך גענומען פֿון דעם, וואָס אָט־דער דאָר האָט געזען: דאָס שטעטל פֿאַרשווינדט, דאָס אַלטע צעפֿאַלט און דאָס נייע — קומט אַזוי לאַנגזאַם, קריעת ים־סוף׳־דיק... און אָט דעריבער —

די ראָמאַנטישקייט, שיער ניט סענטימענטאַליטעט, צום אוועק־גייענדיקן.

ראָמאַנטישקייט — אָבער ניט געווען שוין דער רויקער, צייטנ־ווייז שאַבעסדיקער שמייכל פֿון ערשטן דאָר.

* * *

איז אַ פּשיטע שוין, אַז אָט־דער שמייכל האָט זיך שוין ניט באַ־וויזן אין דריטן דאָר.

טראַגיק — דאָס איז דער הויפּט־שטריך פֿון דריטן דאָר.

בערגלסאָן — איר אָנזאָגער.

שוין פֿאַר דער מילכאָמע האָט זיך דאָס שטאַרק אָנגעזען — און נאָך דער מילכאָמע איז דאָס טראַגישע נאָך בוילעטער, נאָך שטאַרקער געוואָרן. אין דער פּאָעזיע האָט זיך דער ניגן געגילגלט ביז — לייוויקן.

טראַגיק. ניט אופֿגאַנג, נאָר „אָפּגאַנג״. (נאָמען פֿון בערגל־סאָנס אַ ראָמאַן). דאַ און דאָרט: הומאָר, אָבער ניט שמייכל.

און אַז שוין יאָ שמייכל — איז עס גראָטעסק, אַ שמייכל מיט יאַשטשערקעס. שאָלעם־אַלייכעם האָט ניט עמעס געזאָגט, אַז ער האָט געלאַכט מיט יאַשטשערקעס. ניין, ער האָט אַנאַ געהאַט פֿון זיין געלעכטער. בלויז איצט לאַכט מע באַ אונדז מיט יאַש־טשעריקעס — משה נאַדיר, האַלפּערן און אַנדערע.

א יאַשטשערקע־געלעכטער און אַ שטעכיק געלעכטער און דאָ און דאָרט — ניט גאָר סימפּאַטיש; אַביסל נאָכאַמונג פון דער אַפּ־לאַכערישקייט פון די אַמעריקאַנער „יונגע“, וואָס דאַרפן נאָך איצט פּאַרטיליקן זייער „מעין־סטריט“; (אונדזער „מעין־סטריט“ האָט אָבער שוין לאַנג מענדעלי אָפּגעשמיסן...) אַביסל נאָכ־קלאַנג פון היינעס געוואַגטקייט; אַביסל בורלעסק און אַפּילע פּאַרנאָגראַפיע.

געלעכטער — אָבער ניט העלער שמייכל, און וואָס מיך אינטערעסירט אַמשטאַרקסטן: ניט קיין גאַנצער, ניט קיין אייגענער, ניט קיין יידישער שמייכל. די שמייכלענדיקע מינע האָט זיך אין אַ גרימאַסע פאַרוואַנדלט.

* * *

האָט נאָך געלעבט צווישן אונדז — איינער פון יענעם דאָר, וואָס האָט געקענט שמייכלען.

דער געבענטשטער דאָר!

# קינדער טיפּן בײַ שאָלעם אַשן

אַף שאָלעם אַשס לאַנגן, קינסטלערישן וועג, פֿון זײַן „שטעטל״ ביז זײַן לעצטער טרילאָגיע (פּעטערבורג, וואַרשע, מאָסקווע), איז אַלע זײַנע נײַע ווערק זײַנען דאָ אַ סאַך קינדער, גייען מיט אַ סאַך קינדער־געשטאַלטן. נאָך מער, אַש הייבט זייער אָפט אָן ארויסצופירן זײַנעם אַ העלד ווען ער, דער העלד, איז נאָך אַ קינד. ער פירט אים אַרויס פֿון זײַן געבורטסאָרט, ער נעמט אים אַוועק פֿון זײַן היים און גייט מיט אים מיט אין דער וועלט אַרײַן. עס זײַנען דעריבער דאָ בײַ אַשן ווערק, און וויכטיקע ווערק, וואָס יעדעס פֿון זיי קוקט אויס אַזוי ווי אַ געשיכטע, אַ מין ביאָגראַפיע פֿון אַ מענטשנס לעבן, אָדער אַ ייִדנס לעבן. עס הייבט זיך אָן בײַ דער וויגל, לעבן דער וויגל, בײַ דער מאַמעס פאַרטוך, און עס ציט זיך ווײַטער. אַזוי הייבט זיך אָן די דערציילונג „מאָטקע גנבֿ״. מאָטקע באַווײַזט זיך צו אונדז נאָך אין זײַן וויגל, אין זײַן אָרעמען מולטערל, ווי ער ליגט און סמאָטשקעט אַ געצוקערטע, נאַסע שמאָטקע... די מאַמע זײַנע האָט איר מילך פאַרקויפט צו די רײַכע, זי איז אַן אַם. מאָטקע בלײַבט אַליין, הונגעריק. מאָטקע וואַקסט, ווערט רײַף. מאָטקע פאָרט אויס אַ וועלט. ער טוט אָפּ אַלערליי זאַכן, וואַלגערט זיך אויס מיט קאַטערינשטשיקעס, בײַ אַלפאָנסן, בײַ אויסגעלאַסענע פרויען. מאָטקע פירט ליבעס. מאָטקע באַגייט אַ מאָרד, ער שלאָגט. מאָטקע וויל ווערן אַ באַלטשוווע. און אַלץ הייבט זיך עס אָן פֿון יענער וויגל, ווו מיר האָבן מאָטקען דערזען צום ערשטן מאָל בײַ אַשן.

אין זײַן קינדהייט דערזעען מיר אויך יאָסלען (אין „קיין אַמעריקע״). יאָסל, יענער ייִנגל וואָס קען זיך ניט צופּאַסן צו אַמעריקע, צום לעבן דאָ — און שטאַרבט.

און ווער איז יאָסל ? אייגנטלעך אַן איבערכאַזערונג פֿון דער מיידל וואָס הייסט דוואירע (אין זײַן „מוטער״). אויך זי, דוואירען, האָבן מיר דערזען אין איר קינדהייט, ווען זי איז 10 יאָר אַלט געווען. אַש נעמט זי קיין אַמעריקע. עס עפנט זיך אַ נײַע

וועלט, נייע מענטשן, נייע באַגריפן, נייע איבערלעבונגען, נייע באַקאַנטשאַפטן. דווירע ווערט רייף. דווירע זוכט דעם זין פון לעבן. דווירע פּרעדיקט אַן אידעע. דאָס איז: מוטערשאַפט, געטריישאַפט, צאַרטקייט — אם כל חי! אָבער דערזען האָבן מיר דווירען, ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען. אויך זי קען זיך ניט צופּאַסן צו אַמעריקע. איר אידעאַליזם שלאָגט זיך דאָ אָן האַרטע שטיינער אָן. ווי איז זי דערשינען פאַר אונדז? זי איז געקומען צו אונדז ווי אַש שילדערט זי מיט „אַ לאַנגן קינדערשן דינעם האַלדז, מיט אַ קערפּערל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַף צוויי דינע צווייגעלעך, וואָס יעדער ווינט קען קומען און אונטערברעכן. ווי אַ בלימל פון גראָז אַרויס, אַזוי האָט איר פּאָנעמל אַרויסגעקוקט נאַיוו פון אירע שוואַרצע לאָקן“. (דאָרט, זייט 19).

אַלע קינדער־געשטאַלטן באַ אַשן האָבן אייגנטלעך אַזאַ נאַיוון הייליק־פּאָנעם. אַזוי קוקט אויך אויס דאָס ייִנגל הענעך (אין דער „מוטער“, זייט 49). אַזוי קוקט אויס מאַשאַ (אין „אַנקל מאָזעס“). אַזוי קוקט אויס יעפּטע (אין „די קישעף־מאַכערן פון קאַסטיליען“). און אַזוי קוקן אויס אַלע קינדער באַ אַשן, צי זיי זיינען אַ יאָר אַלט, צי צען יאָר, צי צוואַנציק יאָר. און געוויס קוקט שוין אַזוי אויס די דווירע — אויך אַ דווירע — פון „קדוש השם“, וועלכע איז קליינערהייט פאַרקנאַסט געוואָרן צו שלוימען. אויך שלוימע האָט אַזאַ מאַרטירעריש־הייליקן פּאָנעם.

אין יעדן ווערק באַ אַשן איז דאָ אַ קינד, נאָר אַ רייף קינד, אָדער אַ קינד אין רייפקייט. ניטאָ באַ אַשן קיין קינד אין קינדישקייט, אַ קינד אין שטיפערישקייט, נאָר אין רייפקייט, אין געצאַמטקייט, אין רייסן זיך צו געצאַמטקייט. ער קוקט אַף קינדער און זעט אין זיי גרויסע... יעדעס קינד טראָגט באַ אים פּריצייטיק אַ הייליקע אַכראַיעס, איז פאַרבונדן מיטן קלאַל, מיט דעם אונטערשיידט ער זיך שטאַרק פון שאָלעם־אַלייכעמען. יענער האָט אַפילע גרויסע געזען אין זייער קינדישקייט. אַש, פאַרקערט, זעט קינדער אין זייער גרויסקייט. באַ שאָלעם־אַלייכעמען איז אַפילע טעוויע דער מילכיקער, אַ מעטופל מיט טעכטער, אויך אַ קינד. אַזוי זיינען באַ שאָלעם־אַלייכעמען קינדיש, נאַיוו, האַרציק אַ סאַך פון זיינע טאַטעס און מאַמעס. דעריבער לאַכט מען אַזוי

בא שאָלעם־אַלייכעמען. גרויסע זאָלן זיך פאַר קינדער פאַר־שטעלן!... דעריבער ווען שאָלעם־אַלייכעם פירט אַרוים עמעסע קינדער, יונגע בעווורע־לייט, ווי די קינדער וואָס גייען נאָך כאַנוקע־געלט, די קינדער וואָס גייען צו האַקאַפעס מיט די פענער, מיט די ליכטער, די קינדער וואָס יאָגן זיך אַרום מיט שאַלאַכמאָנעס, די קינדער וואָס שפּילן אין ניס, אין מעסערלעך — ווען שאָלעם־אַלייכעם דערטאַפּט עמעסע קינדער, ניט פאַרשטעלטע, דאַן שוויבלט און גריבלט מיט באַוועגונג, מיט לייכטע רייד, מיט געלעכטער, מיט קינדישקייט, מיט עמעסער יונגשאַפט.

ביידע דערזעען אַ טיפּ. אַ יונגן געשטאַלט. שטייט שאָלעם־אַלייכעם דערביי און זאָגט: „און אַז ער וועט אויסוואַקסן, רייף ווערן, וועט ער דען זיין קיין קינד?”

און אַש שטייט דערביי און זאָגט: „אַ קינד, אָבער שוין אין זיין קינדהייט פילט ער דעם יאָך פון לעבן, און דעם יאָך פון יידישן לעבן, צי דאָס איז רעליגיע, גאָלעס וואַנדערונג, וועלט־געולע, לאַנדלאָזיקייט, שווערקייט...”

צוויי קינסטלער מיט פאַרשיידענע צוגאַנגען צו זייערע קינדער־געשטאַלטן.

אַש ווידער שיידט זעלטן אָפּ אַ קינד פון זיין מאַמען. ווו דאָס קינד זאָל ניט גיין, וווהין ער זאָל ניט פאַרשלעפּט ווערן, גייט די מוטער מיט מיט אים. די מוטער גייט מיט מיט מאָטקען. מאָטקע האַלט אין איין טראַכטן פון איר. זי איז זיין רעליגיע (און אויך, ווי מיר דוכט, די רעליגיע פון דעם קינסטלער אַש, זיין קינסט־לערישע אידעע קימאַט אין אַלע זיינע ווערק). די מוטער גייט אַדורך אויך אַשס לעצטע טרילאָגיע, די מוטער גייט מיט דווירען. מיט אַלע דווירעס, מיט אַלע זיינע קינדער. און דעריבער קומט עס אוים, אַז דאָ און דאָרט ווערן זיינע מוטערס און קינדער צו סענטימענטאַל. וואָרים אַז אַ מאַמע פאַרט מיט אַ קינד אַף אַ שיף איבערן יאַם, גאַנוועט די גרענעץ, מוז דאָ זיין איבערטריבענער געפיל, סענטימענטאַליטעט, באַהאַלטענער געוויין. מאַמע און קינד זיינען בא אַשן ניט צום צעשיידן.

גייט אַרום בא אים אַ מיידעלע, אַ קליין קינד, און טראָגט שוין אין זיך מוטערשאַפט. גייט אַרום אַ הענעך און טראָגט שוין אין

זיך אים די אידעע פון וועלט-גנולע, די „הייליקע זאך", דעם גרויסן אידעאַל, פאַר וועלכן מע מוז זיך מאַקריוו זיין. אַלט און אונג זיינען בּאַ אים איינס — אין זייער רייפקייט.

אין דער „מוטער", זייט 33:

— „צווישן דער מאַמען און דער טאַכטער (דוווירע איז דאַן בּלויז 15 יאָר אַלט געווען. — בּ. י. בּ.) איז געווען, ווי זיי וואָלטן געווען איין מענטש. קיינער האָט ניט געוווסט דער מאַ־מעס צאָרעס אזוי ווי דוווירעלע פון דעם ערשטן טאָג אָן ווען זי איז צום סייכל געקומען. און וואָס דוווירעלע האָט געהאָלפן דער מאַמען איז ניט געווען דערפאַר, ווייל זי האָט געוואָלט. זי האָט זיך גאָר ניט געהאַלטן פאַר קיין גוט קינד. נאָר עס איז געווען דערפאַר, וואָס זי האָט געפילט אַף זיך דעם כויוו, פּונקט ווי די מאַמע, ווי דער כויוו וואָלט געקומען און זיך אַרופגעלייגט אַף אירע יונגע אַקסלען, ווען זי איז נאָך אַ קליין קינד געווען".

אָט אַזוי קומט דער „כויוו" און לייגט זיך אַף די יונגע פּלייצעלעך פון די מערסטע, אויבּ ניט אַלע, אַשם קינדער-געשטאַלטן — כויוו, אַכראַיעס!

און הענעך, דוווירעס קינדערשער געליבּטער, שטייט מיט זיין טאַטן און דאַוונט (זייט 49). שילדערט אַש דעמדאָזיקן מאָמענט אַזוי:

— „אין אַ פּאָר מינוט אַרום שאָקלען זיך שוין צוויי שאָטנס אַף דער וואַנט — איינער אַן אַלטער, אַ גרויסער, אַ בּרייטער, מיט אַ בּרייטער בּאָרד און גרויסע שטאַרקע בּרעמען, וועלכער שאָקלט זיך ריטמיש, לאַנגזאַם, ניט געאיילט, ווי אַן אומרו פון אַ זייגער און איינער אַ יונגער, אַן איילנדיקער, ווי אַ וואַסערל, שאָקלט זיך און בּאַוועגט זיך מיט אימפּעט און צוויי שטימען הערן זיך..."

אָט אַזוי דערזעט אַש דעם שאָטן פון זיינעם אַ יונגן העלד — שטענדיק אין דער בּאַגלייטונג פון אַ גרע־סערן שאָטן...

דער ווילדער מאָטקע — דער וואָס פירט זיך אַרום מיט הינט, וואָס טראָגט אין די הענטלעך אַ פּאָר גנגאַנוועטע שטיוול, אַ

פרעמדן בייגל, רעדט אזוי צו זיין מאמען (אין דער דראמע און אויך אין דער דערציילונג גופא):

— „איך ווייס שוין וואס איז וועלט טאן, דו זארג זיך ניט, מאמע. איך בין שוין א גרויסער יונג! איך וועל זיי געבן ווייזט מיטן פויסט אפן שטעטל). מאמע, איך וועל אן דיר שטענדיק געדענקען. וו איך וועל ניט זיין. איך וועל נאך קומען צו דיר צוריק".

ריווקעלע אין „גאט פון נעקאמע" ליידט פון טאטנס זינד, פון טאטנס יאך, פון איר פריסטער קינדהייט אן. דער טאטע וויל זי זאל ריין בלייבן. דער טאטע לייגט ארויף א יאך אף איר — א סייפער־טוירעלע. און ריווקעס פאנעם באקומט גלייך אין איר קינדהייט אן אפגלאנץ פון מארטירערשאפט, אזוי ווי יעפטע, ווי יאסל, ווי אלע אשם קינדער...

יאסל (אין „קיין אמעריקע") געזעגנט זיך מיט זיין טאטן. וואס פארט אוועק קיין אמעריקע, און הערט דעם טאטנס געזעגנונגס־רייד: „דאוון פרום, לויף ניט ארום, האר דער מאמען". און: „יאסל האט אלץ געשוויגן, נאר ער האט מיטאמאל אלעם פארשטאנען און גוט געוווסט וועגן וואס עס האנדלט זיך און געפילט זיין גאנץ יידיש־יאסעמדיקייט. יאסעלע האט גארניט געענטפערט. ער האט בא זיך אין זיין הערצל באהאלטן דעם פאטערס ווערטער און א געוויסער שטאלץ האט אים ארומגענומען אף דעם וואס דער פאטער האט אים געזאגט, איבערגעגעבן א כויווו, און ער האט בא זיך אפגעמאכט אלעם צו פאלגן וואס דער פאטער האט אים אנגעזאגט".

אש האט ליב טראדיציע. און אין דער זעלבער צייט זעט ער א יאכיקייט אין אפהיטן טראדיציע. קינדער ווערן בא אים פאריאכט אין זייער קינדהייט. זיין „אנקל מאזעס", וואס האט זיך שוין, דוכט זיך, זיכער געדארפט אנהייבן מיט דער שילדערונג פון דעם שוין רייפן אנקל, הייבט זיך אבער אויך אן מיט א קינד, מיט מאשאן, ווי זי פירט איר טאטן איבער וויליאמסבורג בריק. זי

פירט אים צוריק צו דער מאַמען. ער איז פון צאַרעם אַוועק פון זייער אָרעמער היים און מאַשאַ האָט אים אופגעזוכט אין דער גרויסער נויאָרק און זי פירט אים צוריק. צווישן די טויזנטער איילנדיקע געשטאַלטן אַף דעם בריק זעט זיך די געשטאַלט פון דער קליינער מיידעלע, וואָס פירט איר טאַטן... די געשטאַלט פון אַ קינד מיט אַ פאַרשוויגן־מאַרטירערישן פּאָנעם לייכט זיך דורך די גרויסע מאַכנעם. שפּעטער שפּילט זי אַ גרויסע ראָלע אין דעם לעבן פון אָנקל מאָזעס און אין דער אַנטוויקלונג פון גאַנצן ווערק.

זיינען אַשם קינדער קיין קינדער ניט? ניין, זיי זיינען יע קינדער, נאָר אין זייער קינדהייט גרייטן זיי זיך שוין צו אַכראַיעס... דאָס איז באַ אַשן, ניט דעם ראָמאַנטישן, נאָר דעם אידעאַ־ליסטישן קינסטלער, אַ קינד אין אַלגעמיין, און ביפּראַט נאָך אַ יידיש קינד, וואָס טראָגט אויסער אַלעמען באַצייטנס אַף זיך אויך דעם יאָך פון יידישן לעבן.

# אין איין האנד א שווערד און אין דער צווייטער—א פען

בא א פייערונג פון דאוויד איינהארנס 25־יאריקן יובילעום, אין פאריז, האט דער דיכטער אליין, דער באל־איוויול, אומגעפער אזוי געזאגט:

— דער דיכטער דארף זיין פארבונדן מיטן לעבן, מיטן טאג־טעגליכן קאמף פון די מאסן, — אבער אט דער קאמף דארף ניט ווערן דער אויסגאנגס־פונקט פון זיין דיכטונג. דער דיכטער דארף האלטן „אין איין האנט א שווערד און אין דער צווייטער — א פען". ער שטייט אין גאס און קעמפט, און אז ער קומט אהיים, אין זיינע פיר ווינקלען, זינגט ער זיך זיין ליד, וועבט ער זיין טרוים, גיסט ער אוים זיין הארץ.

אט דאס איז אומגעפער געווען דער געדאנק פון איינהארנס רעדע. און אט דידאזיקע רייד ווארפן א העלן ליכט־פאס אף איינהארנס גאנצן שאפן; ווילסטו דעם דיכטער קענען — הער זיך צו זיינע ווערטער צו...

* * *

אין איין האנט א שווערד און אין דער צווייטער א פען — דאס איז איינהארן געווען און איז; דאס איז איינהארנס געשטאלט, זיין טאן, זיין פאעטישער זשאנר. די שווערד קעמפט — די פען בארויקט.

בא דאוויד איינהארנען איז דאס ליד א מין עיר מקלט, א ארט וווהין דער מענטש, דער דיכטער, אנטרינט אף אפרו נאך די ביטערע טעגלעכע גאסן־קאמפן.

אין איין האנט א פען. ריכטיקער וואלט עפשער געווען צו זאגן: „אין איין האנט א שווערד און אין דער צווייטער —ניט קיין פען, נאר א הארפע". דער ערשטער טאן, וואס איינהארן האט אנגעשלאגן אין דער יידישער דיכטונג איז געווען:

עמעץ האט זיך פארבענקט...
ווי א טרוים —
אין א שאטן פארהילט
פון אן אור־אלטן בוים,
אף דעם פייכטן ווייכן גראז מיט א הארפע אין האנט,
מוז זיצן אן עלנטער זינגער
און א ניגן פארטויכט וועבן שטיל, וועבן שטיל,
אף די סטרונעס מיט צערטלעכע פינגער.

מיט א הארפע אין האנט — אזוי איז איינהארן געקומען אין דער יידישער ליטעראטור.

מיט א הארפע — ניט ווייל ער איז געווען, אדער ער איז, א ראמאנטיקער פון אלטן שניט; ניט ווייל ער זעט ניט די גאס, די וועלט; אזוי איז ער געקומען ניט ווייל אים ארט ניט דער טאג, וואס קומט אן מיט זיינע נויטן און מאנונגען — ניין, ער זעט דאס אלץ גוט און קלאר, נאר ער האלט, אז דאס ליד איז ניט קיין מאסן־זאך, אז דאס ליד איז ניט קיין קאלעקטיווע פראדוקציע (ווי אנדערע זיינען געוויינט היינט צו טאג אזוי הארב און אומגעהובלעוועט צו רעדן), נאר אז דאס איז א יעכידעסדיקע שאפונג, א קוואל וואס קוועלט אין דעם שאטן פון בוים: אז אומעט וואס שוועבט אף די טונקעלע פעלדער פון ליטע, א טרויער, וואס טראגט זיך אין די פארנאכטן.

פאעזיע מיינט בא אים: אנטרינונג פון דער פראזע, ניט אזוי לעבן ווי — אפרו פון לעבן.

איינהארן איז ניט פון די דאנקיכאטישע ראמאנטיקער, וואס אז ער זעט שעפסעלעך, מיינט ער אז זיי זיינען ריזן. ער זעט אלץ אין דער ריכטיקער געשטאלט, ער זעט ריזן און ער זעט שעפסעלעך, נאר ער טיילט זיי שארף פאנאנדער!

ס׳וואלט געווען ניט ריכטיק זיך ארייצולאזן אין א דעבאטע מיט אים צי ער איז גערעכט, און אויב יע, צי איבערטרייבט ער ניט מיט זיין „עמעץ האט זיך פארבענקט" — ס׳איז ביכלאל לעכערלעך צו פירן דעבאטעס מיט א דיכטער. וואס מע דארף טאן, איז בלויז זען ווער איז ער, וואס איז זיין געשטאלט. דיכטונג, — דאס מיינט: געשטאלטיקייט, דאס מיינט: פאנעם! דיכטונג, דאס מיינט: דער געשטאלט פון א מענטשן, און אז מיר דערנענטערן זיך צו א דיכטער דארפן מיר בלויז וועלן אים דערזען,

— דערזען און דערהערן זיין אייגנארטיק געזאנג, זיין אייגענעם טאָן.

ווען איך וואָלט איינגעטיילט די יידישע דיכטער ביז איינ־האָרנען אין געשטאַלטן, ווי זיי גייען צו צו זייער ליד, וואָלטן זיי זיך מיר אַזוי באַוויזן:

פרוג — מיט אַ פען אין דער האַנט, וואָס רופט, וואָס וועקט נאַציאָנאַלע געפילן. ער איז געווען דער עמעסער דיכטער פון דער פען; אַ דיכטער וואָס האָט די פען זיינע אין ביידע הענט געהאַלטן (און עפשער צוויי פענעס — איינע פאַר יידיש און די צווייטע פאַר רוסיש...).

מאָריס ראָזנפעלד — מיט אַ שער אין דער האַנט. ער שניידט, ער שערט, ער צעשניידט די אויסיעס און צעלייגט זיי — דאָ אין ציענעסטישע לידער און דאָ אין סאָציאַליסטישע לידער; און אַז ער קערט זיין פּאָנעם אום צו זיך אַליין, שניידט ער שטיקער פון זיין אייגן האַרץ...

אַווראָאָם רייזין — מיט אַ פושקע אין דער האַנט, וואָס גייט און בעט טרייסטונג און זאַמלט מוט פאַר געליטענע, פאַר וואַנ־דערער וואָס שטייען אונטערן דונער, פאַר וואַרשעווער וואָס פאַר־קויפן אַלטע קליידער, פאַר מאָסקווער וואָס פאָרן אין בירא־בידזשאַן...

יעהויאָש — מיט אַן אַטאָרע איבערן קאָפּ.

ליעסין — אין דער שמידעריי בּאַ דעם בלאָזזאַק, און ער הויכט. און ער בלאָזט די פייער־פונקען אַלץ העכער.

און איינהאָרן — מיט אַ פידעלע, מיט אַ האַרפע אין דער האַנט.

איינהאָרנס געשטאַלט איז געווען אַ נייס אין דער יידישער פּאָעזיע. אַזוינס האָט מע נאָך פאַר אים בּאַ אונדז ניט געזען. אַליין צונויפגעבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיין ליד דאָך שיער ניט געקלונגען אַנטי־סאָציאַל. אַפילע ווען ער האָט פון דער אונטערגייענדיקער שול געזונגען, ווען ער האָט דעם פאַרלאָזענעם טילעם פאַר זיך דערזען, האָט ער וועגן זיך נאָר און זיין געליבטע געזונגען („לאָמיר פאַרבלייבן אין שול"...).

דאָס ערשטע פולע ליד וועגן מענטשן, וועגן יאַכיד, אין דער יידישער פּאָעזיע.

דערהייבונג פון דעם יאָכיד, געזאַנג פון יעדן איינעם, געזאַנג פון דעם מענטשן אין זיין אָפּגעזונדערטקייט, ווען ער איז אַליין מיט זיך, דער אינערלעכער געוויין פון דעם מענטשנס נעשאָמע, — דאָס איז געווען, און איז, דער הויפּט־טראָפּ פון איינהאָרנס ליד.

איינהאָרן האָט זיך באַצויגן צום ליד, ווי אַ מאַמע באַציט זיך צו איר קינד: זי באַהאַלט דאָס פון דער רויער, בלוטיקער שלאַכט. און זיין צוגאַנג צום ליד — אָפּגאַנג, צוריקגאַנג פון דער גאַס.

קעסיידער:

די בעריאָזקעלע איז מיספּאַלעל; אַ לאַנד אָן שטורעמס: פאַרדרעמלטע סאַסנעס; אַ פּאַלאַץ מיט אַ פּרינץ און אַ פּרינצעסן; אַ בלאַסע געליבטע, אַ קינד פון געדריקטע הייזלעך; אַ טישעבאָוו אין שול; נילע־שיין —

דאָס איז די עפּאָ, וואָס טראָגט זיך פון זיינע „שטילע געזאַנגען" און פון זיין בוך „מיינע לידער".

דער טאָן פון זיין דריט בוך, „צו אַ יידישער טאָכטער", האָט שוין אַ ביסל אַנדערש געקלונגען.

ס'איז קיין סאָפּעק ניט באַ מיר, אַז דאָ קומט איינהאָרן שוין מיט אַ רייפערן וואָרט, מיט אַ רייפערע שורע, מיט פאָרם. זיין שפּראַך איז דאָ וואָגיקער, רייכער, כאָטש ער באַנוצט צופיל „אַלבאַסטער־ווערטער", און האָט אפילע אַזוינע ווערטער ווי: „ערהויבן", „זעלבסט" און דוכט זיך אויך „ערגריפט" — און ענלעכע. דאָ האָט ער געצאַמטע סאָנעטן, דאָ האָט ער פיינעם ריטם. דאָ אין דעם בוך איז ער אָבער מער שוין פּען־דיכטער, ווי אַנדערשווו. אוועקגעלייגט די האַרפע און זיך צום שרייבן גענומען. שרייבן און רעדן.

אין יענער צייט פון זיין שאַפן האָט ער אויך שוין געפּרוווט די ליבע זיינע, די ליבע־לידער, אין גאַס אַרויסטראָגן. אַנשטאָט בענקשאַפט, יונגע טרוימען, אַנשטאָט ראָמאַנטישקייט, אַנשטאָט יונגע סענטימענטאַליטעט, — עראָטיק. און עראָטיק — מיינט קאַמף. ניט איין קאַליר — נאָר אַ סאַך קאַלירן. ניט איין זילבערנער טאָן, נאָר אַ סאַך טענער. די געשטאַלט פון זיין בלאַסער געליבטער האָט זיך געענדערט...

אָבער — איינהאָרן איז דאָך ניט דער זינגער פון עראָטיק, פון שטאַרקן טאָן. ער פילט זיך אַליין באַשוועּרט פון דעם. ער בעט זיך בּאַ זיין געליבטע זי זאָל אָנעמען די אַמאָליקע געשטאַלט און זי זאָל, ווי אַ טפילע, זיך צוריקקערן צו דער מאַמען, צו דער מאַמעס האַרץ...

דער פערטער מאָמענט פון זיין שאַפן איז — „רעקוויעם", דער „צען מיליאָן".

איינהאָרן איז מיט זיין ליד אַרויס — צו דער וועלט, זיין ליד איז אין אַ שווערד פאַרוואַנדלט געוואָרן.

ס'איז אַ שאַרף ליד. דאָס איז זיין ליד איבער דער מילכאָמע. פאַראַן אין דער פּאָעמע זייער שטאַרקע שטעלן, געטאַקטע פערזן. ריטמיק ניט נאָר צוליב איינהאָרנשע מוזיק, נאָר ריטמיק צוליב וואָרט, ריטמיק צוליב דעם מענטשלעכן טראָט, געשריי איבער בלוט־פאַרגיסונג, אָבער אָן גרילץ, אָן פּויסט־קלאַפּעריי.

עס זיינען דאָ בּאַ אים נאָך אַנדערע לידער, וואָס זיינען קרוויוים צו די „צען מיליאָן", ווי זיין ליד: „דאָס בלוט פון די קעדוישים", אָדער זיינס אַנאַנדער ליד — וווּ ער רעדט זיך אויס מיט דער וועלט, מיט פעלקער און מעלוכעס, ווי אַ ייד. בּעעמעס אַ שטאַרק און אינטערעסאַנט ליד. אָבער אין סאַכאַקל באַווייזט זיך צו מיר דאָוויד איינהאָרן אין איין האַנט אַ שווערד און אין דער צווייטער — אַ האַרף.

דאָס יידישע יונגע ליד אין אַלגעמיין מאַכט לעצטנס דורך אינטערעסאַנטע אַנטוויקלונגען. דאָס ליד פון נויאָרק, פון דער גרויסער שטאָט; דאָס ליד פון נייעם לעבן אין סאָוויעטן־לאַנד, אַז איינהאָרן איז געווען בּאַם סאַמע אָנהייב, און עפּשער ד ע ר אָנהייב, פון דער יונגער יידישער דיכטונג.

יונגע דיכטער רייסן זיך אין גאַס אַרויס. ס'איז ניט אַזאַ גרינגע זאַך. יונגע דיכטער ווילן מיט דעם ליד צאַמען רייסן. איינהאָרן שטייט אָן אַ זייט און שמייכלט, אָדער קאַסט זיך...

בּאַ אים איז דאָס ליד נאָך אַלץ אָן עיר מקלט, אַן אָפּרו, דער ווינקל וווּהין ער אַנטלויפט פון דעם „פאַרשוועכטן טומל פון דעם קרעמערישן מאַרק".

זיין שווערד — קעמפט. און זיין ליד — אַ מין גאַנדישער פּאַסיווער ווידערשטאַנד.

פיר איילן מיט א פארקישעפטן פייער־זייל ארום דעם.

* * *

אין איין האנד א שווערד — טעגלעכער פארטיי־קאמף, פעליע־טאן, פאלעמיק, טעאריע, הארטקייט.

אין דער צווייטער א פען (אדער א הארף) — שטילקייט, סענטימענטן, שטימונגען, ווייכקייט.

גאזלאניש מיט זיין שווערד און קאלעדיק מיט זיין ליד.

טאפל־געשטאלטיקייט. די פען איז בא אים זייער אפט לע־גאמרע דער קעגנזאץ צו זיין שווערד.

דאוויד איינהארן איז פון אלעמאל ענג פארבונדן מיטן „בונד", מיט דער סאציאליסטישער און ארבעטער באוועגונג און — דאך האט ער קימאט ניט געשאפן קיין ארבעטער־לידער.

ער, איינהארן, וואס בעיים ער פאכעט מיט דער שווערד, האט ער טאמיד ליב צו קאסן זיך אף נאציאנאליזם, שאוועניזם; אבער מיט זיין הארפישער פען האט איינהארן דאווקע געשריבן נאציא־נאלע, שיער־ניט נאציאנאליסטישע לידער, ווי לעמאשל:

דער זיידע איז שוין טויט, די ליכט אין שול פארלאשן.
דאס לעצטע אויג פארמאכט די לעצטע וואנט צעשטערט.
איין טרייסט איז נאך פאראן, עס וועט מיט אונדז צוזאמען —
אויך אונטערגיין די לעצטע געאולע פון דער ערד.

די לעצטע גאולע — גייט אונטער מיט דעם אונטערגאנג פון יידן. (דא וואלט זיך בעסער פאסן: „יידנטום".).

איינהארן האט טיינעס צום יידישיזם. און אין זיינע לידער בעט ער זיך „יידישיסטיש" בא זיין מוזע, בא זיינע לידער:

פארוואגלט אייך, לידער, — טאמער געפינט זיך נאך דארטן אז אויג א פארטרערטע און ס'מורמלט נאך „טאטע" און „מאמע" אף יידיש א יידישעס קינד.

אזוינע — און ענלעכע טפילעדיקע רייד וועגן יידיש און יידי־שע לידער געפינען זיך בא אים.

א פען, א דיכטערישע פען, וואס גייט לעהיפעך צו דער שווערד.

טאפל־געשטאלטיק. קען זיין אז דאוויד איינהארן זעט אין אלץ און אין אלעמען אויך א טאפל־געשטאלטיקייט. קען זיין, אז דער מענטש ביכלאל דערשיינט פאר אים ווי א באשעפעניש וואס טראגט, דורך אלע דוירעס, „אין איין האנט א שווערד און אין דער צווייטער — א הארף".

# געזאַנג

ז. ווײַנפּערס לידער (פֿון זײַן בוך „אײגנס” און אַנדערע) — געזאַנג. דער הױפּט־טאָן פֿון זײַן שורע, דער הױפּט־קלאַנג פֿון זײַן פּערז — הימן.

גלעקער קלינגען מיט באַדױער,
נאָר ניט טרױעריק איז אונדז דער קלאַנג.
מיר װאָס האָבן ניט אײן טױער
דורכגעשפּאַנט אין אונדזער גאַנג,
הערן מיר שױן ניט קײן טרױער
אין אַ גלאָקן־קלאַנג.

אַ ליד — ניט נאָר צום לײענען, פּאַרטאַיען זיך באַם קאַמין, נאָר אױך (און עפּשער הױפּטזעכלעך) — צום זינגען.

דאָס ליד איז װעגן אונדזער גאָלעס־מאַרש. דערמאָנט אָן דעם גאָלעס־הימן פֿון מאָריס ראָזנפֿעלדן, װאָס איז מיט זײַן קװיעכדיקן טעמפּעראַמענט און אָפּט װאָגיקן אײנצלנעם װאָרט געװען מער פֿאַר אַלץ אַ זינגער פֿון הימנען, פֿון „מזמור שיר”. נאָר בעיים ראָזנפֿעלד זינגט:

מיטן װאַנדערשטאָק אין האַנט
גײען מיר פֿון לאַנד צו לאַנד
— — — — — — — — —
אימער נױט, נױט, נױט —
און קײן גליק זאָגאָר צום טױט.

זינגט װײַנפּער:

מיר װאָס האָבן ניט אײן טױער
דורך די װעגן שױן געזען,
װעלן גאָר אַ נײַעם טױער
אױפֿן װעג דערזען.

ז. װײַנפּער איז נאָענט צום לעבן, צום פֿאָלקס־לעבן: ער איז נאָענט צום פֿאָלקסװאָרט, און אױך צום פֿאָלקסגראַם. זײַן גראַם איז אַ ײדישער און ניט קײן פֿרעמדער. און דאָס איז אַפֿילע אין הײנטיקע קלוגע צײַטן, אין הײנטיקע טעג װען מע קריגט אַזױ

קענען „פֿאָלק און פֿאָלקסטימלעכקייט" ווייט־ווייט קיין כיסאָרן ניט. והא ראיה: דער פֿיינער אַמעריקאַנער זינגער ווייטשעל לינדסעיס טרובאַדוריש וואָרטקלאַנג.

אין היינטיקע וואָגיקע טעג, ווען מיר האָבן שוין לאַנג ניט געהערט דעם טראָטיקן, מאַרשיקן:

„מיטן וואַנדערשטאַק אין האַנט".

אין היינטיקע טעג, ווען מע מאָנט ניט מער און ניט ווייניקער ווי וועלט־פּראָבלעמען, געוועלע, (און ווען האָט מע דאָס זיי בײַ אונדז ניט געמאָנט?...) אין היינטיקע טעג פֿאַרבענקט זיך אַמאָל זייער שטאַרק נאָך געזאַנג, נאָך ליד, נאָך פּאַשעטן — ניט־געקלינגלטן טראַפֿ, נאָכן הימנע־קלאַנג: —

מיר אַלע דאָ איניינעם
גוטע און טרייע שכיינים
אויף דערזועלבער ערד.

מיר דאָ אַזוינע און אַזוינע
ווייסע, שוואַרצע, ברוינע
אויף דערזועלבער ערד.
(פֿון: „מיר אַמעריקאַנער")

אין אַ צײַט פֿון אַזוי פֿיל וואָגיקייטן, געשליפֿנקייטן, — איז צײַטן ווען דאָס ליד בײַ אונדז ווערט פֿון אַלע זײַטן אַזוי באַ־וווסטזיניק אָפּגעריסן פֿון לעבן, פֿון געזאַנג, — אין אַזוינע צײַטן ווי ליב איז מיר אופֿצוכאַפּן פֿראָסט און פּאַשעט דעם אָטעם פֿון אַלטן טריסק:

אַ טאָג מיט אַ נאַכט און עס ווערט שוין אַנעכטן,
אויף מאָרגן וועל איך זיך אַ טייבעל שעכטן.

און —

אַ ליכט און אַ ליכט און — כּוישעוי אינמיטן?
דער פֿירער וואָס פֿירט וועט באַשירמען, באַהיטן.

אין אַ צײַט ווען אַזוי פֿיל שרײַבן לידער איז גוט צו הערן אַ ליד וואָס זינגט.

אין היינטיקע טעג, ווען אין ליד איז דאָ אַזוי פֿיל „זאָגעכטס", דראָשע, איז גוט צו הערן פּאַשעטער, לידערישער קלאַנג־געקלאַנג! ווײַנפֿער זינגט. ווען ער נעמט זיך אויך צו „זאָגן" איז ער פֿיל שוואַכער.

דאָ — אין אַמעריקע — זינגט מען בּאַ אונדז גאַנץ ווייניק. אויך די קאַלעגן אונדזערע אין פּוילן זינגען ניט. זיי זינגען אין ערגעץ ניט. בּלויז אין סאָוויעט־רוסלאַנד הערט זיך געזאַנג. די טיינעם וואָס מע קען האָבּן צו די דאָרטיקע פּאָעטן אַז זיי גייען אַלע אין איין שפּאַן, אַז זיי זינגען לויט דער פּראָגראַם — דאָס איז זיך אַ גאַנץ בּאַזונדערער איניען. אָבּער הינטער דעם אַלעמען זיינען דאָך דאָרט דאָ אַ סך גוטע לידער. און איבּער דאָס גוטס הערט זיך — געזאַנג — מיטגאַנג מיטן לעבּן און געזאַנג. די לידער בּעטן זיך מע זאָל זיי אויסזינגען.

און — אויך געזאַנג הער איך אין ווײנפּערס ליד.

„זינגנדיק, זינגנדיק”, הימן, געזאַנג.

# אומדרוקבאַר

אומדרוקבאַר.

געדענקט איר אַט דעמדאָזיקן וואָרט?

אין קליינע אויסיעסלעך פֿלעגט דאָס וואָרט דערשייַנען ערגעץ אין אַ ווינקל פֿון „יוד", פֿון „פֿריינד" —

— אומדרוקבאַר.

אַז איך בין אַ קליין ייִנגל געווען פֿלעג איך באַקומענדיק אַ בלאַט, אַ צייטונג, קוידעמקאָל לויפֿן זוכן צי עס איז דאָרט ערגעץ דאָ אָט דאָסדאָזיקע שרעקלעכע וואָרט. אַ שרעקלעך וואָרט — אָבער וויפֿיל אַפּשיי האָט דאָס פּעטיט־וואָרט אין מיר אַרויסגערופֿן! דער וועג צו דער רעדאַקציע האָט זיך אין מייַן קינדערשן קעפּל פֿאַרגעשטעלט ווי דער וועג צום גאַניידן, וווּ עס שטייען מלאָכים מיטן להוט החרב און —

— מע לאָזט ניט אַריין!

— נאָך ניט זוכע געווען!

— אומדרוקבאַר:

אַ שרעקלעך וואָרט, אַ טייער וואָרט!

און איצט, אַז איך בין עלטער געוואָרן האָב איך זיך אין איין שיינעם — צי מיעסן — טאָג געכאַפּט, אַז דאָס וואָרט וואָס האָט אַמאָל אין מיר אַ ציטער, אַ אַפּשיי אַרויסגערופֿן איז פּלוצלונג פֿאַרשווונדן געוואָרן מעל פּני הארץ.

אַלץ דרוקט מען, אַלץ דרוקט זיך. דרוקט ניט איין צוזאַמענקלייבער פֿון מאַטעריאַל, (צוזאַמענשטעלער, צוזאַמענשטעלער אַנשטאָט — רעדאַקטאָר.) דרוקט דאָס אַ צווייטער. ניטאָ מער קיין ליטעראַרישער ביבעט־אַקייוועך באַ אונדז. קיין לייטערונג. ניטאָ מער קיין קאַפּאַקאַלע — ניטאָ מער — אַ, דו וווּנדערלעכע פֿלאַמענדיקע שווערד!

און וואָס איז דער סאַך פֿון דעם?

דער סאַך פֿון דעם איז, אַז אונדזער ליטעראַטור איז איצט געוואָרן אַ רעדאַקטאָרלאָזע. ניטאָ קיין מאָס, ניטאָ קיין גרענעץ. און בעמיילע איז שוין אויך ניטאָ קיין מזרעך־וואַנט.

מיזרעך־וואַנט! פון מאַרעוור־וואַנט ביז דער מיזרעך־וואַנט איז אין דער קליינשטעטלדיקער קלויז געווען אַ ווייטער מעהאַלעך. דיסטאַנץ, אויטאָריטעט. קעסער קעהונע דאָ און שטיוואַליעס — הינטן, אַפּטייל, אַפּקלייב, מאָס.

בײַ אונדז איז פּערעץ אַמאָל געווען די מיזרעך־וואַנט. לאָמיר דערגרייכן פּערעצעס מאָס — האָט איינער זיך געטראַכט; לאָמיר דערגרייכן פּערעצן — די מיזרעך־וואַנט! היינט טראַכטן יונגע שוין ניט אַזוי. צו וועמעס מאָס וויל אַ יונגער איצט דערגרייכן? צו וועמעס הייך וויל מע זיך דערהייבן?

אַלע זיינען גלייך, אין איין ראַד אויסגעמישט געוואָרן.

פאַר מיר באַשטייט פּערעצעס אופּטו ניט אַזוי אין דעם וואָס ער האָט וועלטלעכקייט אַריינגעפירט אין אונדזער ליטעראַטור, ראָמאַנטיציזם, עטיק, יידישן אינהאַלט — ניט אַזוי אין דעם באַשטייט פאַר מיר זיין אופּטו בײַ אונדז, נאָר אין דעם וואָס ער איז געווען אַנווייזער, קוריץ, רעדאַקטאָר! צי ער האָט געמאַכט אַמאָל אַ רעדאַקטאָרישן פעלער, צי ניט — נאָר ער האָט אַ האַנט געהאַט. ווי זינגט ערגעץ מאָריס ראָזנפעלד — „ס'איז אַמאָל אַ האַנט געווען; ס'איז אַמאָל אַ שווערד געווען"...

און איצט?

ניטאָ קיין רעדאַקטאָר, ניטאָ מער דאָס טייערע וואָרט „אומ־דרוקבאַר".

* * *

אַ מאָדנע זאַך: אַז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ ליטעראַרישער באַשאַף פאַר זיך אַליין, אַ ווערק וואָס לעבט זיך אַן אייגן לעבן — דאָס האָט מע לעצטנס פאַרגעסן. פאַר יעדער אומליטעראַרישער זאַך האָט מע גענומען אויסזוכן עפּעס אַ זכוס. אַנשטאָט קערנ־דיקייט האָט מע גענומען אַנעמען ליטעראַטור אַף פּראָצענט — 6 פּראָצענט, 10 פּראָצענט. מע זוכט אין עפּעס אויס „1 פּראָ־צענט" טאַלאַנט און מע באַרעכטיקט עס. מען איז זייער גוט־האַרציק. אָבער אַ קונסטווערט מיינט — אַ גאַנצקייט, הונדערט פּראָצענט. און אַלנפאַלס, אַ רייסן זיך צו דעם, אַז ניט —

ווו איז ערגעץ די ברענענדיקע שווערד?

לעז איך אמאָל אזוי:

— אָט דער און דער פּאָעט האָט ניט קיין פּאָעטישע וויזיע אין זיך, קיין היסרוימעמעס, קיין נעשאָמע־ציטער. אָבער — ער טויג פאַר פאַרמען, פאַר אינטעלעקטואַליזם, פאַר פערז־שלייפעריי...

עס הייסט: אזוי ווי ער קען ניט זיין קיין שרייבער, טאָ זאָל ער זיין א שלייפער.

אָדער דאָס קען אזוי הייסן: טויגן־טויג ער ניט, נאָר פאַר א סאָלדאַט וועלן מיר אים דאָך אָפּגעבן...

מאָדנע גוטהאַרציק, פּשאָרעדיק, דן־לכף־זכותדיק, זיינען מיר געוואָרן!

לעז איך אַן אנדערשמאָל:

— קיין פּאָעזיע איז בּאַ אים טאַקע ניטאָ צופיל (?) נאָר ער שרייבּט עפּעס פון לעבּן, ער זעט די ליידן פון ארבּעטער־קלאַס. ווידעראמאָל א בּארעכטיקונג.

און אָט אזא מין גאַלאַנטקייט:

— זי איז ניט רייך, איר שורע איז ניט געהובלט, ניטאָ בּאַ איר קיין איין גאַנץ ליד, אָבער — זי איז דאָך אזוי פּרויענלעך. און אזוי קעסיידער.

אַן אנדערשמאָל ווערט א ווערק דורכן טייערן „אָבער" גע־קאַשערט ווייל — ס'איז גוט פאַר יידן, אָדער ווייל ס'איז גוט פאַר יידיש, און ווייל דאָס איז „א נייעס אין אונדזער יידישער — ווי געשריען! — אָרעמער פּאָעזיע"!...

אָדער:

— ניטאָ בּאַ אים קיין פּאָעזיע, ניטאָ בּאַ אים דאָס וואָס מ'רופט „קונסט", נאָר דערפאַר טויגן זיינע זאכן פאַר קינדער פון עלטערע קלאַסן.

א נייע בּארעכטיקונג פאַר גראַפאָמאַניע — עלטערע קלאַסן, יינגערע קלאַסן...

און אָט אזוי קומט מיר אוים צו לעזן אין די יידיש־סאָוויעטישע בּלעטער ניט אזוי שלעכטע זאכן, ווי אומדרוקבּאַרע זאכן — דערפאַר וואָס עס טויג צו רעוואָליוציע.

און, מאָדנע, ווי מע פֿילט זיך לעצטנס בײַ אונדז צו אַרבעטן אױף אַ ליד. אַפֿילו טאַלאַנטפֿולע פּאָעטן זײַנען אָפּט אין אײַלעניש. צעצויגנקייט, באַריידעוודיקייט, לויזע רייד — אױף טריט און שריט. פֿאַר יעדער זאַך האָט מע זיך אַ באַרעכטיקונג: איינער רופֿט זײַן צעצויגנקייט „גראָטעסק", דער צווייטער: „כראָניק", אַ דריטער, „פֿרייער־פֿערז"; אַ פֿערטער — „פֿראַגמענט", אַ פֿינפֿטער — „פֿון מײַן ציקל" — און אַזוי קעסיידער.

מע האָט פֿאַרלוירן די געדולט. אײַליקע האָבן פֿאַרלוירן דעם ווערק־זין פֿאַר אַ ליד. גאַנצקייט — האָט מע זידלעריש גענומען אָנרופֿן מלאָכע; צונויפֿגענומענקייט — האָט מע ווויליונגעריש גאָר גענומען אָנרופֿן — סכעמע, טעמע און —

— טוז, אין דער צעשווימענקייט אַריין!...

— אומדרוקבאַר!

אַ טייער וואָרט געוועז.

# שאָלעם-אַלייכעם—דער פּראָלעטאַריער

יאַקעוו פיכמאַן האָט אין דעם העברעישן וואָכנבלאַט „מאזנים“ (אַרויסגעגעבן אין טעלאָוויוו,) שטאַרק געלויבט שאָלעם-אַלייכעמס טעוויען, זיין מענאַכעם מענדלען, זיין יאָסעמל מאָטל. י. פיכמאַן וויל דאָרט צום סאָף אַרויסברענגען אַז שאָלעם-אַלייכעם האָט געהאָלפן די „יידישע געולע“. (מיינט פיכמאַן טאַקע, אַז די יידן זיינען שוין אויסגעלייזט ?...) אין טעוויען האָט ער געוויזן ווי דער געזונטער דאָרפס-ייד ראַנגלט זיך פאַר דעם אופהאַלט פון יידישן לעבן; אין מענאַכעם מענדלען — ווי די יידישע פאַר-נאָסעם אין שטאָט טויגן ניט, ווי מע מוז, הייסט עס, באַפרייט ווערן פון גאָלעס. און אין מאָטל — פייסי דעם כאַזנס — וויפיל קויכעם דאָס יידישע קינד האָט נאָך.

שאָלעם-אַלייכעם — און די יידישע געולע. דאָס איז דאָך דער צווילינג וואָס דער דיכטער און עסעייסט פיכמאַן זעט.

אָלגין ווידער (ווי אַנדערע קריטיקער וואָס אָריענטירן זיך אָף דעם „סאָוויעטיש-מאַרקסיסטישן קריטישן מעטאָד“) וויל ניט אַנדערש מאַכן שאָלעם-אַלייכעמען פאַר אַ פּראָלעטאַריער. וואָס טוט מען? זאָגט אָלגין: „שאָלעם-אַלייכעם האָט געהאַט אַ פריינטלעכן צוגאַנג צום באַלמעלאָכע; (וועלכער שרייבער האָט דאָס באַ אונדז ניט געהאַט?...) שאָלעם-אַלייכעם האָט אין איינער פון זיינע זאַכן אַפילע איבערגעזאָגט דאָס פאָלקס-ווערטל: „וואָס מער קאַבצן מער הוליאַקע, וואָס מער נאָגיד מער סאָבאַקע“ (אַי, ווי גוט: סאָבאַקע!...) וואָס נאָך! יע, שאָלעם-אַלייכעם האָט אָפּגעכויזיקט פון קליינבירגער, וואָס שיקט זיין ווייב אין „מאַריענבאַד“ — און, הערט און שטוינט, ער האָט אויסגעטראַכט אַ נאָמען פאַר אַ געוויסן אָרעמאַן פון קליין שטעטל און האָט אים אָנגערופן: אַ „קאַסריליק“, וואָס מיינט „קאַסריליק“? — „אַז אָרעמס און אַ פריילעכס!“...

אָט דער „קאַסריליק“ האָט דאָס אַממערסטן אַזוי צוגעהאָלפן אַז שאָלעם-אַלייכעם זאָל געראַטעוועט ווערן און אָלגין, ווי

סאָוויעטיש־יידישע פּשעטלער אין מאָסקווע, זאָל נאָר אים איבער־נעמען, ווי אַ יערושע, פאַרן פּראָלעטאַריאַט.

איך דערמאָן זיך: כ'האָב אַמאָל שוין אויך גלייענט ערגעץ פון אַ העברעער אַ בקירע, אַז שאָלעם־אַליכעם האָט גאָר געהאָלפן די אַנטוויקלונג פון דער העברעישער שפּראַך. ווי אַזוי? ווי אַזוי האָט דער וואָס האָט אַנטדעקט די אויצרעס פון יידיש, וואָס האָט אופגעכאַפּט דעם נוסעך, דעם ריטם פון יידיש, גאָר געהאָלפן די אַנטוויקלונג פון דער העברעישער שפּראַך? איז דער טערעץ: שאָלעם־אַלייכעם האָט מיט זיינע פאַלש־פאַרטייטשטע פסוקים און פּראָסטע פאָלקס־ווערטלעך געוואָלט באַווייזן ווי אָרעם די שפּראַך פון פאָלק איז, ווי אָפּגעלאָזן, און ווי אַמעראַצעסדיק די טעוויעס זיינען...

אַז דרינגען, אַז פּשעטלען זיך — איז דאָך ניט שייך! מע קען שוין אַזוי אויך דרינגען, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז געווען בעסאַכאַקל אַן אַנטיסעמיט, ווייל ער האָט אופגעדעקט יידישע פעלערן; אַז ער איז געווען אַ מיזרעכיסט, ווייל דאָ און דאָרט האָט ער אַ פּאַסעק ווו ער דריקט אויס סימפּאַטיע צום יידישן גאָט. אָדער פאַרקערט, ער איז געווען אַ מיסיאָנער, ווייל ער האָט אָפּגעלאַכט פון דער ערעוו־פּייסעכדיקער אימיגראַציע...

דאָס דרינגעניש איז אַן אומגליק, און אָפּט — אַ קאָמישע דערשיינונג.

זאָל אָלגין נאָך ווייט ניט זיכער זיין, אַז „קאַסריליק" איז זיינס. מע קען גאַנץ גרינג אויך דרינגען, אַז „קאַסריליק" איז גאָר אַ ציעניסט.

ס'איז אַ ביטער ראַכמאָנעס צו זען ווי די סאָוויעטיש־יידישע קריטיקער מאַטערן זיך צו קאַשערן שאָלעם־אַלייכעמען, און ס'איז אַ ביטערער עלנט צו זען ווי זיי מאַטערן זיך צו פּאַסלען אַנדערע.

ווען שאָלעם־אַלייכעם וואָלט איצט געלעבט און געשריבן, וואָלט זיין מאַזל מיסטאָמע ניט געווען אַזוי „פּראָלעטאַריש". דערפאַר אָבער, וואָלט שאָלעם־אַלייכעם צוגעקראָגן פון צווישן זיינע אויס־טייטשער נייע קאָמישע טיפּן פאַר זיינע „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַשאָגעס".

# פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם

פֿאַראַן בײַ אונדז מענטשן, וואָס בײַ זיי איז דאָס אַ קלאָרע, אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, אַז אין דער הײַנטיקער יידישער ליטע־ראַטור הערשט „אַ גייסטיקע דערשלאָגנקייט". אויך מוישע גראָס (ווין) מיינט אַזוי. פֿון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען? אין איינער פֿון זײַנע עסייען (געדרוקט אין זשורנאַל „אופֿקום") זוכט ער אַן ענטפֿער אויף דעם און ענטפֿערנדיק פֿרעגט ער: „ווער איז שולדיג — די ליטעראַטור צי די קריטיק?" קאָלעגע גראָס מיינט אַז די „ליטעראַטור" איז שולדיק, אַז די „טרוקענע" לאַמדאַ־נישע „מויכעס", וואָס רוקן זיך אויף פּערעצעס רעמאַזים־וועג האָבן דאָס דעם אומגליק געבראַכט. אַן אומגליקלעכע פֿאַרפֿלייצונג — טויט און פֿאַרווּיסטונג.

אַ מאַבל.

— ראַטעוועט!

און קאָלעגע גראָס רופֿט צו מאַכן אַ „רעוויזיע פֿון פּערעצעס פֿאַרנעם אין אונדזער ליטעראַטור". אין דעם זעט ער די רעטונג.

בײַ מיר ווידער איז דאָס נאָך גאָר ניט אַזוי אָפּגעמאַכט, אַז די ליטעראַטור אונדזערע גייט איצט אַרום מיט אַ „דערשלאָגענעם קאָפּ". אַלנפֿאַלס, איז עס איבערטריבן צו שטעלן דעם טראָפּ אויף „יידישער", ווען עס רעדט זיך איצט וועגן דער „דערשלאָגנקייט פֿון ליטעראַטור". ווייסן דאָך אַלע (און ווינער ווייסן דאָס געוויס אויך.), אַז אין ליטעראַטור בכלל מערקט זיך אין די לעצטע יאָרן אויב ניט אַ דערשלאָגנקייט איז — אַ ניט־רויקייט, אַ צע־טומלונג, אַ זיג־זאַגישקייט. ס'איז איבערגעריסן געוואָרן די גלײַכע ליניע. אורזאַכן? ווייסן אַלע (און ווידעראַמאָל ווייסט מע דאָס געוויס אויך אין ווין.), אַז עס זײַנען פֿאַר דעם געווען און עס זײַנען נאָך דאָ אַ סאַך אויסנווייניקסטע און אויך אינע־ווייניקסטע סיבעס. מילכאָמע, פֿאַרבלייכונג פֿונעם ראָמאַנטיציזם, די ניכטערקייט פֿון הײַנטיקן דאָר, די טראַגישע איבערלעבונגען פֿון דער רוסישער רעוואָליוציע — און נאָך און נאָך. דאָס אַלץ

האָט גוירעם געווען, אַז עס זאָל זיך ערד־ציטערדיק האָבן אַ וויג געטאָן דער ליטעראַרישער באָדן. קענען זיך זיין ניט־גלייבער, פּעסימיסטן וואָס זאָלן מיינען, אַז די וועלט ענדיקט זיך שוין אָט ווי אַמאָל — און נאָך איצט — די „קליינע מענטשעלעך"; און עס קענען ווידער זיין גלויבער, זעער, אָפּטימיסטן, וואָס זאָלן האָפן אַז די צעטומלעניש וועט זיך איינשטילן, אַז די גלייכקייט פון דער ליניע וועט זיך צוריק איינשטעלן, אַז ס'וועט ווידער קומען דער פעסטער טראָט, די זיכערקייט אין דער ליטעראַטור.

צו פּעסימיסטן, צו ניט־זעער וואָלט מע קיין טיינע ניט געקענט האָבן. אָבער קומען אַן אָנגעגורטער און אַ געשריי טאָן: באַ „אייך", באַ „אונדז" הערשט אַ „גייסטיקע דערשלאָגנקייט אין דער ליטעראַטור" — איז איבערטריבן און איבערגעשריען.

פאַראַן אָבער באַ אונדז איינציקע — מוישע גראָס איז ניט דער איינציקער — וואָס זעען (נעבעך!) נאָר אונדזער אונגליק, וואָס זעען ווי די דאַמבע פאַלט איין און איילן מיט רעטונגס־מיטלען:

— אַ ברעט שווימט! האַלט זיך אָן שאָלעם־אַליכעמען! (מוישע גראָס).

— ניין, שטעלט זיך ניט אַף דעם, דאָס איז אַ דורכגעפוילטע שטיק האָלץ! אַוועק מיט פּערעצן! (מוישע גראָס).

— כאַפּט זיך אַריין אין שיפל און שווימט צום ברעג — פּערעץ און נאָר פּערעץ! (ייסראָעל שטערן אין די „וואַרשעווער שריפטן").

— אַלע אַפן פּאַראָם אַרוף! כאַפּט זיך אָן אָן היסטאָרישע ראָמאַנען! (נאַכמען מייזל — ערגעץ).

— וואַרפט זיך אין הייליקן וואַסער אַריין. כאַפּט זיך אַרוף אַף „יאַקעָווס לייטער"! זוהר־קונסט, יידישע־קונסט. (א. צייטלין, אין די „וואַרשעווער שריפטן".).

— אין יאַם שטייט אַ שטיין, אַפן שטיין אַרוף, רעאַליזם! — (לעאָ פינקלשטיין — ווידעראַמאָל „וואַרשעווער שריפטן".).

אייצעס, פּלענער, פּראָגראַמען, געשרייען.

דערמאָנט דאָס מיר אַלץ אין אַ שאַרזש־סצענע, וואָס איך האָב מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געזען אין אונדזער נויאָרקער קונסט־טעאַטער. מע האָט אופגעפירט מוישע נאַדירס אַ קאָמעדיע. אַ מייסע

מיט יידן לוי־יוצלעכס, ליבע, אייפערזוכט, די ליידן פון פאָלק ייסראַעל, צאָרעס, פרייד. דער געליבטער וויל אַ קוש טאָן די געליבטע. מיטאמאָל הייבן זיך אוף אין די צוויי לאַזשעס, די נענטערע צו דער בינע, איינע לינקס, די צווייטע רעכטס, צוויי קליינטשיקע יידעלעך מיט גרויסע בערד און צעשרייען זיך אַזוי הייזעריק־קאָמיש:

— די צאָרע מיט דער יידישער ליטעראַטור...

מער זאָגן זיי ניט.

באַ יעדער סצענע אַף דער בינע דערזעלבער שאַרזשירטער געשריי:

— די צאָרע מיט דער יידישער ליטעראַטור...

און זייט דאָן, אַז איך הער די קלאָגעניש אַף אונדזער לאַגע אין דער יידישער ליטעראַטור מיט די וואַזשנע פּלענער דערמאָן איך זיך — זייט מיר מויכל — אָן יענעם קליינטשיקן באַבערדלטן שאַרזש...

* * *

מוישע גראָס האָט אַ האַרץ אַף פּערעצן. ער איז שולדיק אין אַלץ! (אַגעוו, אַ מאָדנע זאַך: דוכט זיך דאַווקע אין פּערעצעס טעג איז אין דער יידישער ליטעראַטור געווען אַ האַפּערדיקע, אַ גלוויביקע, אַן אופגאַנג־צייט!) אָבער קאָלעגע גראָס שטעלט זיך אַף איין ברעג פון דער הוידעלקע און ציילט אחת ואחת:

— פּערעץ איז אַ נודניק.

— פּערעצעס אידעישע פּרעטענזיעס!

— פּערעצעס אינטעליגענטישע מויעך־טרוקעניש!

— פּערעצעס סטיליזאַציע.

— פּערעצעס סנאָביזם.

— פּערעצעס כעדווע־שיראים.

און אַזוי ווייטער.

מאָדנע, דוכט זיך גראָס ברענגט עמעצע טיינעס קעגן פּערעצן, דוכט זיך, דאָ און דאָרט כאַפּט ער גאַנץ געשיקט זיך אָן אָן פּערע־צעס שוואַכקייטן. אָבער דאָך, דוכט מיר, איז גראָס ניט גערעכט — ניט צו זיך און ניט צו פּערעצן, און ניט צו אונדז. מיט גראָ־סעס מעטאָדע פון אַוועקשטעלן זיך אַף איין זייט פון דער הוידעלקע

און אזוי ארום אַפּרייסן פון דער ערד און קונציק אופהייבן דעם צווייטן, פון צווייטן ברעג, אין דער לופטן, קען מען אויך אַ טעל מאַכן פון „זיין״ שאָלעם־אַלייכעמען, דעם יעניקן שרייבער, וועמען מוישע גראַס האָט ליב און אין וועמענס פוס־שריט ער לאָזט גיין — אַמאָל פוקסן אַמאָל מאַני לייבן, אַמאָל בערגלסאָנען, אַמאָל אַשן צום לעצט אויך אַפּאַטאַשון. די נעמען בייטן זיך באַ אים... אַלנפאַלס, זיי אַלע הייסן באַ אים שרייבער פון הומאָר־באַנעם, „הומאָר אין ברייטערן זין״ — ווי ער האָט זיך ליב אויסצודריקן. איך, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד, וואָלט גיכער זען, באַ אַשן, לעמאַשל, אַ גייסטיקע נאָענטקייט צו פערעצעס ראָמאַנטישקייט און זיין אידעאַליזירונגס־מעטאָד; איך, ווייטער, זאָל מיר גראַס מויכל זיין, זע אַז עס קען זיך ווידער זיין דריי פאַרשיידענע וועגן: דער אידייען זוכער פּערעץ; דער קוואַליקער, פרישער שאָלעם־אַליכעם און אויך אַ דריטער סאָרט — דער ראָמאַנטיש־לירישער דערציילער. דריי וועגן און עפשער — נאָך מער. איך הייב, ווייטער גערעדט, גאָר ניט אָן צו באַנעמען צו וואָס מע מוז י. י. זינגערן דאַווקע נעמען פאַרן קאָלנער און אַריינשטעלן אין דער קונע אַריין פון „הומאָר אין אַ ברייטערן זין״, און אויך בערגלסאָנען דאָרט אין דערזעלבער קונע צוצוהאַלטן מיט אייזערנע ריטער... בערגלסאָן, לעמאַשל, האָט וויניק וואָס צו טאָן, אין ענגערן זין, מיט פערעצן און לויט מיין מיינונג נאָך וויניקער, מיט שאָלעם־אַלייכעמען. עפשער, ליבער גראַס, האָבן מיר גאָר אויך אַ דריטן צאַד, אַ פערטן צאַד?...

על כל פּנים, גראַס האָט זיך זיין מעטאָדע ווי צו פאַרטיליקן פערעצן.

באָרג איך אַף אַ ווײַלע זיי מעטאָדע און זאָג:

מיר מוזן מאַכן אַ רעוויזיע איבער דער קלוימערשטיקער גע־אוינעם פון שאָלעם־אַלייכעמען. וואָס פאַרגלייכט איר אים צו גאָגאָלן, צו מארק טווענען אפילע! ווי קומט איר גאָר רעדן פון שאָלעם־אַלייכעמען ווי פון אַ קינסטלער געמאָסטן מיט אַ וועלט־מאָס!

אחת ואחת:

שאָלעם־אַלייכעם איז אַ פּלוידערזאַק!

אין די מערסטע פון זיינע 30, צי מער בענדער, רעדט ער און רעדט אַז אַ שיער און אַן ענד, צעשמירט, צעפּלאָסן.

שאָלעם־אַלייכעם ווייס ניט דעם סאָד פון צימצעם.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אַפילע זיין טעוויען ניט אַריבערגע־הויבן איבער די קליינע ווענט פון דעם יידישן ליטעראַרישן תחום־שבת.

שאָלעם־אַלייכעם איז נאָך אַלץ אונדזער ליטעראַרישע געטאָ.

שאָלעם־אַלייכעם איז אָפּט שרעקלעך פלאַך, ביליק, וווּלגאַר; שאָלעם־אַלייכעם לעבט אָפּט פון האַנט אין מויל; שאָלעם־אַלייכעם האָט אין אַ סאַך זאַכן אַ נאַרישן וויץ צעשמירט אַף גאַנצע ביכער.

שאָלעם־אַלייכעם איז האַמוין און ניט אומזיסט איז ער אַזוי צוגענגלעך געוואָרן צו שאַמערס לעזער־קרייז, און ניט אומזיסט האָט ער אַזוי באַוווּסטזיניק קאָנקורירט מיט שאַמערן...

* * *

און אָט אַזוי האָב איך באַנוצנדיק גראָסעס מעטאָדע זיך אויך אַ כוצפּעדיקן און עפּשער נאַרישן וויג געטאָן אַף דער הוידלקע און — שאָלעם־אַלייכעם „פּלאַנטערט" זיך שוין מיט די פיס אין דער לופטן.

אָבער —

ניין, און ניין! צי אַ פּאָר פון מיינע עפּיטעטן אַף שאָלעם־אַלייכעמען זיינען גערעכט צי ניט — בין איך, נאַטירלעך, אַלץ אומגערעכט. שאָלעם־אַלייכעם וואָס איז באַ זיין גאַנצער קלוג־שאַפט געבענטשט מיט אַזאַ טמימעסדיקער פּאַרטראַכטקייט, מיט אַזאַ אינעווייניקסטער קוועלנדיקער ליריק, מיט אַזאַ זעלטענעם וואָרט־קלאַנג; שאָלעם־אַלייכעם וואָס איז צום ר י ט ם פ ו ן א ו נ ד ז ע ר ש פּ ר א ך דערגאַנגען, ווי קען מען אים אין אַ שאַרזשירטן טיינע־ווינקל אַריינשטעלן!?

און גייענדיק אַף צוריק צעפּאַלט זיך אויך אַזוי מ. גראָסעס קאָרטן־שטיבל, ווו ער האָט פּערעצן אַריינגעזעצט.

נעווייס האָט פּערעץ האַסקאָלעדיקס אין זיך, נעווייס האָט ער דאָ און דאָרט דאָס וואָס גראָס רופט „מויעך־גימנאַסטיק" — —

אָבער —

באַ דעם אַלעמען איז פּערעץ פאַר אונדז אַ דאַטע, אַ גרענעץ, אַן אָנטפּלעקונג.

קוידעמקאָל האָט פּערעץ אונדז געראַטעוועט פון דער ליטע־ראַרישער באַרעדעוודיקייט אונדזערער. פון לינעצקין אָן האָבן מיר גערעדט און גערעדט. צעפלאָסענע פּראָזע, צעפלאָסענער, גוט־ברודערישער אָן־סאַפּיקער סטיל. פּערעץ האָט די קורצקייט פון דער שורע געבראַכט, דעם צימצעם פון וואָרט. שאָלעם־אַליכעם האָט דאָס וואָרט אָנגעזאַמלט און פּערעץ האָט געזאָגט: „יקוו המים" — זאָל זיך דאָס וואָרט אונדזערס איינזאַמלען, צונויפדריקן, געדיכט ווערן, וואָגיק ווערן.

די קורצקייט פון סטיל, די געצאַקטקייט (ניט געצאַצקעטקייט!) פון דער שורע, די ציינערדיקייט פון וואָרט — דאָס איז פּערעץ, דאָס איז זיין סטיל. און דאָס איז ניט קיין פאָלקסטימלעכע סטיליזאַציע, כאָוועך גראָס, (וואָס דאָס איז צום טייל פּערעצעס קינסטלערישע שוואַכקייט) — ניין, דאָס איז שוין סטיל. און ביז צום היינטיקן טאָג איז די קורצקייט, איז די צונויפגעפּרעסטקייט פון דער שורע אין דער ניי־יידישער פּראָזע אַ דירעקטע וויטער־ציונג פון פּערעצעס אָנהייב.

ווייטער:

פּערעץ האָט אונדז געראַטעוועט פון דער באַדכאָנישער מאָנאָטאָנישקייט וואָס האָט זיך געצויגן פון אמאָל און ביז ווייט אין דער ניי־יידישער ליטעראַטור אַריין.

און ווייטער:

אויב שאָלעם־אַליכעם האָט אופגעכאַפּט דעם ריטם פון דער שפּראַך, האָט פּערעץ, און דאָווקע מיט זיין אידעען־דורשט, אופגעכאַפּט דעם ריטם פון דער פּערזענלעכקייט אונדזערער.

וואָס איז וויכטיקער?

ס'איז לעבערלעך צו מעסטן!

פּערעץ אַליין האָט זיך געמאַטערט זיין גאַנץ לעבן צו קינסטלערישער האַשלאָמע צו דערגיין. אָבער זיין איינפלוס אַף גראָסעס שאָלעם־אַליכעם־אָפּשטאַמלונגען איז זייער גרויס און באַ אַ רויק־

אנאַליטישער פאַרשונג, אַז פאָלעמישער היציקייט, וואָלט מע דאָס גרינג קענען דערגיין.

געוויס, גראָס ווייס פון פּערעצעס פעלערן, (מיר ווייסן אויך !...) אָבער גערעכט איז ער אַלץ ניט, איבערטריבן אין זיין „רעוויזיע" איז דער „רעוויזאָר" סיי־ווי !

פּערעץ האָט בכלל קינסטלערישן ליכט געוואָרפן אַף אונדזער ליטעראַטור: דערזעט, דערבליקט — אָט איז עס !

פּערעץ איז באַ אַנהייבן געבליבן ?

קען זיין. אָבער מיט דעם אַלץ איז ער שעפער, אונדזער שעפער. ס'איז דאָ ערגעץ אַ מייסע־בערייִשים־לעגענדע, אַז גאָט האָט באַשאַפנדיק די וועלט געלאָזט איין ווינקל רוי, ווילד און ער האָט צו אָדאָמען געזאָגט:

— גיי און דערענדיק אַליין !

און אויך פון פּערעצעס קלוגן בליק הער איך:

— אָט איז דער אָנהייב, דער „ערשטער אקט", — גייט, און דערענדיקט אַליין.

* * *

רעדנדיק וועגן גראָסעס פּאָלעמישקייט פון שרייבן, וועגן זיין נעגאַטיווער נייגונג, האָט ש. ניגער געזאָגט (אין אַ צייטונגס־אַרטיקל), אַז דאָס פירט צו איינטאָניקייט.

ניין, דאָס איז ניט דאָס ריכטיקע וואָרט.

איינטאָניקייט — דאָס וואָלט נאָך ניט געווען אַזאַ צאָרע. ערגער איז: איינזייטיקייט.

מע שניידט זיך צו אַ פּראָגראַם, מע גיט עס אַ נאָמען „הומאָר", מע סינאָנימיזירט דאָס מיט „געשטאַלט" און מע אידעעוועט דער־ווייל אַליין אַז סאָף און אַן אויסלאָז.

איך האַלט — אויב שוין יע רעדן פון: „די צאָרע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" — איז וועגן דעם, אַז מע האָט לעצטנס פאַרלוירן דעם אַלגעמיינעם באַנעם פון דער ליטעראַטור. מע רייסט זיך צו איינזייטיקייט, יעדער קומט מיט זיין צאַד, צי מיט זיין קלוגן, צי מיט זיין היסטעריש־פאַרשפּיצטן געדאַנק, יעדער טראָגט זיך אַרום מיט זיין באַזונדערן רעטונגס־גאַרטל.

דאָס אַלץ ברענגט צו פּאַרווירונג, צו צעטומלעניש, צו קליינלדיקייט, צו שמאָלקעפּיקייט, צו אַן אומגליק.

איינטאָניקייט — איז אַ פּערזענלעכע שוואַכקייט.

אָבער איינזייטיקייט — דאָס ווערט שוין אַן אַלגעמיינע צאָרע. איינער שמייסט פּערעצן; קומט אַ צווייטער און פּליקט אויס אַ בינטל האָר פון מענדעלים באָרד (עי דאָרט, דער ייד מיט דער פאַרשמאָלצענער קאַפּאָטע!... דוכט זיך אַפּאַטאָשום אַ קאַסדיקער אויסדרוק.) קומט אַ דריטער און שלאָגט אַשן (עי דאָרט, דער צעווילדעוועטער פערד מיט דער עראָטישער סלונע איבערן מויל!... — באַלדימיען.) און אַזוי קעסיידער, ביז צום יינגסטן טאַלאַנט אונדזערן. אַ פאַרשאָלטענער פעריאָד אַזאַ פון פאַנאַנדערפאַל, פון איינזייטיקייט, פון היסטערישער איבערטרייבונג.

* * *

און צו לעצט:

לייענענדיק מוישע גראָסן פילט זיך אַז ער וואָלט אַזוי גאָר ניט אין קאָס געווען אויף פּערעצן, ווען ניט די איצטיקע אַקראָבאַטישע „פּערעצלעך“; אָט די וואָס מויעכעווען, אָט די וואָס אידעעווען וואָס שלעפּן ליליסן אין דער ליטעראַטור אַריין, אָט די וואָס פאַרנודיען אונדזן —

אָבער —

עס זיינען אויך דאָ שאָלעם־אַליכעמלעך און צעבראָקלטע שאָלעם־אַליינכעמדיקייט דאָ און דאָרט. עס זיינען דאָ אַזוינע, וואָס מאָנאָלאָגעווען נאָך, וואָס סטיליזירן טעוויען, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט אַ ביליקן הומאָר, וואָס פאַרבייטן שאָלעם־אַליינכעמס פרישקייט פון וואָרט און שפּראַך אויף אומגעהויבלעוועטער לאָקאַליזאַציע, פּראָווינץ־אידיאָמאַטישקייט, און — אַזוי ווייטער.

איז וואָס?

# צווישן כאַלעם און וואָר

**י. ל. פּערעץ. יאָרצייט נאָך יאָרצייט; 10 יאָר, 15 יאָר,** מער — אָבער מיר גדענקען אים, ער, וואָס האָט אונדז די פּערעץ־לעגענדע איבערגעלאָזט.

יאָר נאָך יאָר.

דורך די יאָרן איז אונדזער יידישע סוויווע צעפאַלן, אונדזער לעבנס־שטייגער האָט זיך אַזוי ראַש געענדערט. אָבער פּערעץ ליגט ניי פאַר אונדז, אַ לעבעדיקער, ווייל פּערעץ האָט אונדז כאַלעם געלאָזן. מענדעלעס און שאָלעם־אַליכעמס סוויווע איז אונטערגעגאַנגען. דער „העקדעש" ווערט אַלץ מער אָפּגערוקט פון אונדז, און איידער אונדזער נייע „סוויווע" געשטאַלטעט זיך מוזן מיר אין אונדזערע טעג מער פון אַלץ אָן כאַלעם זיך אָנהאַלטן...

פּערעץ האָט געפּרוווט אָפּרייסן זיך פון סוויווע, צוגעבן עפּעס צו סוויווע, אָדער בעסער געזאָגט: ניט פאַרלאָזן זיך צופיל אַף סוויווע, אַף מיליע. פּערעץ האָט אַריינגעבראַכט דעם כאַלעם אין אונדזער ליטעראַטור. פּערעצעס אָטעם איז געווען:

„אין פינצטערניש און נאַכט,
די לעגענדע וואַכט..."
(פון „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק", דריטער אַקט.)

פּערעץ האָט געכאַלעמט. ס'וואָלט ניט געווען גאָר ריכטיק צו זאָגן, אַז פּערעץ האָט בלויז פאַנטאַזירט, אַז ער האָט אַריינגעבראַכט אַ פּאָעטישן הויך, אַ פּאָעטישן אָטעם אין אונדזער פּראָזע־ליטעראַטור. דאָס איז זיך עמעס. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. הויפּטזעכלעך דאַרף מע געדענקען, אַז פּערעץ האָט געכאַלעמט. אין יעדער וואַכעדיקער זאַך וואָס ער האָט געזען האָט ער נאָך עפּעס געזען, עפּעס אַזוינס וואָס דער מיליע־שרייבער זעט געוויינלעך ניט. „אויב ניט נאָך העכער" — איז דאָ בײַ אים אַ ווערטל. און דאָס איז פאַר אים זייער כאַראַקטעריסטיש. פּערעץ האָט געזען — אַלנפאַלס, שטענדיק געוואָלט זען: אויב

ניט נאָך העכער; טיף, אויב ניט נאָך טיפער; ווייט, אויב ניט נאָך ווייטער...

פּערעץ האָט אין זיינע פּאַשעטע העלדן, אין זיינע וואַסער־טרעגער, אין זיינע אָרעמע מיידלעך, אין זיינע נאָכמענקע זשבאַר־זשעס, אין זיינע קעלער־שטוב־מענטשן, אריינגעכאַלעמט פאַר־הוילענע הינטערגרונט־געשטאַלטן. דאָרט וווּ ער האָט כאַלעמען ניט געקענט, אָדער באַוווסטזיניק ניט געוואָלט, איז ער געוואָרן סאַטיריש, בייסיק, שטעכיק אַפילע.

דער באַדכן אין זיין „באַנאַכט אַפן אַלטן מאַרק" איז אַ ווויזיאָ־נער (איז דער באַדכן אָקאָרשט ניט פּערעץ אַליין?...) אַ זעער, ער רופט די מייסים פון דער ערד אַרויס.

דער פאַרליבטער זינדיקער אין „פּאַליש אַף דער קייט", איז אַ זעער, אַ באַל־כאַלוימעס, ער זאָגט:

— "אין מיר האָט אופגעפלאַמט אַ רויז
ווילט איר, דערנער, שטראָפן מיך?"

און אַזוי עקסטאַטיש, — (אויב ניט נאָך העכער!) — איז דער רעוואָלטירנדיקער רעבי שלוימע אין דער „גאָלדענער קייט", דער רעבי וואָס וויל קיין האַוודאָלע ניט מאַכן, וואָס וויל מיט גוואַלד, „דיקטאַטאָריש", איינפירן אַן אייביקן שאַבעס אַף דער וועלט, אייביקע לייטערקייט, לויטערקייט, אייביקע ליכטיקייט אַף דער ערד!

דער באַדכן, דער זינדיקער, רעב שלוימע — אָבער אַ שטיק פון דעם באַדכן זעט פּערעץ אויך אין זיין כאַים וואַסערטרעגער, אין זיין דאָרפסגייער; אַ גילגל פון זינדיקע — אין זיין פּאָרעש, וואָס בענקט נאָך זיין געשטאָרבענער ווייב, אין זיינע בלאַסע יישיווע־באָכערים, אין זיינע אָרבעטער־טיפּן. ער זעט אין זיי אַלעמען דעם אָפּגלאַנץ פון זיין „זינדיקן", פון זיין שלוימען, פון זיינע ווויזיאָנערן, פון זיינע גרויס־כאַלעמער.

קימאַט אין אַלע זיינע מענטשן ליגט באַהאַלטן אַ שטיק פון עליאָקע האַנאָווע, פון רעב לייב סאָרעס, פון באַלשעמטאָוו.

מע זאָגט: פּערעץ האָט אידעאַליזירט זיינע טיפּן. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: פּערעץ האָט אריינגעכאָלעמט זיינע כאַ־לוימעס אין אַלע זיינע מענטשן.

ס'איז אזוי: פאַראַן אַ שרייבער וואָס דאַרף שטענדיק קוקן אויף זיין מאָדעל, אויף זיין העלד (אָט אזוי ווי אַ מאָלער, וואָס וויל אָראָפּכאַפּן עפּעס אַ זעלטענעם קאָפּ). אַ קוק און — אַ שרייב, אַ בליק און — אַ צייכן. אַזאַ שרייבער קען פון גרויס קוקעניש פאַראידעאַליזירן זיין העלד (ווי אַ מאַמע איר קינד, אויף וועמען זי הערט ניט אויף צו קוקן) עס הייסט, ער לאָזט דעם העלד שטיין ווו ער שטייט, אין דערזעלביקער סוויווע, ער לאָזט דעם העלד רעדן מיט זיין געוויינלעכער שפּראַך, נאָר ער צאַצקעט זיך מיט יעדן וואָרט פון זיין העלד, מיט זיין יעדער מינע, ער גלעט אים איבערן קאָפּ, ער קוקט אים אין די אויגן אַריין — געזונט זאָלסטו זיין!...

דאָס מיינט — אידעאַליזירן אַ העלד.

פאַראַן ווידער אַ שרייבער וואָס קוקט קימאַט גאָר ניט אויף זיין העלד און אַז ער קוקט שוין יע, — זעט ער אים ניט... דער־דאָזיקער שרייבער טראַכט צו זיינע העלדן, ער פאַנטאַזירט זיי אינגאַנצן אויס, זיי שטייען אויף פאַר אים, ווי סימבאָלן, גע־שפּענסטערהאַפטיק.

פּערעץ ווידער, ווי איך זע אים, איז זיך מיט זיינע טיפּן, מענטשן, העלדן, אַזוי באַגאַנגען: ער איז אַרוים אין גאַס אַ קוק צו טאָן אויף זיין העלד, ער איז געגאַנגען זען, צי ער איז נאָך דאָ, מיט זיין קינסטלערישן ליכט האָט ער, ווי דיאָגענעס מיט דער לאַמטערנע, זיין מענטשן געזוכט, און ווי נאָר ער האָט אים דער־זען, איז פּערעץ אהיים געגאַנגען, פאַרמאַכט די אויגן און אַריינ־געפאַלן אין דווייקעס, אין חלוימעס... פּערעץ איז דעריבער יע נאָענט צו דער סוויווע און אין דער זעלבער צייט ווייט פון דער סוויווע. אַ שרייבער מיט חלוימעס. אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „טרוים־בילדער".

דעריבער איז דאָ בײַ פּערעצן אַ ניט־גלייכקייט, אַ מין ניט־אויסגעהאַלטנקייט אין זיין שרייבן, אַ ניט־גאַנצקייט אין זיין קינסטלערישן יעש — סוויווע געמישט מיט חלעם, חלעם גע־מישט מיט וואָר. ער האָט זיך שטענדיק געמאַטערט צו שאַפן אַ סינטעז, אַ צוזאַמענבונד צווישן סוויווע און חלעם און ניט אַלעמאָל איז דאָס אים געלונגען. לאָמיר נעמען, לעמאָשל, זיין „גאָלדענע קייט". פּערעץ רופט עס אָן: „אַ חסידישע פאַמי־

ליען־דראַמע". ס'הייסט אַ זאַך פֿון לעבן, אַ געשעעניש אין אַ פֿאַמיליע, אַ סוויווע־זאַך. אָבער דער ערשטער אַקט פֿון דער „קייט" איז ניט צוגעבונדן צו קיין „פֿאַמיליען־פּאַסירונג". שלוימע, דער רעבי, וואַקסט דאָרט אויס, אין פּערעצעס כאַלעם, צו אַ הויכער הייך, צו אַ פּאָעטישער געשטאַלט, וואָס קוקט אַריבער איבער אַלע „פֿאַמיליעס" — כאַסידישע און מיסנאַגדישע, און אויך איבער פֿאַמיליעס פֿון היינטיקע מענטשן, פֿון וועלטלעכע מענטשן.

דאָס איז אַלץ אין דעם ערשטן אַקט. אָבער דערנאָך, ווייטער, פֿאַלט די דראַמע, זי פֿאַלט אַראָפּ פֿון איר הימל־שוועבנדיקייט צו דער פֿלאַך פֿון סוויווע, צו דער „כאַסידישער פֿאַמיליע" — דער טאָן בייט זיך, דער סינטעז צווישן „פֿאַמיליע און וועלט" ווערט צעריסן.

און דאָס האָט מיט פּערעצן פּאַסירט ניט נאָר אין דער „גאָלדענער קייט". אין אַ סאַך פֿון זיינע אַלערלייקע שאַפֿונגען. פּערעץ האָט געליטן פֿון דעם, וואָס ער האָט זיך קימאַט טאָמיד געפֿונען צווישן כאַלעם און וואָר.

* * *

פּערעץ האָט נאָך זיינע פּאָשעטע מענטשן מיט כאַלוימעס זיך געיאָגט. און דאָרט ווו פּערעץ האָט דעם כאַלעם הינטער זיך, אָדער באַהאַלטן אין זיך, געלאָזן, איז ער סאַטיריש געוואָרן. פּראָסט־פּאָשעט, גלייכגילטיק, צו קוקן אָף דער סוויווע האָט ער ניט געקענט. ער האָט באָנציען, צום ביישפּיל, אַ סאַך מאָל געזען. געזען פֿריער איידער מע האָט אים, באָנציען, אַן אַריבער־געפּאָרענעם אוועקגעפֿירט אָף דעם אוילאָם האַעמעס צו דער פּמליא של מעלה. ער האָט דעם ליידנדיקן, געבויגענעם באָנציען געזען אין פֿאַרשיידענע געשטאַלטן. ער האָט אים געזען בּאָם שירייעם־טיש אין זיין „כאַסידיש", ער האָט אים געזען אין זיינע „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן": אין די „דריי מאַטאָנעס", אין „קונצנמאַכער", אין זיינע „קעלער איינוווינער" און נאָך, און נאָך. באָנציע, דער געדולדיקער, איז דאָך פּערעצעס הויפּט־טאָן, זיין ניי־געשטאַלט אין זיין שאַפֿן. אָבער איינמאָל האָט פּערעץ זיין „באָנציע שוויַיג" אַ נאַקעטן דערזען, אַ נאַקעטן, ווייל אַ טויטן

שוין, אַן אויסגעטאַנענעם, אַן אָפּגעשייטן פון די ערדישע „טרוים־בילדער“, און פּערעץ איז צו זיין אַלטן טיפּ סאַטיריש געוואָרן. באַנציע שטייט פאַר דער פּמליא של מעלה און מע פרעגט בא אים וואָס ער וויל, וואָס פאַר אַ סכאַר ער וויל באַקומען פאַר זיינע ליידן, פאַר זיין געדולדיקייט, פאַר זיין שווייגנדיקער ערלעכקייט. קלייב זיך אוים וואָס דו ווילסט — זאָגט מען אים.

און באַנציע — זאָגט פּערעץ מיט אַ סאַטירישן שמייכל אָפּן מויל — האָט געענטפערט: „אויב אַזוי, וויל איך טאָקע אַלע טאָג אין דער פרי אַ הייסע בולקע מיט פּוטער!“...

אַ סאַך מאָל איז פּערעץ אַזוי סאַטיריש געווען. פון דעם טייל אין זיין שאַפונג איז „באַנציע“ די גרעסטע זאַך, פּונקט ווי דער ערשטער אַקט פון דער „גאָלדענער קייט“ איז די בעסטע דערגריי־כונג זיינע פון זיין „כאָלעם“! פון דעם וויזיאָנערישן טייל אין אים.

פּערעצעס סאַטירע איז פול מיט ליכטיקייט, מיט קינסטלערי־שער לייטזעליקייט. און אַזוי איז פּערעצעס רעוואָליוציע, כאָס, פול מיט טראַגיק, מיט צאַר. פּערעץ האָט אייגנטלעך יע געגלויבט אין דעם מענטשן. און דאָך זיינען זיינע רעוואָליוציאָנערן זייער טראַגיש. זיין שלוימע פאַלט, זיין „זינדיקער“ פאַלט אין אַצוועם אַריין, זיינע מייסים יאָגן צוריק אין די קוואָרים אַריין... פּערעץ רעדט אָפּט פון אַ קראַנקער וועלט. די וועלט וויל דערלייזונג. ווו איז די דערלייזונג? די פראַגע ליגט אויף די ליפּן פון אַ סאַך פון זיינע העלדן. פּערעץ איז אָפּט פּעסימיסטיש. ווי שנעל זיין גלויבן ווערט דאָס פאַרוואַנדלט אין צווייפל, זיין זיג אין מאַפּאָלע, זיין שמייכל אין — ייעוש! ! אהין און צוריק, ווי אַ וויג! אַרויף און אַראָפּ, אַן אַליע און אַ יערידע. צווישן טאָג און נאַכט.

פּעסימיזם בא אַ פּאָעט איז ניט קיין ניים. אַראָפּפאַל נאָך אַן אַרופשטייג איז אַן אָפּטע זאַך אין דער ליטעראַטור, אין קונסט. אָבער איין ניים איז יע דאָ אין פּערעצעס טרויער, אין זיין צאַר. און דאָס איז: זיין פרוכטבאַרער טרויער. דער צאַר זיינער איז אַזאַ וואָס טרייבט צום לעבן, וואָס רייסט זיך צום לעבן. ס'איז ניט קיין העוול־האַוואָלים טרויער, נאָר אַ טרויער וואָס זאָגט: די וועלט איז שלעכט, די נאַכט איז פינצטער, די מענטשן זיינען

קליין, אָבער דער „אויער לעכצט צו הערן, וואָס די לעגענדע פאַר־צײלט“, דאָס האַרץ בענקט צו כאָלעם. פּערעץ האָט געזאָגט: „קליינע יידעלעך, געפרוירענע נעשאָמעלעך“. —

אויסגעלייזט מוז ווערן די וועלט!
שאַבעס זאָל זיין!
ניט געאַקערט, ניט געזייט,
ניט געבויט און ניט פאַריכט,
ניט געהאַנדלט, ניט געוואַנדלט.
— — — — — — — — — — — —
און מיר —
מיר שאַבעסדיקע,
מיר יאָנטעוודיקע,
מיר, נעשאָמע יעסיירעדיקע,
ווען איבער כורוועס גיין!
— — — — — — — — — — — —
און אָט אזוי —
אזוי גייען מיר,
זינגנדיק און טאַנצנדיק,
מיר גרויסע, גרויסע יידן,
שאַבעס, יאָנטעוודיקע יידן,
די נעשאָמעס פלאַקערן,
פאַר אונדז וואַלקן שפּאַלטן זיך,
הימלען פראַלן די טויערן אוף.
צום קיסיי האַקאָוועד! —
און מיר בעטן ניט,
און מיר בעטלען ניט,
גרויסע, שטאָלצע יידן זיינען מיר!

דאָס איז געווען גאָר אַ באַזונדער סאָרט פרייד, גאָר אַ באַזונדער סאָרט טרויער, וואָס האָט זיך אין אונדזער ליטעראַטור צע־שפּרייט און אויפגעלויכטן. די פרייד פון אַקשאָנעס, די פרייד, אויב ניט פון לעבן איז — פון ווע לן לעבן!

און אָט דער טאָן האָט באַווירקט אַ סאַך שרייבער פון דעם יינגערן דאָר. דידאַזיקע ווירקונג פּערעצעס איז געווען און איז אַ דויערנדיקע, אַ פאַרוואָרצלטע אין דער יידישער פּסיכיק, אין דער יידישער פּערזענלעכקייט.

רויקער — סיי ווי אין זיין סאַטירע און סיי ווי אין זיין טרוים, — איז פּערעץ געווען בלויז אין זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“. דאָרט האָט ער זיך אַביסל אָפּגערוט.

פּערעץ איז דורך די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“ דערגאַנגען צו דער מענטשלעכער עטיק, צו דער יידישער עטיק, צו דער דער־

הייבונג פון דעם יאַכיד. פון זיינע פאָלקסטימלעכע געשטאַלטן האָט ער בעטאָכן געשעפּט, בעטאָכן און לעבנס־רוּיקייט. דער הויפּט־העלד פון זיינע געשיכטן איז בּאַ אים אייגנטלעך אַ מין טעוויע, נאָר אַזאַ וואָס ווייסט אַ פּאָסוק, וואָס קען אַ פּאָסוק, וואָס האָט זיך זיין גראַדן, זיכערן דערעך אין לעבן — אַ טעוויע, וואָס וויים דעם ריכטיקן טייטש פון לעבן. דאָ און דאָרט איז די אָדער יענע געשיכטע צופיל פּאַרסטיליזירט, סענטימענטאַליזירט, פּאַרדווייקעט; אָבער מיר זיינען פּערעצן מויכל — אין זיינע פאָלקס־געשיכטן האָט ער גאַנצקייט אונדז געוויזן, גאַנצקייט פון אונדזער אינערלעכן לעבן.

* * *

צום סאָף וויל איך זאָגן:

פּערעץ האָט אונדז אַ נייעם סטיל אין דער ליטעראַטור געבראַכט. די קורצקייט פון דער פּראָזע, די צונויפגעפּרעסטקייט פון זיין זאַץ ווירקט נאָך ביז צום היינטיקן טאָג.

פּערעץ האָט אונדז פון דעם אייביקן יידישן, יידענעמעסיקן מאָנאָלאָג געראַטעוועט.

אויב מענדעלי האָט וואָרט צו וואָרט, ווי ציגל צו אַ ציגל געטראָגן, און אַ ביניען געבּויט, האָט פּערעץ אין ביניען פענצטער דורכגעהאַקט, קינסטלערישן ליכט געוואָרפן: קומט און זעט!

פּערעץ האָט אונדז אידעאַליסטישן אָנהאַלט געגעבן. אין דעם איבערגאַנג פון קלויז צו וועלטלעכקייט האָט פּערעץ דעם נייעם יידן טיפקייט געבּראַכט, אַ בריק אויסגעבויט, אַ וועג אויסגעטראָטן.

אויב שאָלעם־אַלייכעם האָט אַזוי וווּנדערלעך דעם ריטם פון אונדזער שפּראַך אויפגעכאַפּט, האָט פּערעץ דעם ריטם פון דער יידישער פּערזענלעכקייט געכאַפּט. אויב שאָלעם־אַלייכעם האָט אונדז טיפן געגעבן, האָט פּערעץ געשטאַלט געשאַפן.

אויב דער און יענער שרייבער האָט די וואָך געזען, האָט פּערעץ דעם „טרוים פון אייביקן שאַבעס" פאַר אונדז איבערגעלאָזט.

און מיר דערמאָנען אים און — כאַלעמען.

# אינהאלט

## א. איך און מיין כאווער.


1. אין די עווענוס פון גרויסשטאט — 9
2. דער מארש פון די טויטע — 25
3. דאס אפגעשפארטע — 33
4. נאכט — 38
5. מיר פאעטען — 43
6. פאעזיע — 49
7. דאס אויג וואס זעט און דאס אויג וואס וויל זען — 54
8. די ערשטע שורע — 59
9. הארבסט — 62
10. דער פאעט — 65
11. אין שאטן פון טויט — 69
12. איך בין מעקאנע... — 72


## ב. די שייכעס פון ווארט צו ווארט.


שטודיאום־עסיי וועגען גראם אין שפראך און ליד.—אריינפיר.—ווארט און בילד.—ווי אלט איז דער גראם?—דער אינהאלט פון גראם.—די דריי גראם־גרופן.—וועגען גראמען צווישען ווערטער וואס שטאמען פון העברעיש מיט אנדערע אידישע ווערטער.—עטלעכע ווערטער וועגען דער ענטוויקלונג פון אידישען גראם אין אלגעמיין.—סאף־ווארט. — 72


## ג. אין דעם ליכט פון אונדזערע טעג.


1. אין דעם ליכט פון אונדזערע טעג. (וועגן דער ליטעראטור אין סאוועטן־פארבאנד) — 131
2. וויג־לידער און אנדערע לידער — 144
3. ווארט — 147
4. גראפאמאניע — 152
5. אונדזער ליד אין אמעריקע — 157
6. פון גרויסען „שמערץ“ ביז דער גרויסער „פרייד“ — 165
7. דריי געשטאלטן — 175


## ד. שארזשען.


1. דער „לעזער“ — 183
2. מוישע—דער שווערדן־שלינגער — 187
3. אז א נאמען — 191
4. זיבן קריטיקער — 193
5. די יידינע מיט דער האנט אף דער באק — 196
6. דער מענטש מיט'ן שראם אפן פאנעם — 198
7. דער גראמאמאן — 199
8. פארנאסע — 201

## ה. יידיש.


1. פון דער ווייט געזעז — 205
2. מיר און אונדזערע ברידער — 212
3. אונטערגאנג — דע־לוקס — 217
4. יידיש — 223
5. דער גאנצער נאמבערג — 230
6. שבחים — תציל ממות... — 233
7. דער געבענשטער דאר — 237
8. קינדער־טיפעז ביי שאלעם אש'ן — 241
9. אין איין האנט א שווערד און אין דער צוויטער א פעז — 247
10. געזאנג — 253
11. אומדרוקבאר — 256
12. שאלעם אליכעם — דער פראלעטאריער — 260
13. פערעץ און שאלעם אליכעם — 262
14. צווישעז כאלעם און וואר — 270



LIBRARY
UNIVERSITY OF TORONTO
CANCELLED
JUN 17 1997